STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09147

FORT A ID NOKH ERTS YISROEL

Samson Erdberg

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ש. ערדבערג

פאָרט אַ איד נאָך ארץ ישראל

רייזע בילדער

ניו יאָרק, תרפ"ו, 1926

Copyright 1926
By
S. ERDBERG

דעם אנדענק פון מיין טאַטע
ר׳ ראובן בר׳ שמשון אליעזר ז״ל

פאָרט אַ איד נאָך ארץ ישראל

א

„פאָרט אַ איד נאָך ארץ ישראל".

אַ מאָל איז דאָס געווען אַ לעגענדע. אין די שטעטלעך האָט מען דאָס געזונגען:

„פאָרט אַ איד נאָך ארץ ישראל".

און היינט פאָר איך נאָך ארץ ישראל.

„אויב איר ווילט איז דאָס נישט קיין לעגענדע".

איך בין געווען אַ קליין קינד. משיח האָט געלעבט אין מיין בלוט. מיין וויגליד איז געווען:

„אַז משיח וועט קומען".

אַז מען קען פאָרען נאָך ארץ ישראל אָהן משיח, האָב איך נישט געוואוסט.

משיח וועט קומען און מיר וועלען אַלע גיין נאָך ארץ ישראל. אַלע, מיט דער שול, מיט'ן בית המדרש און מיט'ן „שטיבעל".

איך בין אָפט געגאַנגען צום באַרג הינטערן שטעטיל, גע־קוקט אויף איהם און געוואַרט, טאָמער באַווייזט זיך אליהו הנביא און זאָגט אָן די בשורה.

אוי, וואָלט איך געלאָפען אין שטעטיל אַריין און געשריגען:

— אידען, עס קומט משיח!

איך בין געוואָרען עלטער. איך האָב שוין געוואוסט, אַז מען דאַרף נישט וואַרטען אויף משיח'ן צו פאָרען נאָך ארץ ישראל. מען קען פאָרען, אויב מען וויל.

בין דערנאָך געווען אין פּאַריז און דאָרט זיך געגרייט צו פאָ־רען נאָך ארץ ישראל. און עס האָט אויסגעבראָכען די מלחמה. און איך בין געפאָרען נאָך אַמעריקאַ. און היינט פאָר איך נאָך ארץ ישראל.

מיט צעהן און א האלב יאהר צוריק. אין ערשטען פייער פון קריג.

א יונגער איד, וואס האט שוין געוואנדערט איבער עטליכע לענדער, איז אנגעקומען נאך פאריז. אויגען בייזע האבען גע־קוקט אויף איהם פון אלע זייטען: וואס גייט ער דא ארום? וואס איז ער נישט אויפ׳ן שלאכטפעלד?

און דער יונגער איד האט באשלאסען וואנדערן ווייטער.

א קרוב פון אמעריקא האט איהם געשיקט א שיפסקארט און ער פארט, ער פארט נאך אמעריקא.

אן אלט קליין שיפעל, דריטע קלאס. ארעם, נאקעט, די טיר־שען נאקעט, אלט, צובראכען, און אזוי די שטולען, און אזוי דאס גאנצע שיפעל. אן אפגעלעבט פראנצויזיש שיפעל.

עס איז געווען דעצעמבער. א גרויסע קעלט, שטורמווינטען. דאס שיפעל האט זיך, נעביך, געווארפען צווישען שטורמבערג וואסערדיגע.

און די מענשען אין שיפעל האבען זיך מיטגעווארפען מיט׳ן שיפעל. עס גיט א פאל דאס שיפעל רעכטס, און אלץ פאלט מיט. שווינדלענדיג ווארפט זיך שוין דאס שיפעל לינקס און אלץ פאלט מיט.

צווישען אלץ און אלעמען איז געווען דער יונגער איד. א פרעמדער צווישען פרעמדע. זיין שכן אין קעמעריל איז געווען א שפאניער. איין גורל פירט ביידען, איין שטורמווינט ווארפט זיך מיט זיי. און זיי פארשטייען נישט איינער דעם צווייטען׳ס לשון. פרעמדע, זיי קענען נישט טרייסטען איינער דעם אנדערען אין דער שעת־סכנה.

נישט געגעסען, נישט געשלאפען, קראנק איז דער יונגער איד געפארען נאך אמעריקא און עס האט איהם באנג־געטאן, און ער האט גערעדט צו זיך אליין:

— ווען עס וואלט נישט געווען קיין מלחמה, וואלט איך דאך איצט געווען אין ארץ ישראל!

און אז גאט העלפט —

עס זיינען אוועק צעהן מיט א האלב יאהר. און עס פארט

דער יונגער איד נאָך ארץ ישראל. און ער פאָרט אויף אַ אידישע שיף מיט אַ אידישען פאָהן און ערשטע קלאַס.

אַן אייגענער צווישען אייגענע איז דער יונגער איד אויף דער אידישער שיף. די גאַנצע שיף־משפחה האָט איין גורל און איין לשון. איינער פארשטייט דעם אַנדערענס רייד. איינער פאַר־שטייט דעם צווייטענס געדאַנקען. זיי האָבען נישט מורא פאַר קיין שטורם, דעם גרעסטען, זיי וועלען זיך דאָך קענען טרייסטען און בארוהיגען איינער דעם אַנדערען. אַלע ריידען איין לשון. אַלע ריידען — ארץ ישראל.

און עס אַרען נישט די ים'ען, די טעג פון הימעל־מיט־וואַסער שרעקען קיינעם נישט, מען איז דאָך אין אַן אייגענער היים. און וואָס האָט מען דען מורא אין אַן אייגענער היים? די זיכערקייט פון היים איז פול אין אַלעמענס בלוט. און מעג עס דויערען ווי לאַנג — קיינער ווערט נישט אומרוהיג. אייגענע מיט אייגענע, אויף דער אידישער שיף מיט דעם אידישען פאָהן.

אַלץ — אַז גאָט העלפט.

דער יונגער איד, וואָס איז געפאָרען מיט צעהן און אַ האַלב יאָהר צוריק נאָך אַמעריקע אויף דעם אַלטען, אָפּגעלעבטען פראַנ־צויזישען שיפעל, דריטע קלאַס, איז — איך; און דער יונגער איד, וואָס פאָרט איצט מיט דער אידישער שיף מיט אַ אידישער פאָהן און ערשטע קלאַס איז — איך.

אַז גאָט העלפט.

דרייסיג יאָהר האָב איך גע'חלומ'ט אַ חלום. דעם חלום פון דער וועלט. דער חלום — ארץ ישראל. אין די קינדער־יאָהרען גע'חלומ'ט און געהאָפט אויף דעם גרויסען נס, משיח זאָל קו־מען און אונז פיהרען נאָך ארץ ישראל.

שפּעטער האָב איך גע'חלומ'ט נישט אויפ'ן וועג פון אַ נס. גע'חלומ'ט צו נעמען און פאָרען נאָך ארץ ישראל.

און אויב מיין היינטיג פאָרען נאָך ארץ ישראל איז נישט גע־שען דורך דעם גרויסען, אויסגעהאָפטען נס פון מיינע קינדער־יאָה־רען, אויב עס איז ניט דורך משיח'ן, איז עס דאָך אַ גרוים נס.

ווייל אָרעם בין איך געקומען נאָך אַמעריקאַ. אויף אַ פרעמד

שיפעל, אַן אַלט שיפעל, אַן אָפּגעלעבטס און דריטע קלאַס, צווי־שען פרעמדע.

און איך פאָר נאָך ארץ ישראל מיט אַן אייגענע שיף, אַ אי־דישע שיף, מיט אַ אידישען פאָהן און ערשטע קלאַס.

ווי אַ פרום־אידישער חתן, וואָס פאַרט זעהן דאָס ערשטע מאָל זיין כלה, פאָר איך, אין מיין פרומער ליבע צו דיר, כלה מיינע, ארץ ישראל, דיך זעהן דאָס ערשטע מאָל.

די „אידישע מלוכה״ אויפ׳ן ים

ב

אויב די אידישע מלוכה אויף דער יבשה וועט לעבען אַזוי רוהיג און פרידליך ווי אונזער „אידישע מלוכה״ אויפ׳ן ים, אויף דער אידישער שיף, וועט זי עקזיסטירען אייביג.

מיר האָבען אַלע מאָל גרויס מחלוקת אין דער „אידישער מלוכה״ סיי אין ארץ ישראל ווי אין חוץ לארץ. אין די אַלטע צייטען ווי אין די נייע.

אונזער קלענסט מלוכה׳לע, אפילו קלענער פון סאַן מארינא, אַ „סאָסייעטי״ פון אַנדערהאַלבן מנינים, האָט נישט שלום צווישען זיך.

און דאָ אויף דער אידישער שיף, אין מלוכה פון הונדערטער אידען, אַלטע און יונגע, גרויס און קליין, מענער און פרויען, איינ־וואוינער פון די מערסטע שטאַאַטען פון אַמעריקע, פון ניו יאָרק ביז סאַן פראַנציסקאָ — און מיר האָבען שלום צווישען זיך.

רעפאָרמער און פרומע אידען, ציוניסטען און נישט־ציוניס־טען; אַזעלכע, וואָס ווייסען עפּעס און אַזעלכע וואָס ווייסען גאָר נישט. און עס איז שלום על ישראל אויף דער אידישער שיף.

און נישט גלאַט אַ שלום אַ קאַלטער, אַ ווייטער, נישט אַ שלום פון נישט קריגען זיך, פון לעבען אָפּגעזונדערט. נאָר אַ שלום פון שלום. דוקא אויסגעמישט גרופּע מיט גרופּע, אָהן גרעניצען און עס איז ליהודים.

און וואו נעמען דאָס הונדערטער אידען, וואָס איטליכער באַ־

זונדער איז אַ וועלטיל פאַר זיך, אַזוי פיעל צוטרוי איינער צום צווייטען ?

איין מענש פאַרדעכטיגט דעם צווייטען סיי אויף דער יבשה ווי אויפ׳ן ים, איך ווייס — דאָס ערשטע מאָל, ווען איך בין געפאָרען אויף אַ שיף, האָט איינער נישט געגלויבט דעם אַנדע־רען. מענשען פרעמדע, בליקען פרעמדע, דערשראָקענע, פול פאַר־דאַכט, מיט די הענד אויף די קעשענעס און די פאַר סענט. און דאָ — אָפען אַלע טירען און אַלע קעשענעס און קיינער האָט ניט מורא, טאָמער וועט אים פעלען עפּעס.

איך זעה אַ אידען פון סאַן פראַנציסקאָ און איך נעם איהם אַרום ווי אַ נאָהענטען, אַ איד פון קאָלאָמבוס דערזעהט מיך און נעמט מיך אַרום. דער שיקאַגאָ׳ער מיט דעם באַלטימאָרער שמועסען פאַרטרויליך. מען דערציילט זיך סודות פון אונטערן האַרצען, ווי ברידער צו ברידער.

און טאָמער זאָגט איינער, אַז ער ברויך אויף דער מי־נוט אַ צעהן דאָלאַר, וועלען איהם אַ צעהן הענד אויסשטרעקען געלד:

— נאָט, נעמט.

מען טיילט זיך מיט משקה, מען טיילט זיך מיט פּאַפּיראָ־סען, מען טיילט זיך מיט ציגאַרען, איין משפחה, זי קריגט זיך ניט איבער ירושה, זי רייסט זיך נישט אַרום איבער מיינונגען און געדאַנקען, ווייל האָט דאָך איטליכער דעם זעלבען געדאַנק — ארץ ישראל.

איינער איז נישט מעהר יחסן פון צווייטען. קיינער פיהלט נישט דעם צווייטען אין זיין וועג. עס איז גרויס גענוג פאַר מיר און פאַר דיר. און דו ביזט אַזוי גרויס ווי איך — פאָרען מיר דאָך ביידע זעהן דאָס הייליגע לאַנד.

עס איז צו שווער און צו גרויס פאַר דעם קלאָרסטען, ליכטיג־סטען אויג צו זעהן דאָס אידישע פאָלק אויף דער יבשה.

צושפּרייט איבער אַלע לענדער, צוזייט איבער אַלע ימים און אינזלען, צוואָרפען איבער שטעדט, שטעדטלאַך און דער־

פער — ווי קען אַ מענשליך אויג, אַפילו דאָס ליכטיגסטע, זיי זעהן אויף אַ מאָל ?

אָבער אויף דער אידישער שיף זעהט מען דאָס פאָלק.

שפּאַצירט מען אויפ׳ן דעק, הערט מען זיך צו צו די שמועסען, רעדט מען זיך צוזאַמען און מען גייט אַריין אין שוהל, און, להבדיל, אין קאָרטען־שטיבעל, זעהט מען „ע מ ד", דאָס פאָלק מיט אַלע זיינע טיפּען, דעם יחיד און דעם כלל.

רבנים — אַלערליי רבנים. טיף גלויביגע און אַזעלכע, וואָס האָבען געגאַשט אַ ביסעל השכלה־האָניג. יונגע סוחרים מיט פריש צאַפּעלדיג, פלאַמיג אונטערנעמונגס פייער, וואָס קענען איבער־בויען אַן אַמעריקע, און אַלטע סוחרים, וואָס האָבען שוין „ריי־טאַירד" ; אויפגעגעבען דאָס יאָגעניש פון מסחר, און לעבען שטיל און רוהיג, עסענדיג די צייטיגע פרוכטען פון זייער אַקערן און זייען און פלאַנצען אין די יונגע יאָהרען.

כלל־טוער, שרייבער און לעהרער. יונגע סטודענטען און שילער, און נאָר־וואָס געענדיגטע און דאָקטוירים, לאָיערס, אַפּטיי־קערס און פּעדלער. אַלטע לייט, יונגע לייט און קינדער. עס פאָרען לייט צו ז ע ה ן דאָס לאַנד און עס פאָרען לייט צו באַ־זעצען זיך. און אַנדערע נאָר אויף וואַקאַציע, אויף אַ ביסעל אָפּ־רו. געבוירענע אין רוסלאַנד, אין פּוילען, אין רומעניע, אין אונ־גאַרן, אין אַמעריקאַ און אין ארץ ישראל.

און אַלע אינאיינעם — „עמד". און באַוואונדער דעם „עמד", און זאָג מיט׳ן גאַנצען האַרצען :

מי כעמך ישראל !

עמך איז אַ וואויל פאָלק. עמך איז אַ טייער פאָלק. עמך איז אַ ליב פאָלק. עמך איז די אידישע נשמה, וואָס איז נישט אָפּצושאַצען.

איך האָב געפונען צווישען די „עמך" טיפּען, די אידען פון אַלע טאָג, אַן אוצר מיט חכמה, מיט געזונטער ווייזהייט, אַ ים מיט הומאָר, אָהן אַ שיעור אידישע ליבע און געטריישאַפט, און אַ סך וואונדער־וואונדערליכע זאַכען, וואָס אויף דער יבשה איז זיי שווער צו געפינען.

אויף דער יבשה זענען הערצער פאַרשטאָפּט, פאַרשלאָסען. אין דער אָפּענקייט פון הימעל־און־ים עפענען זיך די הערצער און די זעהסט אין זיי און געפינסט אין זיי דאָס גרויסע רייכקייט, וואָס הערצער טראָגען יאָהרען און יאָהרען פאַרבאָרגען.

זיצען צוויי אידען אויפ׳ן דעק. אַ פרומער איד פון ניו יאָרק און אַ... איד פון פלאָרידא. ריידען ביידע, און מען רעדט פון ארץ ישראל, און דער איד פון פלאָרידא זאָגט, אז ער ווייסט זעהר ווייניג, און ער גיט צו:

— איך בין דאָך אייגענטליך אַ גוי.

און דער פרומער איד שפּרינגט אויף אַן אָפּגעבריטער און זאָגט:

— זייט מיר מוחל, זייט מיר מוחל! עס איז נישט אמת, וואָס איהר זאָגט. איהר זענט נישט, חלילה, אַ גוי, איהר זענט אַ איד!

און דער איד פון פלאָרידא רויטעלט זיך און עס שטעלען זיך איהם טרערען אין די אויגען. און דער פרומער איד פון ניו־יאָרק רויטעלט זיך און עס שטעלען זיך איהם טרערען אין די אויגען.

איך זיץ אַן אַ זייט און מיר שטעלען זיך טרערען אין די אויגען און איך וואַרט — אַט וועלען זיי זיך וואַרפען אויף די העלזער און צוקושען זיך און וויינען פאַר פרייד.

— מיר זיינען ביידע אידען!

— אחים אנחנו!

אין קאַרטען־שטיבעל. אידען זיצען און שפּילען. בייטאָג און אין אָווענט, און איך טראַכט:

אַזוי וואָלט געזאָגט ר׳ לוי יצחק:

— רבונו של עולם, מי כעמך, וואָס פאַר אַ טייער פאָלק דו פאַרמאָגסט! אפילו ווען זיי שפּילען אין קאָרטען, פאָרען זיי נאָך ארץ ישראל.

שבת געפין איך עטליכע פון די, וואָס האָבען געשפּילט אינדערוואָכענס זיצען אויפ׳ן דעק איבער אַ משניות, איבער׳ן אוהל יעקב און איבער אַ חסידיש ספר׳ל.

איינעם פון זיי האָב איך געפרעגט:

— פאַרוואָס שפּילט איהר אינדערוואַכענס כסדר?
און יענער ענטפערט מיר ערליך:

— איך האָב נישט וואָס צו טאָן. ביכער לייען איך נישט. דערבאַטירען האָב איך נישט ליב. טאַ וואָס זאָל איך טאָן? אַרומגיין ליידיג צום משוגע ווערען? שפּיל איך.

— שבת קוקט איהר דאָך יאָ אַריין אין אַ ספר. קענט איהר נישט דאָס זעלבע אינדערוואַכענס?

— ניין, שבת קען איך אַריינקוקען אין אַ ספר. שבת בין איך מסוגל דערצו. וואָס וועל איך טאָן? בין געוויינט פון יאָהרען שבת אַריינצוקוקען אין אַ ספר, אינדערוואַכענס קען איך נישט. שפּיל איך.

עס איז דאָ אַ איד אַ ריז, פון די אמת'ע בני ענק. קיין בייז אויג זאָל איהם נישט שאַדען. אַ פּאָר פּלייצעס האָט ער, אַז ער שטעלט זיך אוועק אויפן דעק קוקען אויפ'ן לאַנד, וואָס מען זעהט, פאַרשטעלט ער די גאַנצע מחנה הינטער איהם.

איך האָב איהם דערזעהן דעם ערשטען טאָג אויף דער שיף און מורא געהאַט צו קוקען אין זיין פּנים. עס איז אַזוי פול מיט רויער קראַפט, אַז מען ציטערט אונטער זיין בליק.

שטייט פרייטאָג צו נאַכטס אַן עולם און זינגט „ברוך אלהינו“. און פון אַ זייט טראָגט זיך אַ ריזען־קול:

— והנחילנו ד' אלהינו באהבה וברצון...

דאָס האָט געזונגען דער ריז.

איך האָב שוין נישט געהאַט אַזוי פיל מורא פאַר איהם. איך טרעף איהם ביים קאַרטען־טישעל:

— וואָס פאָרט איהר נאָך ארץ ישראל?

האַלט ער די קאַרטען אין איין האַנד און מיט דער צווייטער האַנד גיט ער אַ הויב און זאָגט — און געזאָגט ריזיג־זיכער:

— באַזעצען זיך, ווי דען? באַזעצען זיך! מען בויט? וויל איך צוליינגען אַ האַנד — און ער גיט אַ וואָרף די האַנד — איך ניי צוטראָגען אַ שטיין, גיי איך צוטראָגען.

און איך טראַכט:

דער איד מיט די הענט וועט טראָגען בערג.

ר ו י ם א ו ן י ר ו ש ל י ם

ג

אמאָל, ווען ירושלים איז געוואָרען ירושלים; ווען ירושלים של מטה איז געוואָרען א ירושלים של מעלה, האָט זיך אָנגעהויבען די מלחמה. די מלחמה פון ירושלים מיט יון. ווען גריכענלאַנד איז אראָפּ פון שלאַכטפעלד, האָט דאָס געוואָרט איבערגענומען רוים. איבער צוויי טויזענד יאָהר פירען רוים און ירושלים מלחמה. אַלערליי רוימס — אָבער רוים. די מלחמה גייט אָן און זי וועט נישט אויפ־הערען.

די מלחמה וואָלט אויפגעהערט, ווען ירושלים וואָלט גע־וואָרען אוים ירושלים. דאָס וועט נישט זיין. מוז אָנגיין די מלחמה. אויב רוים וועט אראָפּ פון שלאַכטפעלד, וועט עמיצער אַנדערש איבערנעמען איהר פראָנט.

דאָס איז א מלחמת עולם צווישען רוים און ירושלים. און אַזוי לאַנג ווי די זון וועט לייכטען, וועט זי זיין אַן עדות פון דער מלחמה. ווי טאָג און נאַכט וועלען זיך נישט אָפּטאָן פון דער וועלט, וועט זיך נישט אָפּטאָן די מלחמה צווישען ירושלים און רוים.

איינער פון די מלחמה פּונקטען איז די אידישע שיף.

רוים ציטערט פאַר אונזער אויפגעלעבט ירושלים, רוים די קריסטליכע, נישט די פּאָליטישע, „פּעטערס שטול" שטייט נישט רוהיג, ווען ישראל'ס שטול ווערט אויפגעשטעלט אין ירושלים.

האָבען מיר פלוצלונג, אומערוואַרטעט, חלום'דיג געקראָגען א אידישע שיף. שווימט אַ אידישע שיף איבער ימים. און רוים איז אומרוהיג.

פאָרען מיט יעדעס מאָל גלחים. און איצט, אויסער די גלחים, אויך אַ מיסיאָנערקע.

זיי פאָרען נישט, ווייל זיי ווילען שטאַרקען דעם מאַסט פון דער אידישער שיף, אויך נישט, ווייל זיי ווילען דוקא עסען אידישע מאכלים. עס זיינען דאָ גרעסערע און בעסערע שיפען און נישט־אידישע. טאָ צו וואָס פאָרען זיי?

מען דערציילט א מעשה:

איינער פון די גרויסע מקובלים האט געשיקט זיין בעסטען תלמיד אין דעם שטארקסטען מקום טומאה.

דער תלמיד האט נישט געפרעגט קיין קשיות, ער איז גע־גאנגען, וואו דער רבי האט איהם געשיקט.

ער איז דארט געווען א צייט. שווער איז איהם געווען דארט צו זיין. אבער ער איז געווען. דער רבי האט געהייסען.

ער איז צוריקגעקומען און דער רבי האט זיך שטארק געפרייט מיט איהם.

—זוהן מיינער, האסט מקדש השם געווען, האסט מקרב גע־ווען דעם קץ — האט בער רבי געזאגט.

דער תלמיד האט זיך געוואונדערט און געפרעגט:

— רבי, איך האב דאך גארנישט געטאן. איך בין דאך גע־ווען אין שארפסטען מקום טומאה.

און דער רבי האט איהם געזאגט אזוי:

— בשעת דער בורא יתברך האט באשאפען די וועלט האט ער באשאפען די קדושה און די קליפות. די קליפות האבען אריינ־געכאפט אין זיך א סך ניצוצין קדישין און כל זמן די ניצוצין קדישין וועלען זיין אין די קליפות קען נישט קומען די גאולה שלמה, קען נישט קומען משיח.

יעדער צדיק ציהט ארויס מיט דעם כח פון זיין קדושה עט־ליכע ניצוצין קדישין פון דער קליפה, די ניצוצין וואס זיינען פון שורש פון זיין נשמה. דער שורש פון דיין נשמה איז פון יענע ניצוצין קדישין, וואס זיינען ,נעביך, געווען אין דעם מקום טומאה. דאס נורא׳דיגע, וואו דו ביזט געווען.

ביזטו דארט געווען און ארויסגעצויגען זיי פון דער טומאה און דערמיט מקרב געווען דעם קץ.

* * *

רוים׳ס ווילען איז, אז אויף דער גאנצער ערד, אויף דער יבשה, אויף אלע ימים, אין די באזועסענסטע און פארווארפענסטע ווינקעלעך פון דער וועלט זאלען געהערט ווערען איהרע תפלות און דערמאנט ווערען דער נאמען פון קריסטוס.

רוים פיהרט אוים איהר ווילען. עס איז נישטאָ קיין איין ווינקעל אויף גאָט'ס ערד, וואו רוים'ס שלוחים זאָלען נישט קומען מיט זייערע תפלות און גלויבען. און אויף אַלע שיפען, וואָס גייען איבער אַלע ימים זיינען זיי דאָ.

פלוצלונג שווימט אַ אידישע שיף איבער די ימים. עס איז דאָ אַ ווינקעל, וואָס איז אינגאַנצען אידיש. דאָרט זאָל נישט גע־הערט ווערען איהר תפלה?

פאַרען גלחים אויף דער אידישער שיף. זיי פיהלען זיך עלענד, איינזאַם, צווישען דעם ווארימען אידישען עולם. די אידישע מאכלים שמעקען נישט זייער גומען, אָבער עס איז דאָך נישט ער־גער ווי צו פאָרען אין אַ ווילדערניש אין אַפריקאַ, צו קאַניבאַלען.

און עס הענגט אויף דעם מודעה־ברעטעל פון דער אידישער שיף אַ באַקאַנטמאַכונג, אַז זונטאָג אינדערפרי, אין דער און דער שעה, וועט דער און דער גלח אָפּריכטען „גאָטעס־דינסט".

און דער גלח קומט אַריין אין דעם זאַל, וואו דאָס אידישע מנין האָט ערשט אָפּגעדאַוונט און זאָגט זיינע קריסטליכע תפלות.

ווידער איז נישטאָ קיין איינציג ווינקעל, וואו עס זאָל נישט געהערט ווערען דאָס „וואָרט פון רוים".

די גלחים לעבען דווקא גוט מיט די אידען. זיי שמייכלען, איך וואָלט שווערען, מיט ליבע צו איטליכען פון אונז, זיי זעצען זיך אַפּט צו צו יונגע אידישע מיידלעך און שפּילען מיט זיי אַ קערטעל: זיי פּרובירען אַפילו, זיצענדיג, האַלטען די יונגע אידישע קינדער פאַר די הענד, אָבער וואָס איז מיר זייער שמייכעל, וואָס שמיי־כעלט אזוי ליב, אַז דאָס איז די אַלטע מלחמה — נישט אויסלאָזען אַ ווינקעל, וואו עס זאָל זיין בלויז ירושלים און אָהן רוים.

און די מיסיאָנערקע.

עס איז דאָ אַן אַלטע בתולה, אַ נישט־אידישע, אויף דער שיף. אודאי וועט זי אייך שווערען, אַז זי איז נישט קיין מיסי־אָנערקע.

איין זאַך וואונדערט מיך: וואו איז דער שכל פון די מיסיאָנע־רען? זיי נעמען און שיקען אַזאַ אַלטע פאַרוועלקטע און פאַרוועג־נעלטע בתולה צו באַקערען אידען.

ניין, איך שרעק זיך נישט, אז די יפהפיה וועט אפ'שמד'ן איין אידיש קינד אויף דער אידישער שיף. זי איז אפילו נישט בכח אפצו'שמד'ן א קאניבאל. איך בין זיכער, אז דער אויסגעהונגערטער קאניבאל וואלט אנטלאפען פון איהר אויף מיילען וויט און זי נישט אויפגעפרעסען.

זי זאגט, אז זי איז א מאלערין און תפיסה־רעפארמערין.

האלט זי איין פרייטאג צונאכטס א „לעקטשור" אין זאל, וואו מען האט ערשט מקבל שבת געווען, וועגען „קאמופלאזש אין פארבען". און זי רעדט וועגען „הייליגע בילדער" און דעם „הייליגען גייסט".

האלט זי א צווייטען פרייטאג צונאכטס ווידער דארט, וואו מען האט ערשט געזונגען „מזמור שיר ליום השבת", א רעפעראט איבער רעפארמירען ארעסטאנטען.

און זי דערציילט, אז דער עיקר דארף מען אין זיי אריינברענגען דעם „הייליגען גייסט". קירכע, קריסטליכקייט.

זי שטעלט זיך אוועק אין פאדערצימער פון דער „שול" פרייטאג פארנאכט און האט פאר זיך צענדליגע בילדער, וואס ווי זי זאגט האט זי זיי געמאלען אין ארץ ישראל. אידישע טיפען. זי וואלט געוואלט מאכען אן אויסשטעלונג פון איהרע בילדער, אויב די פאסאזשירען ווילען דאס. זי וואלט זיי אויסגעהאנגען אין הויפטזאל — די שול.

זי שטעלט מיך אפ און פרעגט מיך, צי זי זאל מאכען אן אויסשטעלונג פון איהרע בילדער?

איך זעה נישט די סיבה, פארוואס נישט. איך הייס זיך צווייזען די בילדער. מיט אן אומשולדיגען בליק, האלב שעמעוודיג, ווייזט זי מיר א בילד און איך זעה —

אן אפאסטאל.

זי דערקלערט מיר:

— דאס איז א תימן'ער איד.

איך שווייג. זי ווייזט מיר נאך א בילד. איך זעה נאך א קריסטליך בילד. פלוצלונג ווייזט זי מיר יעזוס'ן און זי זאגט:

— דאס איז א איד פון ירושלים.

זאָג איך:

— דאָס איז דאָך יעזוס.

— איז ער נישט געווען אַ איד פון ירושלים? — פרעגט זי מיך — איז ער נישט געווען אַ „היברו טייפּ"?

— דאָס איז מיר נישט קיין אונטערשייד — האָב איך געענט־פערט — אָבער איך ברויך נישט, דו זאָלסט מאַכען פאַר מיר אַן אויסשטעלונג פון דיינע רעליגיעזע בילדער. אויב דו פרעגסט מיך, צי איך וויל דאָס, זאָג איך דיר, אַז איך קען זיך באַגייען אָהן דעם.

די אויסשטעלונג האָט זי נישט געמאַכט. עס איז געווען אַ גרויס רעדיל אָרום מיר. אַלע האָבען איהר געזאָגט, אַז מען ווייס, אַז דאָס זיינען „הייליגע בילדער". זי האָט זיי נישט אויפגעהאָנ־גען אויף די ווענט פון דער „שול".

אָבער זי האָט געוואָלט אונטער דעם אויסרייד פון אַ „קונסט אויסשטעלונג" אויפהענגען יעזוס'ן מיט זיינע אַפּאָסטאָלען אין דעם אָרט, וואו אידען דאַווענען.

איז די גוי'ע אַזוי פאַרליבט אין אידען, אַז זי וויל פאָרען דוקא מיט דער אידישער שיף? זי וויל נישט מעהר ווי געפילטע פיש?

ניין. אָט איז דער קאַפּיטאַן פון שיף. אַ וואוילער מאַן. ער האָט מיר געזאָגט, אַז ער האָט איינמאָל געגעסען געפילטע פיש און עס האָט איהם פאַרשאַדט.

— וואו האָסטו געגעסען די געפילטע פיש? — פרעג איך איהם.

— דאָ.

— אונז שאַדען זיי נישט — ענטפער איך.

— איהר זייט געוואוינט.

ער איז דאָך גערעכט. פערציג יאָהר אַ קאַפּיטאַן און נישט גע־וואוסט וואָס ס'איז געפילטע פיש, איז איהם שווער צוצוגעוואוינען זיך.

איז דאָס גרינג פאַר די גלחים מיט דער מיסיאָנערקע?

עס איז דער אַלטער אייביגער קאַמף, די מלחמה פון רוים מיט ירושלים. איין איינציג ווינקעל בלויז ירושלים ווארפט אַן אימה אויף רוים.

דער אַריינפאָר

א

עלף טעג גאַנג איז געווען פון דער מדבר ביז ארץ ישראל און די אידן זיינען געגאַנגען פערציק יאָר.

פופצען טעג האָט געדאַרפט געדויערן די רייזע פון ניו יאָרק נאָך ארץ ישראל און מיר זיינען געפאָרן שטאַרקע פינף און צוואַנציק טעג.

געדולדיק האָבן מיר איבערגעטראָגן דאָס אומגעדולדיקייט, א שבת צונאַכטס אָרום צען אַזייגער האָבן מיר דערזען ארץ ישראל פייערלאַך, פייערלאַך פון חיפה.

דער גרויסער עולם אויף דער שיף האָט אָנגעהויבן זינגען „ברוך אלהינו״. זיי האָבן געזונגען הויך אויפ'ן קול. אַנדערע האָבן זיך אָוועקגעלאָזט אין אַ ראָד טאַנץ.

איך האָב נישט געזונגען אויפן קול. האָב נישט געטאַנצט. נאָר געשטאַנען און געקוקט אויף דעם וואונדערלאַכן ארץ ישראל הימל מיט די מיליאָנען וואונדערלאַך גרויסע, ליכטיקע שטערן און אויף די פייערלאַך פון חיפה. און עס האָט געזונגען אין מיר. גע־זונגען און געציטערט האָט אין מיר אַ געזאַנג. פייערן פון ארץ ישראל.

ווען מען זעט דעם ארץ ישראל אויסגעשטערנטן הימל ווערט קלאָר פאַר וואָס אין חומש שטייט אַזוי אָפט די ברכה אַז „דיינע קינדער וועלן זיין ווי די שטערן אין הימעל״.

אויף קיין אַנדער הימל האָב איך נישט געזען אַזוי פיל שטערן און אַזוי ריין, ליכטיג און גרויס

אַ ווייס ליכט אויסגעשפּרייט אויף בלוי באַזעצט מיט זעלטן גרויסע, ליכטיקע שטערן.

דאָס האַרץ ציטערט, זינגט און ציטערט, ציטערט און זינגט.

אָבער מיר פֿאָרן נישט ווייטער. די שיף שטעלט זיך אָפּ. וואַרט ביז אין דער פֿרי.

איך בין נישט געגאַנגען אין קאַיוטע, די פֿייערן פֿון ארץ ישראל לאָזן נישט גיין שלאָפֿן. איך זאָג צו זיך אַליין:

— בין איך שוין טאַקע ביי דער טיר פֿון ארץ ישראל, פֿון ארץ ישראל?

שעה'ן שטיי איך אַזוי און קוק. פּלוצלונג נעמט טונקלען. און דערנאָך הויבט אָן גרויען. און פֿון דער גרויקייט הויבט זיך אַרויס אַ הויכער, ברייטער, ווייט־ווייט ציהענדיקער באַרג.

אוי, דער כרמל! כ—ר—מ—ל. כ—ר—מ—ל. דער באַרג כרמל.

דאָס, דאָס, דאָס איז — דער הר הכרמל.

— יאָ,איך בין דער הר הכרמל — הער איך אַ קול פֿון באַרג רופֿען.

מיט אַמאָל גיט אַ ווייס פֿייער אַ פֿלייץ אויפֿ'ן מזרח. די גרויע טונקעלקייט פֿאַרשפּאַרט דאָס ווייסע פֿייער. דאָס פֿייער רייסט זיך העכער, העכער, גיסט אַזאַ ווייסע רואיקייט אין דער הויך און איך זע וואונדערלאַך גרויסע הערנער פֿון ווייס פֿייער.

די גרויקייט דערלאָזט נישט דאָס ווייס פֿייער. אָבער שטאַרקער איז דאָס פֿייער. אַ האַלבער הימל איז פֿול מיט די ווייסע שטעביגע הערנער פֿון פֿייער. פּלוצלונג גיט זיך אַ ריס אַרויס פֿון הינטערן באַרג אַ מורא'דיג גרויסע ווייסע זון. זי פֿאַרגיסט דעם הימל און באַרג מיט ווייס ליכט. און נאָר אַ רגע קען איך קוקן אין דער זון איך מוז גלייך פֿאַרמאַכן די אויגן. איך קען נישט ביישטיין דאָס מורא'דיקע ווייסע ליכט, וואָס גיסט זיך אַזוי שאַרף צו מיר.

אַזוי האָט זיך אַרויסגעריסן די זון פֿון דעם ארץ ישראל באַרג.

צוויי בחורים לאָזן זיך אַראָפּ פֿון דער שיף. שפּרינגען אין ים אַריין. זיי באָדן זיך. קינסטלער שווימער. לאָזן זיי זיך אַראָפּ טיף אין וואַסער. און דורך דער דורכזיכטיקער בלויקייט פֿון ים, פֿון ים הגדול, זעט מען די צוויי בחורים שווימען ווי צוויי מאָדנע פֿיש.

איך בין מקנא די בחורים. איך וואָלט אַזוי געוואָלט אַריינ־

שפרינגען אין בלויע קלארן וואסער, אונטערטונקען זיך, שווימען, שווימען, עס איז דאך דער ים פון ארץ ישראל.

ווען וועט מען שוין זיין אויף דער ערד, אויף דער ערד פון ארץ ישראל? די גאנצע אומגעדולד פון פינף און צוואנציק טעג, וואס איך האב פארשטיקט אין זיך, האט זיך איצט געריסן אין מיר מיט א מורא׳דיגע קראפט. ווען איך האב פליגל! עס איז אזוי נאענט. איך זע דעם בארג, איך זע די הייזער און איך קען נישט צוקומען אהין.

ענדלאך זיינען געקומען די באאמטע. ענגלישע באאמטע טאקע. אבער מיר רעדן מיט זיי העברעאיש. איינער פון די באאמטע איז א ניו יארקער איד, מיינס א באקאנטער, פילן מיר זיך גאר, גאר היימיש.

ערשט נאכמיטאג זיינען מיר אראפ פון שיף. אבער ניט גלייך אויפ׳ן ברעג. פון דער גרויסער שיף אראפ און אין אן אראבישער גרויסע לאדקע אריין.

די אראבער לויפן, קלעטערן ווי ווילדע מענטשן, קוויטשען, רייסן ווערטער פון האלז. מאדנע באשעפענישן. האלב נאקעטע, דינע, הויך, — ווילדע מענטשן.

די לאדקע איבערגעפאקט, אן אלטער איד, א פתח תקוה׳ר, איז דא מיט אונז. ער האט גענומען צו זיך א טאכטער מיט קינדער, און ער זאגט צו אונז:

— מיר זיינען געקומען פריער. מיר האבן געמאכט גרינגער דעם וועג פאר אייך.

די לאדקע האט א שווערע משא. זיצט זי טיף אין וואסער. אלע רגע בויגט זי זיך אויף א זייט, און עס דאכט זיך, אז זי וועט אונז אלעמען אריינקערען אין ים אריין. אבער איך בין רואיג, עס שרעקט מיך קיין שרעק נישט. נאך א רגע און איך וועל שטיין אויף ארץ ישראל׳ס ערד.

א טייל פון די רייזענדע הויבן אן זינגען התקוה. אבער עס קלינגט פאלש דאס געזאנג אין מיינע אויערן. ווי קען מען זינגען די התקוה, ווען מען פארט צו צום ערשטן מאל צום ארץ ישראל ברעג?

געשלאָסען איז דער האַלז, געשלאָסען דאָס מויל. נאָר אויגן און הארץ זיינען אָפן און ציען אַלץ אַרום אין זיך אריין.

געלויבט דער אויבערשטער! מיינע פיס שטייען אויף ארץ ישראל ערד. איך האָב זיך נישט געוואָרפן קושען די ערד, איך בין אָבער געשטאַנען לאַנג און געקוקט אויף דער ערד און מיין האַרץ האָט געברומט.

דער וואָס איז נישט געווען אין ארץ ישראל קאָן דאָס נישט פילען. דאָס מוז מען פיהלען אַליין. עס איז מורא'דיג. עס איז וואונדערליך.

איך זע אַ סך אידן ארץ ישראל'דיקע. זיי וואוינען דאָ. לויפן זיי אַהין און אַהער. איך זע גאָר נישט אין זייערע אויגן דאָס גליק־לאַכע פייער, וואָס לייכט איצט אין מיין האַרץ. פאַר זיי איז דאָס קיין נייס נישט. זיי וואוינען דאָ. זיינען צוגעוואוינט. אָבער איך? איך בין ערשט געקומען אַהער.

איך דערזע עטליכע אַמעריקאַנער באַקאַנטע, זיי זיינען שוין דאָ תושבים. מען גיט זיך אַ האַרציקן שלום עליכם. זיי פרעגן מיך וואָס ס'הערט זיך אין ניו יאָרק. וואָס מאַכט דער און וואָס מאַכט יענער. און איך הער קוים זייערע רייד, נאָר ווי אַ דערפרייט קינד שפרינגג איך פון אָרט. כאַפּ זיי פאַר די הענט און זאָג:

— איך בין דאָך אין ארץ ישראל! איך בין דאָך אין ארץ ישראל!

רינגלען מיך אַרום אַ חברה יונגע לייט. באַדינטע פון האָטעלען. זיי דערלאַנגען מיר די אַדרעסען פון זייערע „הייזער". רעכענען מיר אויס די שבחים און מעלות פון זייערע צימערען און „טיש". אויף אַ רגע פאַרדריסט מיך, עס דערמאַנט מיך בילדער פון די קעטסקיל־בערג.

טאַמער איז דאָס נאָך ווייניג, נאַדיר נאָך. לויפען צו די בעלי־עגלות, שאָופערס, אויך ווי אַמאָל אין קעטסקיל־בערג, רייסען אייך. און אַז איהר פרעגט זיי וויפיל? זעהט איהר, אַז זיי רייסען נישט נאָר אייך, נאָר אייער הויט אויך.

די סצענעס ווילען צוקלאַפּען די שמחה, צעשטערען די פרייד. אָבער איך זאָג צו די האָטעל־לייט און צו די שאָופערס:

— טוט מיט מיר וואס איהר ווילט. עס וועט אייך נישט העלפען. מיין פרייד וועט איר נישט צושטערען. מיין היילינ־קייט וועט איר נישט פארשוועכען. וואס איר זאלט נישט טאן — ארץ־ישראל איז הייליג, הייליג.

איך בין ארייגגעשפרונגען אין א אטאמאביל און ער פליט מיט מיר אויפ'ן הדר הכרמל.

פיהלט איר דאס גרויסע גליק, וואס האט ארייגעקוואלען אין מיין בלוט?

ב

דער אטאמאביל גייט בארג ארויף, בארג ארויף. מיר קומען אריין אין די אראבישע געסלאך. דאס ערשטע מאל זע איך אזא שטאט. אזעלכע געסלאך.

אן אלטע וועלט אבער ניי־ניי פאר מיר. קליין און נידריג, גע־בויגן, דערשלאגן. מיר זיינען געוואוינט צו רעדן וועגן אונזערע קליינ־שטעטלדיגע נידריגע געבויגענע הייזלאך. פאלאצען זיינען זיי אקעגן די אראבישע. ווי א קנעכט פאר זיין האר געבויגן שטייט אן אראביש הייזל אקעגן דאס הייזל פון אונזער שטעטל.

עס איז אנדערש, אנדערש. אנדערש דאס לאנד. אנדערש דער הימעל, אנדערש די ערד. אנדערש די בערג. אנדערש די מענטשן. אנדערש און אנדערש. גייען הויכע, גלייכע, שטאלצע מענשען נא־קעטע, בארוועסע, גלייך ווי א גלייכער בוים. גייען רואיג, שטיל, פארטראכט, און זיי, די הויכע, שטאלצע, וואוינען אין קליינע, דערשלאגען־נידריגע הייזלאך.

מיר קומען אויפ'ן מארק. גרינסן פול. און שעפסען פלייש. שעפסן און שעפסן און גרינוואוג. און איבער אלע און אלצדינג פליען מחנות פליגן.

אלץ איז באדעקט מיט כמארעס פליגן. שטייט אן אראבער און עסט א שטיק „מצה", די פליגן באדעקן די מצה, זיין פנים, די הענט, און ער פארטרייבט זיי נישט. רואיק שטייט ער און עסט.

קינדער מיט קראנקע אויגן לויפן צו צו אונז און שטרעקן אויס זייערע קראנקע הענט:

— באַקשיש ! באַקשיש !

און צווישן דעם אַלעם שטייט אַן אַראַבער פּאָליציאַנט און מיט אַ שטעקעלע אין האַנט שטעלט ער אָפּ אונזער מאַשין. ער פירט דעם „טראַפיק".

שטייט אַ פּאָליציאַנט אויפ׳ן מאַרק פון חיפה און רעגולירט די באַוועגונג פון אייזלען, קעמלען, פערד און אַטאָמאָבילען.

בארג העכער, באַרג העכער. אַ נייע וועלט. גאָרנישט אַלט נאָר ניי, ניי. הייזקעס שיינע, מאָדערנע. דער הדר הכרמל. אויף דער פּלייצע פון כרמל, וואָס איז מיט עטלאכע יאָר צוריק געשטאַנען אַ ווילדע, אַ פּוסטע, געבויגן אונטער דער לאַסט פון פּוסטקייט, זיינען געקומען אידן און אויפגעשטעלט אַ שטאָט, קוואַרטאַלן גאַנצע, גאַסן און גאַסן.

איך קוק אויף דעם הדר הכרמל, אויף דער פּלייצע פון אונזער באַרג. דוקא אונטער דער לאַסט פון דער נייער שטאָדט האָט זיך די פּלייצע אויסגעגלייכט, אויפגעהויבן און קוקט אַזוי זיכער און פעסט אויף דעם טאָל.

בערג האָבן ליב צו טראָגן אויף זיך לעבן. דעמאָלט זיינען זיי הויך, שטאָלץ, אַז זיי שטייען חרוב׳ע, ליידיגע, שטייען זיי געבויגן און דערשלאָגן.

נאָכמער איז דאָס מיט אידישע בערג, מיט דעם באַרג כרמל. ער קוקט אַזוי האַפּערדיג און פעסט. ער טראָגט אויף זיך דאָס נייע לעבן פון ארץ ישראל.

אידן שטייען און אַרבעטן. אידן בויען פאַר אידן. איך וואַרף זיי צו פאַרשעמט שלום. איך שעם זיך פאַר זיי. איך פאָר דאָ אין אַן אַטאָמאָביל און זיי שטייען און בויען. זיי ענטפערן מיר איינפאַך און האַרציק. איך כאַפּ זייערס אַ בליק, אַזאַ בליק האָב איך אין ערגעץ נישט, אין קיין אַנדער לאַנד, נישט געזען אין אויגן פון אַרבייטער. אַזוי פיל ליכטיקייט, אַזוי פיל זיכערקייט און פרייד. נישט מיד, פריש און שטאָלץ זיינען זיי די אַרבעטער מיט שטיינער, ליים און ציגעל.

אויף איינע פון די שיינע גאַסען פון הדר הכרמל שטעלט זיך אָפּ אונזער מאַשין. דאָס האָטעל איז ניי, שטייט העכער אַרויף. דאָ וועלן מיר איינשטיין.

אונטן איז געווען היים. קיין ווינטל נישט. און דא, אויפ'ן בארג א וואוילע ליבע זון שיקט א געזונטע היץ און א ריין וואונדערלאכער ווינט בלאזט איבערן בארג און קילט די היץ.

— ס'איז דאך בעסער ווי אין די קעטסקיל בערג! — זאגט צו מיר א חבר פון ניו יארק.

— עס איז דאך דער הדר הכרמל! — זאג איך.

מיר קריגן גרויסע, ברייטע צימערן, מיט אלע באקוועמליכ־קייטן, ווי אין אמעריקא.

מיט צוויי יאר צוריק איז דא געווען ליידיג.

מיר עסן די ערשטע מאלצייט אין ארץ ישראל. ווי א קינד וואס קריגט מיטאמאל א סך טייערע שפילצייג, און ער קוקט פארגאפט פון איינס אויפ'ן אנדערן, זיין הארץ איז צו קליין צו קאנען אויפ־נעמען די גאנצע פרייד פון אזוי פיל זאכן טייערע אויף אמאל, פיל איך זיך. געקומען נאך ארץ ישראל, געטראטען אויף איר ערד, געזען אידן בויען און בין אויפ'ן הדר הכרמל — אלץ אין א שעה צוויי. ווי קען דאס הארץ דאס אלץ אויפנעמען אזוי גיך, מיטאמאל?

די בעלי בתים פון האטעל נעמען אונז אויף ברייט, הארציק. דאס האטעל האבען זיי מיט עטליכע טעג צוריק ערשט געעפענט. די געביידע איז קוים פארטיק. די עלעקטרי איז נאך ניט אפן. היינט, מארגן עפנט מען זי. איך פרעג זיי ווער זיי זיינען. זיי דערציילן:

זיי זיינען פעטראגראדער, דאס מיינט פעטערבורגער אדער ווי איצט — לענינגראדער. אין די דריי נעמען ליגט אלץ וואס זיי האבן איבערגעלעבט אין רוסלאנד. אלע ענדערונגען און איבערקערענישען.

זיי זיינען געווען גרויסע סוחרים. איר זעט דאס אויפ'ן בעל הבית. א ברייטער פעטערבורגער אידישער רייכער סוחר. עס איז נאך דא אין זיין שטימע די ברייטקייט און פעסטקייט פון אמאל.

זיי זיינען רואינירט געווארן. האבן זיך ארויסגעריסן פון רוס־לאנד. זיינען א מאנאט אין ארץ ישראל און געעפענט דעם האטעל. מיט זיי איז דא א שוועסטער און אן אייניקל, א מיידעלע פון א יאר עלף.

זיי רעדן, פארשטייט זיך, רוסיש. אבער דאס מיידעלע הויבט שוין אן רעדן העברעאיש. זי לערנט דאך נאך נישט אין בית ספר.

קען זי נאָר עטליכע ווערטער. באַלד ווען דאָס בית ספר וועט זיך עפנען, נאָך וואַקאַציע, וועט זי גיין און לערנען.

ביי זיי אַרבייט אַלס האָטעל דינער אַ בחור פון ביאַליסטאָק, ער רעט שוין העברעאיש.

וואָס טוען אַלע אינאיינעם ? זיי באַוואוינען אַ הויז אויפ'ן הדר הכרמל. וואָס איז הונדערטער יאָרן געשטאַנען פוסט.

מיט זיי זיינען צוגעקומען נאָך ארץ ישראל נאָך פינף אידן. פינף אידן מער.

— זיינט איר צופרידן ? — האָב איך דעם אַלטןפעטערבורגער סוחר געפרעגט.

— אַ דאַנקגאָט. אודאי, מיר זיינען דאָך איצט רואיק.

צופרידן איז אויך דער ביאַליסטאָקער בחור.

זיי זיינען נישט געפאָרן נאָך ארץ ישראל געטריבן פון דער גרויסער אידעע צו בויען דאָס לאַנד, אויסצולייזן עס. זיי זיינען געפאָרן אַהין, געטריבן פון זייערע היימען, איז אין דעם אויך אַ הויכער אידעאַל, זיי זיינען געפאָרען אויסלייזען זיך אַליין פון די צרות אין זייערע לענדער. זיי זיינען געפאָרען זוכען בעסערס פאַר זיך אַליין. דאָס איז אויך אַ גרויסער אידעאַל, פינף יחידים אויס־געלייזט פון צרות —

ג

אין ארץ ישראל רעט מען אַלע לשונות. זיינען דאָך דאָ אידן פון אַלע לענדער און מדינות. אָבער העברעאיש איז די שפּראַך.

פונדעסטוועגן ווען איך האָב אַזויפיל גאָלד וויפיל מען רעט אידיש אין ארץ ישראל, וואָלט איך אַליין געקענט אויפבויען ארץ ישראל און מען וואָלט נישט געברויכט אַנצוקומען צו די „נאַן־זייאָניסטס“, וואָס געבן סיי ווי נישט אויף ארץ ישראל.

איך האָב אין ארץ ישראל גערעט כמעט נאָר העברעאיש. טאָמער האָב איך גערעט אידיש, האָט מיר קיינער נישט געשטערט, נאָר איין איינציקער באַרבער, אַ באַרבער פון חיפה.

מיט אַ באַרבער טאָר מען זיך נישט פאַרטשעפּען. בין איך זיך נוהג אַז איך שווייג ווען דער באַרבער רעט. איך בין מסכים מיט

אים אויף אַלצדינג. איך האָב אויך מסכים געווען מיט דעם באַר־בער פון חיפה, עס האָט אָבער נישט געהאָלפן.

גיי איך אַריין אין אַ „מספרה“, אויף אַמעריקאַניש לשון — אַ באַרבער שאַפּ.

באַרבערס, ווייס איך, זיינען נישט קיין גרויסע לומדים. איז מיר נישט איינגעפאַלען צו רעדן צום באַרבער העברעאיש.

וואָס ברויך איך דאָס מביש צו זיין אַ אידן ? ער האָט געטון אַזאַ שיינע און וואוילע זאַך, איז געפאָרן נאָך ארץ ישראל און זיך דאָרטן באַזעצט, זאָל איך גאָר נעמען רעדן העברעאיש צו אים, און טאָמער פאַרשטייט ער נישט, וועט ער דאָך ווערן פאַרשעמט.

קום איך אַריין און זאָג :

— אָט וועלען מיר זיך אַרומפּוצן אַביסל.

ווערט דער באַרבער אַן אָנגעצונדענער. מיט פייער־שפּריצענ־דיגע אויגען גיט אַ זאָג :

— וואָס רעט איר זשאַרגאָן, וואָס ?

הויב איך גלייך אָן רעדן העברעאיש. טאַקי מיט דער ספרד'ישער הברה.

ווערט דער באַרבער ערשט אויפ'ן ניי רעכט אין כעס און שרייט שוין אויף העברעאיש :

—אַז איר רעט יא העברעאיש, טאָ וואָס האָט איר גערעט זשאַרגאָן !

פון זיין העברעאיש זע איך, אַז ער איז אַ גרויסער עם הארץ. קען קוים עטליכע ווערטער צוזאַמענצושטעלען, ער „גאַלט“ די ווערטער ביז בלוט, איך שפּאַר זיך נישט מיט אים. איך פאַר־ענטפער זיך :

— איך ווייס, כ'האָב געמיינט טאָמער רעט איר נישט קיין העברעאיש.

ווערט ער גאָר־גאָר אין כעס און שטורעמט :

— זאָגט מיר, כ'בעט אייך, ווי קומט דאָס אַז אין אַמעריקאַ זאָל זיין עמיצער, וואָס זאָל רעדן העברעאיש? און נאָך ספרד'יש?

ער צעקיילט און צעביילט דאָס ביסעל העברעאיש. נאָר איך זאָג גאָרנישט.

איך בין דאָך געווען אונטערן מעסער. און ביי יעדן וואָרט וואָס ער האָט צוקאַליעטשעט, האָט ער מיר צוקאַליעטשעט דאָס פּנים. וויפיל שניט ער האָט געגעבן די ווערטער האָט ער מיר געגעבן אין די באַקען.

ער האָט געהאַלטן אין איין צושניידן מיר ס'פּנים. און איך האָב נאָך מורא געהאָט צו זאָגן אַ וואָרט. וואָס טו איך אים, אַז ער וועט דאָס טון אויפ'ן האַלז ?

עס גיסט זיך אָבער בלוט פון מיר. בעט איך זיך ביי אים :

—איך רעד דאָך העברעאיש און ספרד'יש, וואָס ווילט איר פון מיר האָבן ? וואָס צוקיילט איר מיך ? האָט רחמנות ? האָט רחמנות ! איך בין דאָך געקומען זען ארץ ישראל. אין דעם זכות ברויכט איר דאָך מיך צו שוינען.

— אַזוי? געקומען זען ארץ ישראל? — בייזערט ער זיך און שנייט ווייטער — איר, אַמעריקאַנער, זייט אודאי געקומען אויס־שפּירען און זען וואָס מ'טוט דאָ מיט אייער געלט, וואָס איר גיט, אַז אַלרייטניק זייט איר, געקומען זיך איבערצייגן צי מען פאַר־שכור'ט נישט אייער געלט.

בעט איך זיך :

— איך בין נישט געקומען אויסקוקן וואָס מען טוט פאַר מיין געלט. איך בין נישט קיין אַלרייטניק. איך האָב נישט קיין געלט צו געבן. וואָס ווילט איר פון מיין לעבן האָבן ?

שנייט ער ווייטער און טענה'ט :

— איז טאָקי דאָ אין אַמעריקאַ אידען, וואָס רעדען העברעאיש? ווי קומט דאָס ?

זאָג איך אים :

— פאַראַן, פאַראַן אין אַמעריקאַ אַ סך אידן וואָס רעדן העב־רעאיש. טויזנטער אידן אַזעלכע.

צושרייט ער זיך :

— טאַ פאַרוואָס האָט איר גערעדט זשאַרגאָן ?

איך האָב געשוויגן און אים געלאָזט אַנגיין מיט זיין שניידעריי, ביז ער האָט מיר אַ זאָג געטון :

— איר זענט שוין פאַרטיק !

כ'בין שוין אריבער די „אינקוויזיציע“ און אראפ פון שטול.

דעמאלט ווען עס איז שוין נישט געווען קיין סכנה, האב איך זיך גענומען אפרעכנען מיט אים פאר אלע פיין און איך זאג:

— הערט, איר זענט אן עם הארץ, איר קאנט נישט צוזאמענשטעלן קיין צוויי העברעאישע ווערטער, און איר לאזט נישט רעדן קיין אידיש ? איר, אן עם הארץ, וואונדערט זיך ווי עס קומט אז אין אמעריקא זיינען דא אידן, וואס קאנען העברעאיש, איר קאנט דאך נישט קיין העברעאיש אפילו אין ארץ ישראל.

איך בין ארויס פון מספרה און זיך געשעמט צו ווייזן ס'פנים.

האב אבער דאך עפעס געלערנט פון דעם בארבער. אין איין זאך איז ער געווען גערעכט. וואס ער האט מיך געפרעגט צי כ'בין געקומען אויסשפירן און זען וואס מען טוט מיט מיין געלט אין ארץ ישראל.

א סך אידן פארן נישט צו זען ארץ ישראל, נאר צו זען, וואס מען טוט מיט זייערע עטלאכע דאלאר, וואס זיי האבן געגעבן.

דאס איז נישט דער וועג. פארן נאך ארץ ישראל דארף יעדער איד אדער צו באזוכן זיך אדער זען דאס לאנד, דאס לאנד פון חלום, פון פאנטאזיע, פון פארגאנגענהייט, פון איצט און פון עתיד.

דער וואס קומט צוריק אן ענטוישטער פון ארץ ישראל איז עפעס דער מער מיט אים אליין. איז זיין פארן נישט געווען ריין, נאר מיט בייזע מחשבות, אויסשפירן דאס לאנד.

מיר איז ארץ ישראל געפעלן און געפעלן. טאמער איז מיר דער איינציקער בארבער נישט געפעלן, האב איך אויך עפעס געלערנט פון אים.

די בעסטע פראבע פאר א אידען איז: אויב ארץ ישראל געפעלט אים. געפעלט אים ארץ ישראל איז ער געפארן מיט א ריין הארץ און אהבה צום לאנד. געפעלט אים נישט, איז ער באלד געפארן מיט פסול'ע מחשבות.

פארן נאך ארץ ישראל מוז מען מיט א ריין הארץ און ריינע מחשבות. מיט ליבע אין הארצן.

ד

פנחס רוטענבערג׳ס עלעקטרישע סטאַנציע אין חיפה.

פון ווייטנס זעט עס אויס ווי׳ אַ פּריצישער הויף. אין די ברע־נענדיקע היץ איז גרין ארום. געפלאַנצטע גלייכע שורות בוימלאך ווי טרעפּען, אַ ווייסער אריינגאַנג, דאָס הויז ווייס. גרין איז ארום.

די מאַשינעריי, שלעסער און קנעפּ. סודות, מאַשינען, אַ גרויסע, גרויסע מאַשין, גלאַנציק שטאָל, אַלץ גלאַנצט. פון דאַנען ציט זיך גלאַנץ איבער דער שטאָט, ציט זיך ליכט איבער דער שטאָט.

— וואו איז פנחס רוטענבערג?

— ער איז איצט נישטאַ. ער איז ערגעצוואו, זוכט די נויטיקע מיטלען צו באַלייכטן דאָס גאַנצע לאַנד.

דער שטילער, עקשנות׳דיקער שווייגער אין דער עפנטלאַכקייט, פנחס רוטענבערג, איז נישטאַ פאַר אונזערע אויגן, איז ערגעצוואו ווי אַ סוד, געבויט האָט ער דאָ אַ סוד־מאַשין, גיט ליכט, וואָס איז אַ סוד — סודות און סודות.

פאָרענדיג אויף דער שיף נאָך ארץ ישראל, האָט מיר אַ פריינד געגעבן אַ זשורנאַל, וואו פנחס רוטענבערג האָט באַשריבן די מעשה־גאַפּאָן.

פריער האָב איך געהערט און געלייענט וועגן פנחס רוטענבערג׳ס טעטיקייט אין דער רוסישער רעוואָלוציע. זיין ראָלע אין דער גאַפּאָן געשיכטע האָט ארויסגערופן נייגעריקייט און באַוואונדערונג. אַ שטילער, אַ העלד. רעדט נישט. נאָר זיינע מעשים רופן, רו־דערען־אויף, שרייען, שטורמען.

איצט האָב איך געלייענט וואָס ער האָט געשריבן וועגן דער געשיכטע, געשריבן פעסט, שניידענדיק, אַ שטילער עקשן, רעט קורץ, געציילטע ווערטער, יעדעס וואָרט איז שטאָל.

אין דער עלעקטרישער סטאַנציע, האָב איך געטראַכט: נאָר אַ רוטענבערג מיט דעם אומגעהויערן עקשנות דעם שטילן האָט דאָס געקאָנט שאַפן. נישט נאָר די אידן נאָר אויך די אראַבער האָט ער געבראַכט עלעקטריש ליכט.

די אראַבער ווילן אָבער נישט. ער צווינגט זיי. זיי ווילן

נישט היינט, וועלן נישט וועלן מארגן, איבערמארגן וועלען זיי מוזן וועלען. זיין ווילן איז מעכטיקער ווי דער ווילן פון א סך.

פנחס רוטענבערג געהער צום דוד הראובני טיפ. אט איז ער דא, אט איז ער דארט, שאפט, פירט, אומעטום — א סוד.

איז ער אוועק פון רוסלאנד און געקומען נאך איטאליע, דארט אויך נישט גערוט.

איז געווארען די מלחמה, קומט ער נאך אמעריקא, גייענדיג שטיל, עקשנ'דיג צווישן אונז, האט ער אנגעצונדן דריי מיליאן אידען, זיי געטריבען צום אידישען קאנגרעס, צו דעם ערשטען, וואס האט געטראגען אין זיך אזוי פיל מוט, אזוי פיל האפנונג — דעם רצון פון א פאלק.

איינער איז ער געקומען און אלע ווילענס איבערגעשמידט אין זיין פייערדיקן ווילן.

איז געווארן א רעוואלוציע אין רוסלאנד, אראפגעזעצט ניקא־לאיען, פנחס רוטענבערג איז צוריק אין רוסלאנד ווערט א גראדא־נאטשאלניק.

רעוואלוציע פירער, פשוט אינזשיניר, קאנגרעס בויער, פאליציי הויפט, און פלוצלינג — ער וויל דעם ירדן איינשפאנען אין ארץ ישראל בנין, ער מאכט עלעקטרי אין ארץ ישראל.

דאס ליכט גייט ארויס פון זיינע צענטערס און ער אליין איז ערגעצוואו, זוכט, רוט נישט, זאל זיין עלעקטריש ליכט אומעטום. עלעקטריש ליכט פאר די קראנקע אויגן פון אראבער, דעם אראבער פון לייםענעם ביידל וויל ער גיבן עלעקטרי.

א איד. הארט ווי דער שטאל פון זיינע עלעקטרישע מאשינען, קרעפטיק ווי דער כח פון עלעקטרי. שטויסט אלעמען און אלצדינג אהין וואו ער וויל.

א איד א לעגענדע. וויפיל גלגולים האט די דאזיקע לעגענדע. וויפיל גלגולים וועט נאך האבן די לעגענדע.

ארץ ישראל, די שטיינער אויף די בערג, די וויסטע נאקעטע בערג, די מדבר, די קליינע הייזלאך, די „אלטע־שטעט“, די שמאלע געסלאך מיט די געוועלבן איבער זיי, ארימקייט, חרוב'קייט, וואס

מיינט דאָ עלעקטריש ליכט. — איבערקערען און אויפבויען.
א לעגענדע. —

ה

די פאבריק „נשר", אַ צעמענט פאַבריק, עטליכע מינוט מיט דעם אויטאמאָביל פון חיפה.

דער נשר, דער אדלער האָט מזל אין ארץ־ישראל. איז דאָ אַ אַ צעמענט פאַבריק אויף זיין נאָמען, און אַ חברה שאָופערס, אַן אַטאָמאָביל־געזעלשאַפט רופט זיך אויך אויף זיין נאָמען.

עס איז געווען גוט הייס. ארוים די זון פון איר פוטער־פאַס און זי באַקט און בראָט. נעמען מיר מיט עטליכע פלאַשען מינעראַל וואַסער צו שטילען דעם דאַרשט.

מיר פאָרען צו צום „אדלער". געפינען מיר דאָרט דריי יונגע לייט און אַ אידען מיט אַ געלע באָרד.

זיי קענען אונז נישט פירען אין פאַבריק, זאָגען זיי, ווייל זיי האָבען נישט קיין רעכט אויף דעם. דאָס קען טאָן דער מנהל. זאָל מען וואַרטען אויף דעם מנהל. וואַרט מען.

דערווייל איז דאָך שרעקליך הייס. עס דאַרשט מורא'דיג. נע־מען מיר די פלאַשען מינעראַל וואַסער און מיר ווילען טרינקען.

זיינען מיר אַ גרופע פון עטליכע פאַרשוין. מוז מען האָבען אַ גלאָז. מען קען דאָך נישט אַלע טרינקען פון אַ פלאַש.

ווענדען מיר זיך צו איינעם פון די יונגע לייט, אויב עס איז נישטאָ קיין גלאָז, זייט אַזוי גוט, בבקשה, און גיט אונז אַ גלאָז.

— נישטאָ קיין גלאָז — זאָגט ער און זיינע חברים שווייגען.

— ווי האָט איר דאָ נישט קיין גלאָז אָדער אַ טעפעל? — פרע־גען מיר.

— מיר האָבען נישט — ענטפערט דער זעלבער.

אָבער דער איד מיט דער געלער באָרד גייט צו צו אַ שאַפ־קעלע און נעמט אַרויס אַ גלאָז און גיט אונז. טרינקען מיר און דערכאַפּען ס'האַרץ. דער איד לייגט אונז אפילו פאַר וואַסער פון קראַן. ער קאַרגט אונז ניט קיין וואַסער, זאָגט ער.

מיר דאנקען אים. און צו דעם יונגענמאן, וואס האט אונז גע־זאגט, אז ס'איז נישטא קיין גלאז, זאגען מיר:

— עס איז דאך יא דא א גלאז.

— ווער זאגט דען אז ס'איז נישטא? — פרעגט צוריק דער בחור, — עס איז דא. אבער איך גיב נישט קיין גלאז, עס איז נישט מיין אויפגאבע צו געבען א גלאז.

— וואס מיינט איר? — ווילען מיר וויסען.

— פשוט, פרינציפיעל גיב איך נישט קיין גלאז. איר'ט גע־קענט מיטברענגען מיט זיך א גלאז.

— איר זענט, ווייזט אויס, א פרינציפיעלער מענש — באמער־קען מיר — דאס איז גוט. ווייניג מענשען זיינען פרינציפיעל.

נעמט דער בחור און לייגט אונז אוועק א לעקציע ווי אזוי מען דארף זיין פרינציפיעל.

דאנקען מיר אים פאר דער קלוגער לעקציע און זאגען:

— פונדעסטוועגען, אז עס דארשט עטליכע אידען און זיי ברוי־כען א גלאז צום טרינקען, וועט איר זיי לאזען ליידען פון דארשט און בלייבען אלץ פרינציפיעל?

— יא, אזוי איז דאס. איך גיב נישט פרינציפיעל קיין גלאז.

— און אייערע אנדערע צוויי חברים? זיי אויך?

— יא, זיי אויך.

לאזען מיר גאר איבער דעם „אדלער" און פארען אוועק אין ראטשילד'ס מעל־מיל.

דא זיינען די מענשען דוקא נישט פרינציפיעל. מיר קריגען דא א גלאז, אויב מיר ווילען, און מיר דארפען נישט ווארטען אויף דעם מנהל. א יונגערמאן נעמט אונז גלייך ווי מיר קומען אן און ווייזט אונז אלצדינג, וואס מיר ווילען זען און אפילו וואס מיר ווי־לען נישט זען.

עס איז איינע פון די גרעסטע מילען. א מאשינעריי וואס פארכאפט דאס אויג. איך דערמאן זיך אן אונזער „וויאטערעק", די ווינדמיל איבער'ן יעדזיער, קעגענאיבער אונזער פענסטער, ווי ארים און קליין אונזער ווינדמיל איז קעגען דער מיל פון חיפה.

די ווינדמיל אין אונזער שטעדטיל האט געטראגען אין זיך

סודות פאַר אונז. ביינאַכט שפּוקט דאָרט, האָט מען גערעדט. טויט־וואָלים טאַנצען דאָרט. דער מילנער, אַ אַלטער גוי, וואָס איז אינדערוואַכענס און זונטאַג איינגעטונקט אין מעל, האָט געוואָרפען אַ שרעק אויף קינדער.

די מיל אין חיפה איז אַ מדינה, אַ גאַנצע מלוכה. מען ווייזט אונז די אוצרות פון דער מלוכה. מיר זעען ווי מען וואַרפט אַריין די קערנער און וויפיל וועגען און לייטערוועגען זיי גייען דורך. ביז עס ווערט מעל, שיין, ווייס מעל.

זיצט אַ איד אין פּאַריז און בויט ארץ־ישראל — און אַלץ, וואָס ער בויט איז גרויס, גרויס. קיין קליינע זאַכען טוט ער נישט. ער בויט אַלץ גרויס. ווי גרויס מוז זיין דער איד פון פּאַריז, וואָס בויט גרויס אין ארץ־ישראל!

דער איד פון פּאַריז איז די אידישע לעגענדע פון די היימישע שטעדט און שטעדטלעך. אין בית־המדרש, אין שטיבעל, צווישען מנחה־מעריב זיצען אידען און רעדען וועגען —

— ראָטשילד'ן.

אַלס קינד איז ביי מיר געווען ראָטשילד אַ לעגענדע. היינט אַז איך בין אין ארץ־ישראל און זע זיין מיל, בלייבט ביי מיר די ראָטשילד־לעגענדע. זי ווערט נאָך גרעסער און גרעסער.

מיט אַ יאָר עלף צוריק האָב איך געמאַכט אַ רייזע איבער פראַנקרייך. בין געווען אין אַ סך פּראָווינץ־שטעדט און שטעדטלאַך. געפינט מען כמעט אין איטליכען שטעדטעל אַ מוזעאום. איז וואו איך בין געקומען, האָב איך געפונען דעם נאָמען ראָטהשילד. אין איטליכען מוזעאום אַ בילד אָדער אַ סקולפּטור־שטיק געשאָנקען פון ראָטשילדן.

דאָרט אַ בילד, אַ סטאַטוע, דאָ אַ שטיק לעבען.

אויפ'ן הר הכרמל

יעדער טריט און שריט פון ארץ־ישראל דערציילט מעשה'ס. א מעשה פון מיט טויזענטער יאָרען צוריק. און אַ מעשה פון נעכטען. אַלע מעשה'ס זיינען מעשה'ס פון קאַמף. דאָס אַלטע און דאָס נייע אין ארץ ישראל, איז — קאַמף.

דאָס טעכניקום. קוקט אויף אונז דער בנין און דערציילט אונז אַ מעשה פון קאַמף. איד און דייטש האָבען געפירט מלחמה. דער דייטש האָט געוואָלט, דער טעכניקום זאָל זיין דייטשיש. דער דייטשער איד האָט געוואָלט אריינשטעלען א „צלם" אין... טעכניקום. אונזערע האָבען מנצח געווען. עס האָט נאָך קיינער ניט אויסגעפירט אריינצושטעלען אין אונזער הויז אַ צלם.

מיר פאָרען ארויף אויפ'ן כרמל. אויפ'ן וועג זעהען מיר, אַז מיר געפינען זיך אין אַ ה י י ם . אַן אראַבער פירט אַן אייזעל און ער טרעט נישט אָפּ דעם וועג פאַר אונזער אויטאָמאָביל. צו־שרייט זיך אויף אים דער אידישער שאָופער. דאָס צושרייען איז ווי פון אַ בעל־הבית ביי זיך אין הויז. איך האָב אין פוילען נישט געהערט אַזוי שרייען אַ אידען אפילו אויף זיין דינער דעם גוי.

אין חוץ־לארץ איז דאָס אידישע אָנשרייען אויף אַ גוי'שען די־נער נישט גאַנץ און נישט פריי. דער בעל־הבית פיהלט זיך אונ־טערטעניג זיין נישט־אידישען דינער. אומבאוואוסטזיניג איז אין דעם בעל־הבית' בלוט אַ פאַרכט, אַז זיין דינער קען אים פּלוצים ארויסטרייבען פון זיין גוטס.

איך זאָג ניט, אַז אַ האַר דאַרף שרייען אויף זיין דינער. מיר געפעלט עס ניט. מיך פאַרדריסט אויף אַ בעל־הבית, וואָס שרייט אויף זיין דינער. מיר געפעלט, אייגענטליך, גאַרנישט דער גאַנ־צער ענין פון האַר און דינער.

אָבער דאָס געהער נישט אַהער. איך וויל נאָר דערציילען, אַז דער איד אין ארץ־ישראל פיהלט זיך טאַקי אין דער היים. אין

דוקא מעשה בעל־הבית. און אַז איך האָב נאָך געזעהן ווי דער
אראַבער האָט זיך געבויגען און איינגעצויגען אונטער דעם געשריי,
האָב איך דערזעהן ווי זיכער עס פיהלט זיך דאָ דער איד.

איך וויל נישט, אַז דער אראַבער זאָל ציטערען פאַר דעם איד,
איך וויל נישט, אַז ער זאָל זיך בויגען און קאַרטשען פאַר אים. אָבער
אַז איך האָב זיך דערמאָנט ווי די אראַבער זיינען באַפאַלען אידען,
און האָב איצט געזעהן ווי דער איד שרייט אויף דעם אראַבער,
און דער אראַבער האָט מורא און טרעט אָפּ דעם וועג, האָב איך
געהאַט הנאה. אויב דער אראַבער האָט יאָ מורא, וועט ער דאָך
שוין נישט באַפאַלען צו מאַכען אַ פּאָגראָם.

דאָס איז נישט געווען דאָס איינציגע מאָל. אפשר אַמאָל צען
האָב איך געזעהן. און נישט נאָר, ווען איין שאופער האָט געשריען
אויף איין אראַבער, נאָר ווען איין שאָופער האָט געשריען אויף אַ
גאַנצע מחנה אראַבער, קעמעל־טרייבער. די מחנה האָט זיך דער־
שראָקען, איינגעבויגען די קעפּ און געפאָלגט.

גוט אַזוי. מוזען מיר דאָס אַלע מאָל און אין אַלע לענדער
נאָר מורא האָבען ? זאָל זיין איין ווינקעל, וואו מיר זאָלען נישט
מורא האָבען און אַנדערע יאָ. און ווידער, זיי זיינען דאָך אונז
באַפאַלען שוין עטליכע מאָל, מוז מען דאָך זען, זיי זאָלען מורא
האָבען כדי זיי זאָלען נישט מער באַפאַלען.

מיר פליען אַרויף אויפ'ן בארג כרמל. העכער, העכער, הויך,
גאָר הויך. מיר פאָרען אַרויף אויף דעם רוקען פון אַ לעגענדאַרי־
שען לייב, וואָס הויערט און שלאָפט.

איך געדענק ווי איך פלעג פאָרען אַרויף בארג. מיט אַ שאָסיי
בארג־אַרויף. איז עס שמאָל און איינס־צוויי פאַרט מען שוין
בארג־אַראָפּ. אַזוי אין די היגע בערג און אויך אין פראַנצויזישע.

דער בארג כרמל איז אָבער אַנדערש. מיר פאָרען אויפ'ן בארג,
הויך און ווייט און ברייט איז אַלץ בארג, מען זעהט גאָרנישט קיין
טאָל. און אַז מען זעהט שוין, איז ער אַזוי טיף און אַלץ אין אים
אַזוי קליין פון דעם כרמל קוקענדיג אַראָפּ.

מיר פאָרען אַזוי אַ היבשען שטח. קומען מיר אָן צו אַ גרוי־
סען האָטעל — אייראָפּא. און עס איז נישטאָ קיין ליידיג אָרט

אין דעם האָטעל. פרייט זיך דאָס האַרץ. אַמאָל איז דאָ געווען לײדיג. און היינט — היינט איז שוין גאָר־גאָר־נישט לײדיג. עס ווערט פול, עס ווערט באַזעצט דאָס לאַנד.

ווייזט מען אונז אליהו הנביא׳ס הייל. אין דער שטײנערנער וואַנט פון באַרג איז די הייל. איז דאָ געווען אליהו הנביא? האָט ער זיך דאָ באַהאַלטען און געוואַרט אויף דעם גרויסען טאָג, ווען ער וועט אויסראָטען דעם בעל פון ישראל?

איך קוק אַרײַנצו הייל און עפּעס טוט אַ שוועב פאַר מײַנע אויגען. אַ בילד פון מײַן קינדהייט.

איך לערן מלכים. שלינג די ווערטער, טאַנצען בילדער פאַר די אויגען. איך ז ע ה אַלצדינג.

דרײַ יאָר האָט שוין נישט גערעגענט. נישטאָ קיין איינציג גרעזעל אין לאַנד. אליהו הייסט ברענגען די נביאים פון בעל צום באַרג און אַלע אידען מיט זיי.

אַלע קומען אויפ׳ן כרמל. אחאב דער מלך ברענגט זיי. אליהו שרייט און פרעגט:

— ווי לאַנג וועט איר זיך וואַקלען צווישען גאָט און בעל? איז גאָט דער גאָט — גייט נאָך אים און אויב עס איז דער בעל — גייט נאָך אים!

און די פאַלשע נביאים האָבען גערופען צום בעל און דער בעל האָט זיי נישט אָפּגעענטפערט.

און אליהו האָט געזאָגט צו גאָט אַזוי:

— גאָט, דער גאָט פון אברהם, יצחק און ישראל, היינט וועט באַוואוסט ווערען, אַז דו ביזט דער גאָט פון ישראל און איך בין דײַן קנעכט. ענטפער מיר, גאָט, ענטפער, און זאָל דאָס פאָלק ווי־סען, אַז דו ביזט גאָט.

און עס איז אַראָפּ אַ פײַער פון גאָט — און דאָס פאָלק האָט געזעהן און זיי זײַנען געפאַלען אויף די פנים׳ער און זיי האָבען גע־זאָגט:

גאָט איז גאָט! גאָט איז גאָט!

אַלס קינד האָב איך דאָס געלערענט אין מלכים און געשלונ־גען די ווערטער. און געזעהן דאָס פאַר די אויגען.

היינט שטיי איך דאָ ביי דעם כרמל, אויף דעם כרמל. אָט דאָ איז געשטאַנען אליהו. אַרום אים דער מלך אחאב און דאָס גאַנצע פאָלק מיט די פאַלשע נביאים. דאָ איז דאָס פאָלק געפאַלען אויף דער ערד און געשריען:

גאָט איז גאָט!

איך, איך, שטיי דאָ.

איך האָב געקוקט אויף דעם כרמל. זיין מעכטיגער רוקען ציט זיך ווייט, ווייט, און איך האָב זיך אליין נישט געגלויבט:

— ביזטו דאָס טאַקע דער הר הכרמל? אויף דיר האָט דאָס פאָלק אויפסניי דערזען גאָט? איז עס טאַקע געווען אויף דיינע שפּיצען? שטיי איך טאַקע אויף דעם זעלבען אָרט? האָב איך דיך אַלס קינד געזעהן אין מלכים, זעה איך דיך טאַקע איצט?

— איך, איך, איך בין דער כרמל — האָט אריינגערעדט אין מיר דער באַרג — אויף מיר האָט דאָס פאָלק ווידער דערקענט גאָט. אויף מיר איז געשטאַנען אליהו הנביא. פון מיר קוקענדיג האָט דאָס פאָלק דערזען גאָט. אויף מיר האָט אליהו זיך אויסגעשפּרייט און אריינגענומען זיין פּנים צווישען די קני, אויף מיר האָט אליהו געבעטען, עס זאָל גיין אַ רעגען. און גאָט האָט זיין תפלה דערהערט און געשיקט אַ רעגען. און אויף מיר שטייסטו דו, אַ איינגעל געבוירען אין פּוילען און אַ איינוואוינער פון אַמעריקאַ.

איך האָב געפיהלט דאָס גרויסקייט אין זיך. איך האָב זיך דערפיהלט געגרויסט און דערהויבען. מיט טויזענד קעפּ בין איך אויסגעוואַקסען אין מיר און ביי מיר. אַ מעכטיגע מעכטיגקייט האָט אָנגעפילט מיין בלוט. אַ וואונדערליכער שטאָלץ איז אין מיר אויפגעקוואָלען. פון כרמל האָב איך געקוקט אויף די אַלע, וואָס זיינען אין חוץ־לארץ, וואָס זיינען נישט אין לאַנד און מיט גאוה האָב איך גערעדט צו זיי:

איך בין העכער פון אייך, די אין גלות, איך בין אויסדער־וויילטער, איך בין אין ארץ־ישראל, איך בין אויפ׳ן כרמל! דאָרט וואו עס איז געשטאַנען אליהו, שטיי איך.

עס איז נישט קיין נאַרישע איינרעדעניש. עס איז געווען

אַז אמת׳ער געפיהל. אַ ריינער, אַז ערליכער. איך האָב זיך דערפיהלט געגרויסט און דערהויבען.

איך האָב קיינמאָל פריער נישט געהאַט אַזאַ געפיהל. אַמאָל — איינגעשלאָסען אין די ווינקלען פון בית־המדרש. אין דרויסען די מורא פאַר׳ן שייגעץ. שפּעטער — אַלץ אין דער פרעמד, אַנדערש, שוין נישט אַזאַ מורא, אָבער אַלץ אַ פרעמד.

אין אַמעריקא, דער באַדען זיכער אונטער די פיס, איז מען פאַריאָגט, נישטאָ דער פרייער אָטעם, דאָס אייגענע אין בלוט.

פּלוצלונג קום איך נאָך ארץ־ישראל, שטיי אויפ׳ן הר הכרמל. פאַרוואָס האָב איך זיך נישט געזאָלט דערפיהלען געגרויסט און דערהויבען? פאַרוואָס האָב איך נישט געזאָלט אָנגעזאַפּט ווערען מיט גאווה.

איך בין זיכער, אַז איטליכער איד, וואָס פאָרט נאָך ארץ־ישראל, פיהלט זיך געגרויסט און דערהויבען. יעדער איד ווערט אָנגעפילט מיט גאווה. איז דען דאָס אַ קליינינקייט צו קענען זאָגען:

— איך בין אין ארץ־ישראל!

איך שטיי אויף דעם כרמל. דאָ האָט דאָס פאָלק ווידער דערזעהן גאָט. איך זעה דאָ גאָט און שטיל דאַנקט מיין האַרץ און לויבט זיין נאָמען:

— געלויבט ביזטו, גאָט, איך בין אויפ׳ן הר הכרמל!

ירושלים

א

זעקס און צוואַנציג טעג האָט געדויערט מיין נסיעה פון אַמע־ריקאַ נאָך ארץ ישראל. איטליכע סעקונדע האָט זיך געצויגן פאַר מיר ווי אַ יאָר. אַן אומגעוויינלאַכע אומגעדולד האָט געזידט אין מיין בלוט.

ווי קומט מען שוין נאָך ארץ ישראל ?

יעדע סעקונדע אַזוי, זעכציג סעקונדען אין מינוט. זעכציג מינוט אין אַ שעה ! פיר און צוואַנציג שעה אין אַ מעת־לעת. זעקס און צוואַנציג מעת־לעת.

אָבער די אומגעדולד אויף דער שיף איז געווען גאָרנישט אַקעגען די עטליכע אומגעדולדיגע טעג אין ארץ ישראל, ביז איך בין אָנגעקומען נאָך ירושלים.

ירושלים האָט געברענט אין מיינע גלידער.

ווען קום איך נאָך ירושלים ?

און איך פאָר נאָך ירושלים.

עס איז געווען אין אָווענט. נישט קיין ליכטיגער ארץ ישראל אָווענט. דער הימעל איז פרעכטיג. אין קיין אַנדער לאַנד האָב איך אַזאַ וואונדערשיינעם הימעל נישט געזען. איך האָב אָבער אין ארץ ישראל שוין געזען אַ שענערען הימעל.

איך האָב זיך געפילט אין אַ שווערער שטימונג. געווען נאָך וואָס אין דעם קריסטליכען נצרת, אין דעם פיינטליכען שכם. דער מוט אַ דערשלאָגענער, בין איך געזעסען מיט מיינע חברים־פאַ־סאַזשירען אין אַטאָמאָביל און געשוויגען, אומעטיג געשוויגען.

אין דער טונקעלער נאַכט הויבען מיר זיך העכער און העכער. דער אַטאָמאָביל שפריצט אַ כוואַליע ליכט פאָראויס און איך זע — הויכער באַרג, העכער, העכער.

פלוצלונג האָט עפּעס שטיל אַ רעד געטון אין מיר :
איך... פאָר... נאָך... ירושלים...

אין אַ רגע האָט מיך שטאַרק אָנגעהויבן ציען אין הארץ, ביז צום אויסגיין, פלוצלונג רייסט זיך אַרויס פון מיין האַלז :

ד׳ ד׳ אל רחום וחנון !

האָט געזונגען אין מיר און פון מיר די „שלש עשרה מדות“, מיט דעם ימים־נוראים׳דיגען ניגון.

שטיל אין אָנהויב, שפּעטער העכער, שטאַרקער. איך בין אודאי געווען הייזעריג, האָב געוואָלט אויפהערען זינגען, עס האָט אָבער אַרויסגעזונגען פון מיר :

ד׳ ד׳ אל רחום וחנון !

און נאָכאַמאָל, און ווידער אַמאָל. אַ צוויי שעה כסדר, אָהן אויפהער האָט מיין האַלז געריסן :

ד׳ ד׳ אל רחום וחנון !

פליט אַ מאַשין אויף די ראַנדען פון די ארץ ישראל בערג, אויפ׳ן וועג נאָך ירושלים. פינסטער איז אַרום. אין דער פינסטערניש פליט דער אָטאָמאָביל, איינער צווישען פינף פּאַסאַזשירען זיצט און עס זינגט פון אים אַרויס ימים נוראים׳דיק :

ד׳ ד׳ אל רחום וחנון !

איך האָב געוואָלט אויפהערען זינגען און נישט געקאָנט. אַזוי ביז איך האָב דערזען די ערשטע פייערלאַך פון ירושלים.

ווען דער שאָפער האָט געזאָגט :

— דאָס איז ירושלים !

האָב איך זיך באַרוהיקט און אויפגעהערט צו זינגען.

איך האָב אויפגעהערט נישט מיט מיין אייגענעם ווילען ווי איך האָב אָנגעהויבען נישט מיט מיין ווילען. נישט איך האָב געוואָלט זינגען, נישט איך האָב זיך געגרייט צו זינגען. נאָר עס האָט פלוצלונג אָנגעהויבען זינגען אין מיר, און אַזוי האָט דאָס אויפגעהערט פלוצלונג, ווען איך האָב דערזען די ערשטע ליכט פון ירושלים.

יענע נאַכט איז מיר קלאָר געוואָרען די אַלטע חסידישע מעשה. מען דערציילט וועגען אַ רבי :

דער רבי פלעגט ביים זאָגען תורה צו שלש סעודות אריינפאַלען

אין אַ מורא'דיק דבקות, ממש טאַקי עד כלות הנפש. זיין זון האָט דאָס געוואוסט, און אַז ער האָט דערזען דעם פאָטער אין גרויס דבקות, האָט ער אים אַ צי געטאָן פאַר דער פאָלע און ארויסגעצויגען פון דבקות.

ביז איינמאָל, דער זון האָט פארשפעטיקט אויף אַ רגע צו ציען די פאָלע און דער רבי איז געבליבן אין דבקות. עס איז געווען כלות הנפש.

אַלע מאָל האָב איך זיך געפרעגט:

קאָן געמאָלט זיין אַזאַ מדרגה פון דבקות, וואָס אַ מענטש זאָל זיך קאָנען אויסטון אינגאַנצען פון דער וועלט? נאָר איין געפיהל אין אים און ער אין דעם איינציגען געפיל זאָלען לעבען?

אויפ'ן וועג נאָך ירושלים איז מיר פארענטפערט געוואָרען יענע קשיא. עס איז נישט קיין לעגענדע. מען ברויך נישט צו דערציילען די מעשה מיט דעם רבי ווי אַ לעגענדע. דאָס דבקות איז וואָר. עס קאָן געמאָלט זיין. מיט מיר איז דאָס געשען.

איך, אַ איד אַ פשוט'ער, האָב פארגעסען וועלט־און־מענשען, נישט ווייל איך האָב געוואָלט אַזוי, נאָר עס איז געקומען פון זיך אליין, האָב אַלץ און אַלעמען פארגעסען, נאָר איין וואָרט האָט גע־לעבט אין מיר, אָנגעפילט מיך אינגאַנצען, איין וואָרט —

ירושלים.

און ווער ווייס ווי אַזוי איך האָב פלוצלונג אָנגעהויבען זינגען און געזונגען צוויי שעה:

ד' ד' אל רחום וחנון!

איך האָב אפילו פארגעסען אַן מיינע חברים־פאַסאַזשירען. איינס האָב איך געוואוסט מיט אַ וויסען פון גליהענדער דבקות —

ירושלים.

איך האָב זיך נאָכ'ן זינגען דערפילט אַזוי שוואַך, דאָס הארץ רוי, אויסגעהוילט, ווי אויפגעכאַפּט פון אַן אומרוהיגען שלאָף.

אַ דבקות פון כלות הנפש.

איך האָב זיך אַליין געוואונדערט ווי דאָס האָט געקאָנט געשען.

איינער פון די פאַסאַזשירען האָט שפּעטער מיר געזאָגט אַזוי:

— איז אָנהויב האָב איך זיך געוואונדערט: וואָס זינגט איר

עפּעס די שלש עשרה מדות? דערנאָך ווען איר האָט אַלץ געהאַלטען אין איין זינגען, האָב איך געטראַכט ווי ווערט איך נישט נמאס צו זינגען כסדר די זעלבע זאַך. שפּעטער האָב איך מיך דערשראָקען פאַר אייך. איר האָט נישט געהערט וואָס עס טוט זיך לעבען אייך, אָרום אייך, זינגט כסדר די שלש עשרה מדות ? וואָס איז געשען מיט אייך ? נאָר אַז איר האָט שוין געזונגען אַזוי אפשר אַ שעה, האָב איך אייך געוואָלט אַ טרייסעל טון, זעהן וואָס איז מיט אייך, האָב עס געטון און דאָך נישט געטון. איר זייט געווען אויף אַן אַנדער וועלט. האָט זיך מיר געדאַכט, נישט איך קאָן און נישט איך וועל אייך שטערען. — —

אויף מיין ערליך וואָרט:

איך האָב אין די געציילטע טעג אין ארץ ישראל דורכגעפילט שטאַרקער און איבערגעלעבט מער ווי די גאַנצע צייט פריער, אָבער אַזאַ וואונדערליכע מעכטיגע איבערלעבונג ווי אויפ׳ן וועג נאָך ירושלים, האָב איך ערגיץ אַנדערש אין ארץ ישראל אויך נישט געהאַט.

איך ווייס — וואָלט איך געהאַט כח און מיין שטימע וואָלט געווען אַזוי הויך וואָלט איך פון די בערג אַראָפּ אַ געשריי געטון. ירושלים! אַז דאָס וואָרט וואָלט זיך צוטראָגען איבער אַלע וועלטען.

עס איז דאָך ירושלים, די שטאָט איבער אַלע שטעט. עס איז דאָך די שטאָדט וואָס מען האָט אריינגעלערענט אין מיין בלוט און לעבען, אַז איבער איר שטייט נאָך אַ ירושלים, אַ ירושלים של מעלה. דאָס האָב איך נישט געלערענט און נישט געהערט וועגען אַן אַנדערע שטאָדט. עס איז דאָך די שטאָדט וואָס מען האָט געערדט פון אונזער חורבן האָט מען געזאָגט — חורבן ירושלים, און מען האָט מתפּלל געווען אויף בנין, האָט מען געבעטען — ובנה ירושלים.

איז גאָר קיין וואונדער נישט וואָס רבי יהודה הלוי האָט געקושט די שטיינער פון ארץ ישראל, געקושט די ערד, ווען ער איז אָנגעקומען אהין. מען ברויכט נישט צו זיין אַ רבי יהודה הלוי דאָס צו קאָנען טון. אַ פּשוט׳ער איד קאָן אויסגיין פון דערגרייכטער בייַנקשאַפט, ווען ער דערזעט דאָס ערשטע מאָל ירושלים און ער זאָל זיך וואַרפען קושען די ערד און גלעטען אירע שטיינער.

אַ שוואַכער פון געזעטיקטער פרייד און געשטילטער בייגק־שאַפט בין איך אַריינגעפאָרען נאָך ירושלים. מיט אָפענע אויגען, אָפען מויל און אָפען הארץ האָב איך געקוקט ארום זיך און געוואָלט אַלץ איינשלינגען און איינטרינקען אין זיך.

אָט איז מ ג ד ל ד ו ד.

זאָג איך איבער נאָכאַמאָל:

מ ג ד ל ד ו ד.

די אַלטע מויער און טורעם האָבען מיר ווי אַ פייער צוואַנג אַ ברען געטון די אויגן.

עס איז דאָך טייטש:

מגדל, דער טורעם, דוד, פון דוד, פון דוד המלך.

איטליכער טריט פון ירושלים איז הייליג. יעדער שריט דער־מאָנט און דערציילט דיר איבער אַ שטיק לעבען דיינס. הייליגקייטען אַלטע, הייליגקייטען נייע, דאָס נייע אין ירושלים, דאָס וואָס מען בויט איצט איז דאָך אויך הייליג, עס איז דאָך ירושלים! טאַ בעט איך דיך, גאָט, האָט מיין הארץ שטיל מתפלל געווען, גיב מיר כח דאָס אַלץ זעהן אַ געזונטער און אַ קרעפטיגער.

אין דער געהויבענער גרייטקייט צו זעהן ירושלים די הייליגע זיינען מיר ארומגערינגעלט געוואָרען פון אַ מחנה אראַבער, אַלטע און יונגע וואָס האָבען געקאָנט טראָגען דעם געפעק פון הונדערט פּאַרשוין. גיב זיי אַלעמען עפּעס אַ פּעקעל צו טראָגען. טאָמער האָט איר נישט גענוג פאַר זיי, הויבען אָן די וויינערס צו וויינען. די נישט־וויינערס שרייען אַז דאָס געוויין איז אָנגעשטעלט, און וויל מען זיך ארויס־רייסען פון דעם וויינענדיגען אראַבישען געזינדעל, איז דאָ איין אויסוועג — שטופּט אריין אין יעדער אויסגעשטרעקט האַנט אַ מטבע, באַקשיש.

קאָן מען זיין קארג אין אַזאַ מאָמענט? גיט מען באַקשיש און די וויינערס שמייכלען, זייער וויינען איז אַ גוט מיטעל. זיי נאַרען אָפּ די לייכטגלויביגע אַמעריקאַנער.

זאָלען זיי נאַרען. איך בין אין ירושלים.

ירושלים. מיין קדשי קדשים. אונזער קדשי קדשים.

איך, שמשון בן ראובן, ביז בעזרת השם אין קדשי־קדשים. בין געהייליגט.

ב י י ם כ ו ת ל מ ע ר ב י

ב

ביי די טויערען פון רוים זיצט משיח. צווישען בעטלער און שווערע קאליקעס זיצט משיח און בינדט זיינע וואונדען, אונזערע וואונדען, אזוי האבען מיר געלערנט.

איך בין געוועזען ביי אונזער וואנט, ביים כותל מערבי, און דארט געטראפען משיח זיצען צווישען די בעטלער און קראנקע קאליקעס, ווי ער בינדט זיך די וואונדען, אונזערע וואונדען.

אויף דעם וועג צו אונזער כותל, די מצבה פון אונזער חורבן, צווישען די מחנות קאליקעס און בעטלער, זיצט משיח בינדט זיינע, אונזערע וואונדען, און ווארט טאמער קומט די שעה.

די שעה איז נאך נישט געקומען. זיצען די קאליקעס אויף דעם וועג צום כותל און משיח זיצט צווישען זיי.

איך בין מודה ומתודה:

געגאנגען בין איך צו אונזער וואנט, צום כותל מערבי, קאלט, אומפאראינטערעסירט. אט א וואנט! שטיינער, אלטע שטיי־נער.

אבער — ווען איך בין צוגעגאנגען צו דער וואנט, האבען די אלטע שטיינער געוויינט צו מיר און איך — איך האב מיט־געוויינט מיט זיי.

אז שטיינער וויינען, ווי קען דאס הארץ בלייבען אהן גע־וויין?

צוויי מאל האב איך געוויינט אויף מיין רייזע.

איינמאל אויפ׳ן קבר פון מיין טאטען. און דאס צווייטע מאל אויף דער מצבה פון אונזער חורבן, פון אונזער גלות — ביים כותל מערבי.

און איך בין ניט קיין בעל־בכי.

צווישען די אוצרות פון טרערען, וואָס זיינען געפאַלען צו־פוסענם פון אונזער וואַנט, זיינען אויך דאָ מיינע.

אין דעם גרויסען לאַגעל, וואו דורות אידען האָבען אריינ־געוויינט, זיינען דאָ אויך מיינע טרערען.

און אַ געהייליגטער בין איך געוואָרען פון די טרערען, גע־הייליגט און דערהויבען.

דער וועגפירער זאָגט אונז אַן מיט אַ שטרענגע וואָר־נונג:

— איר טאָרט נישט אריינשטעקען די האַנט אין קעשענע און געבען אַ נדבה. איר וועט זיין אין סכנה. די בעטלער, בעטלערקעס וועלען אייך באַפאַלען ווי פליגען.

מיר לאָזען זיך אראָפּ, אראָפּ גאַס. גייען דורך קרומע, שמאָלע געסלאַך, אראָפּ, אראָפּ, טרעפּ אראָפּ, דרייען זיך און פּאַרדרייען זיך אין אַ מאָדנעם פּלאָנטער, אַ שטיינערנער, ענ־גער פּלאָנטער, גייט זיך אַזוי שווער. קינדער מיט קראַנקע אוי־גען קוקען אַזוי קראַנק און שטעלען אויס שטיל אַ האַנט.

הויבט אָן ווערען ענג, שמאָל דאָס הארץ, דריקט און דריקט אַרויס דאָס קאַלטקייט און גלייכגילטיגקייט. פון די קינדער׳ס קראַנקע אויגען ווערט קראַנק דאָס הארץ.

מיר גייען ווייטער. מיין קאָפּ איז אראָפּגעלאָזט. איך קען שוין נישט קוקען מיינע חברים אין די אויגען. ווי ביי אַ לויה, וואָס מענשען האָבען מורא זיך צו קוקען אין די אויגען.

פּלוצלונג דערזעהען מיר אַ מחנה ווייבער, אויסגעזעצט אויף דעם שטיינערנעם וועג, און אַ פּלוצלונגדיגע שרעק איז מיך באַפאַלען.

מצורעים!

מורא׳דיגע, שרעקליכע קאַליקעס, אָפּגעריסענע, אָפּגעשליסענע, בעלטערקעס אַלט שוין צוויי טויזענד יאָר, זיצען זיי דאָ. קוקען אויף מיר און מיר קלאַפּט דאָס הארץ, דער קאָפּ האַקט, אין די אוי־גען שווינדעלט. אַזעלכע אָפענע וואונדען, ניט קיין אויגען, נאָר וואונדען, אויפגעריסענע וואונדען קוקען אויף מיר.

מצורעים!

ביי די טויערן פון רוים זיצט משיח, האָבן מיר גע־לערנט. משיח זיצט צווישן בעטלער, קאַליקעס און בינדט זיך די וואונדן. משיח בינדט אונזערע וואונדן.

איך האָב אים אָבער געזעהן אויפ'ן וועג צום כותל מערבי. זיצט ער צווישן די קאַליקעס בעטלער און בינדט אונזערע וואונדן. און וואַרט טאָמער קומט שוין די שעה.

די בעטלערקעס שרייען צו אונז, קווישען, רינגלען מיך אַרום. טויזענד הענט — טויטע הענט שטרעקן זיך אויס צו מיר, אויגן־וואונדן קוקן אויף מיר.

דער וועגווייזער וואָרנט אונז אַזוי שטרענג:

— איר טאָרט נישט אָנהויבן געבן, זיי וועלן אייך באַפאַלן ווי פליגן.

דערשראָקן גיי איך ווייטער און פון ביידע זייטן וועג זי־צן זיי די מחנות בעטלערקעס, איינע מורא'דיגער פאַר דער צווייטער, שרעקליכער, דערשרעקנדער.

מיר פאַלן אַריין אין אַ שטיינערנעם קאַסטן. גלייך פאַר אונזערע אויגן שטייט זי — די וואַנט.

פון ערשטן בליק — ניט הויך, אַ וואַנט. גרויסע שטיינער, מעכטיגע שטיינער, אָבער דאָך נאָר שטיינער.

דער צווייטער בליק — מיר שווינדלט אין די אויגן. און איך זעה אויף איינעם פון די שטיינער גאָר אין דער הויך, וואו מען קען מיט דער האַנט ניט דערגרייכן, אויסגעקריצט מיין נאָמען מיט גרויסע אותיות: שמשון בן חנה שרה.

האָט אַ ריס געטאָן מיין האַרץ ווי מיט אַ צוואַנג, אַרויס־געריסן אַ שטיק. איך האָב שוין ניט געזען פאַר מיינע אויגן קיין וואַנט.

גייען מחנות — מחנות, אומגעהויערע מחנות, מענער, פרויען און קינדער. די מענער — אַזעלכע גרויסע, מיט גרויסע בערד, נאָר געבויגענע גייען זיי, אַלע גייען געבויגענע, געבויגענע מחנות גייען און גיין.

וואוהין גייען זיי? דאָס זעה איך נישט. איך זעה אויך נישט די וואַנט, נאָר די, וואָס גייען. איך גיי אויך. האָב זיך

געזעהן אַ געבויגענעם צווישען די גרויסע מחנות. פאַר מיר אַ מחנה, הינטער מיר אַ מחנה אָהן אָן אָנהויב, אָהן אַ סוף.

אַ חבר איז צו מיר צוגעגאַנגען און גערעדט צו מיר. איך האָב נישט געהערט וואָס. האָט ער מיר אַ טרייסעל געטאָן און געזאָגט:

— וואָס וויינסטו אַזוי? וואָס ציטערסטו אַזוי? ביזט קראַנק?

אַרום מיר זיינען געשטאַנען עטליכע ווייבער און געזאָגט פון אַ סידור און געוויינט און מיינע באַקען זיינען געווען געוואַשען פון טרערען.

איך האָב ברייט־פריי געקוקט אַלעמען אין די אויגען. נישט געשעמט זיך צו קוקען מיינע באַגלייטער אין די אויגען. איך האָב געוויינט? עס איז נישט שיין צו וויינען? אָבער מיר איז דאָך אַזוי גוט און אַזוי גרינג אויפ׳ן האַרצען.

מיין נאָמען אויף דער וואַנט האָב איך מער נישט געזעהן.

איך גיי צוריק. ווידער זיינען אויסגעשטרעקט די טויטע הענט צו מיר. און מיר איז אַזוי גוט. האָב איך אַרויסגענו־מען עטליכע מטבעות און אָנגעהויבען געבען.

איז געוואָרען אַ טומעל, אַ ווילד־געשריי. זיי האָבען מיך באַפאַלען, באַלאַגערט, דער וועגפירער האָט אויפגערעגט גע׳־טענה׳ט:

— איר׳ט מיך נישט געפאָלגט! האָט איר איצט!

מיר איז אַזוי גוט, אַזוי גרינג. האָב איך אַרויסגענומען נאָך און נאָך געלד, געטיילט און אויך געוואָרפען צווישען דער מחנה.

איך האָב דערפיהלט אַ מורא׳דיגע תשוקה אַרומצונעמען די אַלע בעטלער און בעטלערקעס, גלעטען זייערע טויטע הענט, קושען זייערע קראַנקע אויגען און זאָגען:

— איר, די עדות פון אונזער חורבן, די עדות פון אונזער צער, די עדות פון אונזער גלות. אייער בעטלען איז אונזער בעטלען, אייערע וואונדען זיינען דאָך אונזערע וואונדען.

ווען מיר זיינען אַרויס פון כותל־געגענד, האָבען מיינע

חברים זיך שרעקליך געהיצט, וואס מען לאזט די בעטלער פאר־צוימען דעם וועג צו בער וואנט, מען דארף זיי פארטרייבען.

און איך האב געזאגט:

אזוי ברויך עס צו זיין. אזוי לאנג ווי עס איז דער גלות. אזוי לאנג ווי עס שטייט די מצבה, זאלען דא די בעטלער און די בעטלערקעס זיין. דער סימן פון אונזער בעטלען.

זאלען ביי דער מצבה פון חורבן זיצען די בעטלער און די קאליקעס. צווישען זיי, מיט זיי, זיצט משיח און בינדט אונ־זערע וואונדען.

ג

ווי דורך כשוף.

א גאנצע וואך א בעטלער און שבת א פרינץ, א מלך. אזוי אין גלות און אויך ביי אונזער וואנט, ביים צייכען פון גלות.

פרייטאג פארנאכט בין איך אוועק צום כותל מערבי מקבל שבת זיין.

די קינדער מיט די קראנקע אויגען זיינען נישטא. די בעט־לער מיט די בעטלערקעס זיינען אויך נישטא. די געסלאך זיינען פריי, ליידיג פון זיי.

איך האב זיי אבער יא געזעהן. א סך פון זיי האב איך דערקענט צווישען די מתפללים ביי דער וואנט.

נעכטען בעטלער, היינט — שיינע, הארציגע אידישע באַ־בעס, אנגעטאן שבת'דיג, האלטען זיך שטאלץ־שבת'דיג ווי די אלטע נגידות'טעס אין די היימישע שטעדטלאך.

שבת איז נישטא קיין גלות. אפילו ביים כותל מערבי. אום שבת מלכתא איז די אידישע אלטע בעטלערקע — א מלכה.

די געסלאך פול מיט אידען. אידען אלערליי. ווילט איך זעהן א קיבוץ־גליות, מוזט איך פרייטאג צונאכטס גיין צום כותל מערבי. דארט קומען זיך צוזאמען אלע קינדער, וואס זיינען פארטריבען געווארען פון מאמעס הויז.

דער קליינער, ענגער קאסטען ביי דער וואנט איז פול גע־פאקט. און מען גייט און מען גייט, מחנות ציען אהער. וואו

וועלען דען די אַלע זיך אַהינטאָן אין דעם קליינם אָרט ביי דער וואַנט?

איך שטעל זיך אַוועק דאַוונען. אַט שטייט דער בעל־תפלה. שטיי איך לעבען אים. זאָגט ער לכה דודי, זאָגען מיר מיט. פּלוצלונג דערהער איך נאָך אַ קול פון אַ בעל־תפלה. יענער זאָגט גאָר מזמור שיר ליום השבת. אין אַ מינוט אַרום הער איך פון אַן אַנדער זייט אַ קול פון אַ בעל־תפלה, זאָגט ער גאָר די הויכע שמונה־עשרה פון מנחה.

ווי איך וואונדער זיך אַזוי, דערהער איך די שטימען פון אַ צען פאַרשידענע בעלי־תפלות, און אין אַלערליי אַקצענטען. איינער — פּויליש־גאַליציש, אַ צווייטער — וואָליניש, אַ דריטער — ליטוויש, ספרדיש און דייטשיש — אַלע לשונות פון דער וועלט. אַלע „ציגנער" הערט מען דאָ.

יעדער מיט זיין מנין, איטליכער מיט זיין מין.

דאַוונט יעדער פאַר זיך, דאַוונען יעדע צען באַזונדער. איינציגע, באַזונדערע, יחידים, די צבור'ס זיינען אויך צוטיילט, חסידיש, מתנגדיש, ספרד'יש, אשכנזיש.

איך האָב דאָרט געפונען די אידען פון מיינע שטעדטלאַך, לאַנגע־לאַנגע פּאות טראָגען זיי. זיידענע קאַפּאָטעס, לאַנגע, ברייטע, ווייסע, רויטע, בלויע, געלע, אַלע קאָלירען זיידענע. זייך די מלבושים, זייך געקרייזעלט די לאַנגע פּאות, זייך דאָס פּנים, פּנים'ער זיידענע.

אידען מעבטיגע, ריזען מיט ווייסע מאַנטלען און לאַנגע ווייסע בערד, אידען אין פעסקעס, רויטע, אידען אין אַבאַיעס, אידען מיט קאַפּעלושען, אידען, אידען, אידען, פון דער גאַנצער וועלט אידען.

פרויען פון אַלע עקען וועלט. ווייבער אין שטערנטיכלאַך, אין פיל קאָלירטע שרייענדיגע ברייטע קליידער און פרויען טיף דעקאָלטירטע מיט בריליאַנטען באַהאַנגען.

פרייטאָג זיינען די בעטלערקעס אויך פאַרנומען. זיי האַלטען טיכער אין די הענט. און ווי זיי דערזעהען אַ פרוי, וואָס איז נאָר אַ ביסעל דעקאָלטירט אָדער די אַרבעל זיינען

נישט לאנג גענוג צו פארדעקען די הענט, שפּרינגען זיי צו און מיט א טוך הילען זיי זיי איין.

מיט שרעק קוקען זיי אויף די פרויען, וואס קומען דער־קאלטירט צום כותל.

— דא טאר מען נישט גיין מיט אנטפּלעקט לייב.

אלע זיינען געקומען מקבל שבת זיין ביי דער וואנט, טא פאַרוואס דער פּירוד? פאַרוואס די צושיידונג, פאַרוואס נישט איין ציבור און איין שליח ציבור?

טאקע שבת, שבת, ביים כותל מערבי, א קיבוץ גליות, אבער די גליות׳ן זיינען נישט געווארען דא איינס. אלע יעדער באַ־זונדער, איטליכער פאר זיך.

איז נישטא קיין איין־איינציגער ניגון, זינגט נישט דער ציבור איין געזאנג, נאר יעדער זינגט פאר זיך זיין ניגון. מי־שען זיך אוים די ניגונים, אבער מישען זיך נישט צוזאמען, ווערט נישט אן איינציגע שירה. ווערט א מיש־מאש, גרילצט און גראַ־גערט אין די אויערען.

און דאס פאַרדריסט.

אבער הייליג איז דאס ארט און ד א ו ו נ ע ן קאן מען נאר דארט.

...אלט איז דאס אינגעל דעמאלט געווען א יאר צוועלף. שפּעט ביינאכט איז ער אהיים געקומען פון בית המדרש און ער האט זיך געשטעלט לייענען קריאת־שמע פאר׳ן שלאף.

ער האט אליין נישט געוואוסט ווי אזוי. ווי קיינמאל נישט פריער האט ער אנגעהויבען זאגען הויך אויפ׳ן קול, געציילט די ווערטער ווי פּערל, פון הארצען האבען זיך די ווערטער־פּערל ארויסגעהויבען.

אז ער האט געענדיגט קריאת־שמע לייענען און זיך ארומ־געקוקט, האט ער דערזעהן טאטע־מאמע שטיין מיט פרומער פרייד אין די אויגען קוקען אויף אים.

אט אזוי ווי דאס אינגעל האט איינמאל אין זיין לעבען גע־לייענט קריאת־שמע, אזוי האב איך געדאוונט פרייטאג צונאכטס ביים כותל מערבי.

נישט נאָר איך. פון מיינע חברים אויף דער שיף האָב איך עטליכע געטראָפען ביי דער וואַנט. אַ טייל פון זיי האָט שוין נישט געדאַווענט אַ דריי צענדליג יאָרען. און זיי? זיי זיינען געשטאַנען פאַר זיך, מיט זיך, פאַרטיפט אין סידור און אַ ערנסט געבעט האָט געלויכטען פון זייערע אויגען אַרויס.

ווי שיין איז דער מענש, ווען ער שטייט און בעט!

זיינען דאָ פאַרשידענע ציבור'ס ביים דאַווענען, איז אָבער ביים גוט שבת דער ציבור איינער. פרעמדע, וואָס האָבען זיך קיינמאָל פריער נישט געזעהן, טראַגען זיך אַנטקעגען דעם „גוט־שבת".

— גוט שבת! גוט שבת!

— שבת שלום ומבורך!

— שבת שלום ומבורך!

אויף אַ רגע ווערען אַלע ציבור'ס, די צושפּרייטע און צו־זייטע — איין ציבור.

מורא'דיג ווי עס איז ביי דער וואַנט אינדערוואָכענס, ווי עס איז פרייטאָג צונאַכטס פול מיט מיט וואונדערליכע מאָמענ־טען. דאַרף מען ערשט גיין אַהין שפּעט ביינאַכט.

אידען, אַלט־ירושלים'ער, מקובלים, הויכע, דאַרע, מיט ברע־נענדיגע אויגען און לאַנגע, לאַנגע בערד, קומען זיי שפּעט ביי־נאַכט איינציגווייז צו דער וואַנט.

און זעסטו ווי עס שפּרייזען שטיל מיט טריט נישט־פון־דער־וועלט, די הויכע, דאַרע, מיט די לאַנגע ווייסע בערד, גלאַנ־ציג זיידענע קאַפּאָטעס און פייער אויגען, אין דער פינסטערער נאַכט צום כותל, באַפאַלט דיך אַ פחד — —

— די נביאים, וואָס האָבען נביאות געזאָגט אויפ'ן חורבן, קומען אין דער שפּעטער נאַכט־שעה צו דער וואַנט און ווײנען אויף זייער נביאות.

ד י ז ע א ו נ ג פ ו ן א ח ר י ת ה י מ י ם

ד

1

א בילד. —
א בילד אזוי וואונדערליך.
א בילד אויסגעחלום׳ט.
נישט פון הענד געטראָגען א בילד.
א בילד געטראָגען אין הערצער.
אין הארץ פון א פאָלק.
אין הארץ פון אונזער פאָלק.
אין הארץ פון דער וועלט.

2

א בילד. —
נישט אויף לייווענט געמאָלט.
אין שטיין נישט געקריצט.
נישט פון אייזען געשמידט
און נישט פון האָלץ געשניצט.
א בילד — א חלום, א זעאונג.
די זעאונג פון אחרית הימים.
וואָס דאָס אויג זעט נישט.

3

גאָט׳ס וואָרט. —
און עס וועט זיין באחרית הימים
פעסט וועט זיין דער באַרג פון גאָט׳ס הויז
אין שפיץ פון די בערג.
און דערהויבען פון די הויכען.
און צו אים וועלען ציען אַלע פעלקער.
און עס וועלען גיין א סך פעלקער און זיי וועלען זאָגען :

קומט ! לאָמיר אויפגיין צו גאָט׳ס באַרג,
צום הויז פון גאָט פון יעקב,
און ער וועט אונז לערנען זיינע וועגען.
און מיר וועלען גיין אין זיינע שטעגען.
דען פון ציון גייט ארויס די תורה,
און דאָס וואָרט פון גאָט — פון ירושלים
און ער וועט משפט׳ן צווישען די פעלקער,
און ער וועט שטראָפען אַ סך פעלקער,
און זיי וועלען צושטויסען זייערע שווערדען אויף רידלען
און זייערע שפּיזען אויף שנייד־מעסערס.
און אַ פאָלק אויף אַ פאָלק וועט נישט אויפהויבען אַ שווערד
און זיי וועלען מער נישט לערנען קיין קריג.

* * *

אויפ׳ן הר הצופים. אין די טעג פון חודש ניסן. אונזער יום טוב חודש. ניסן פון מצרים און ניסן פון היינט.

די קינדער די פארשפּרייטע, די קינדער די צוזייטע קומען אויפ׳ן הר הצופים, קומען עפענען דאָס „אידישע הויז“.

קומען אַלע פעלקער. קומען זייערע שליחים מיט מתנות אין די הענד פאַר דעם „אידישען הויז“.

טויזענדער יאָרען אַ חלום. אַ נישט פארגעסענער חלום.

אַ חלום גע׳טובל׳ט אין בלוט. אַ חלום געגליט אין פייער. אַ חלום געלייטערט אין פּיין.

אַ חלום אַ פּאָן.

ציט־אויף דער חלום. פלאַטערט הויך דער חלום.

אויפ׳ן הר־הצופים.

„און צו אים ציען אַלע פעלקער“.

* * *

קומען פריינד, קומען שונאים. קומען פעלקער, וואָס האָבען אונז געהאָלפען, קומען פעלקער וואָס האָבען אונז געפּייניגט.

„און צו אים וועלען ציען אַלע פעלקער“.

אפילו די וואָס האָבען געמאַכט פּאָגראָמען.

אַזוי איז די זעאונג. דער חזיון פון טויזענדער יאָרען.

שפעטער וועט קומען דער סוף פון דער זעאונג:
„און א פאלק אויף א פאלק וועט ניט אויפהויבען א שווערד".

* * *

וועלען אויך קומען די פון אונז וואס זיינען נאך נישט געקומען.
וועלען קומען די גלייכגילטיגע.
וועלען קומען די ווידערשפעניגע.
די וואס קריצען מיט די ציין וועלען אויך קומען.
דאס ליכט פון „אידישען הויז" וועט צושפרייטען זיינע שטראלען איבער דער וועלט.
„יענעם טאג וועלען די טויבע הערען און פון דער פינסטער וועלען זעען די אויגען פון בלינדע".
— מיר זעען דאס ליכט!

די אוניווערזיטעט אויפ'ן הר הצופים

ה

איך גיי צו דער אוניווערזיטעט אויפ'ן הר הצופים.
איך זע פון דעם בארג די שטאדט, די שטאדט וואס טראגט אין זיך טויזענטער יארען־סודות, טויזענטער יארען־האפענונגען, טויזענטער יארען תפילות.
אויף דעם ארט איז געשטאנען טיטוס מיט זיין לעגיאן, דער צענטער לעגיאן, הונדערטער יארען איז געשטאנען דער לעגיאן אויף דעם בארג און געהיט דעם אידישען חורבן. יאר נאך יאר האט רוים געשיקט נייע סאלדאטען פאר דעם לעגיאן.
אבער אונטערגעגאנגען איז רוים, אויסגעשטארבען זיינען די לעצטע פון צענטען לעגיאן. איצט שטייען מיר, די קינדער פון די פארטריבענע אידען, אויף דעם זעלבען ארט וואו ס'איז געשטאנען טיטוס און זיין לעגיאן. נישט ווי געפאנגענע, מיר שטייען פרייע, באפרייטע.
א וואונדערליך בילד אנטפלעקט זיך קוקענדיג פון צופים־בארג אויף דער שטאדט. אלט און ניי ירושלים שפרייט זיך.
שטייט אויף לעבעדיג פאר די אויגען דאס חורבן בילד. טיטוס

ארומגערינגעלט פון זיין לעגיאָן שטייט און קוקט אויף ירושלים. ער איז פאַרטיג חרוב צו מאַכען די שטאָדט.

וואָס האָסטו געטראַכט, טיטוס, ווען דו האָסט זיך צוגעגרייט חרוב צו מאַכען ירושלים ? וואָס האָסטו, טיטוס, געקלערט, ווען דו האָסט שוין געהאַט חרוב געמאַכט ירושלים ?

האָסטו געקאָנט חלום'ען אַז מיט צוויי טויזענט יאָר שפּעטער וועלען שטיין די קינדער פון דעם פאָלק, וועמעס שטאָדט דו האָסט חרוב געמאַכט, אויף דעם אָרט וואו דו ביזט געשטאַנען, און זיי וועלען קוקען אויף דער אידישער אוניווערזיטעט ?

האָסט געמיינט, טיטוס, אַז מיט דיין געווינען האָבען מיר פאַרלוירען און מיר זיינען פאַרלוירען ?

ניין, מיר האָבען נישט פאַרלוירען, אודאי זיינען מיר נישט פאַר־לוירען. שטייט דאָך אויף דעם אָרט, פון וואַנען דו האָסט געשיקט דיינע חורבן פיילען אין אונזער הארץ, אונזער אויווערזיטעט, און מיר שטייען אויך דאָ.

מיר האָבען געוואונען.

און נאָך אַ נצחון האָב איך אויף דעם אָרט געזען. מיינער אַ נצחון.

שטייען נאָך די בענק און די בימה פון יום טוב פון דער עפ־נונג. דאָ איז געשטאַנען דער נציב, דאָ זיינען געשטאַנען די קינ־דער פון פאַרשפּרייטען און צעזייטען פאָלק. דאָ זיינען געשטאַנען די שלוחים פון אַלע פעלקער.

איך בין צוגעגאַנגען צו דער בימה געקוקט אויף די בענק, האָט אַ שוועב געטון פאַר מיינע אויגען אַ בילד פון יאָרען צוריק.

איך בין געווען אַ יונג בחור'ל. געלערנט אין בית המדרש, אָבער איך האָב שוין געוואָלט לערנען „פּרעמדע" זאַכען. שטילער־הייט האָב איך אָפּגערעדט מיט דעם לערער פון שקאָלע, אַ פּאָליאַק, אַז איך וועל זיך אין אַ שפּעטער אָוונט שעה אריינ'גנב'ענען צו אים אין הויז אריין און ער וועט מיר געבען אַ לעקציע.

עטלאַכע אָוונטן אין דער וואָך בין איך געגאַנגען צו אים, ער, אַ פריילייזדיגער, מיט זיין אַלטער מאַמע האָבען געוואוינט אין דעם הויז.

אויף איין זייט טיש ביים שיין פון נאפט לאמפ זיינען מיר ביידע געזעסען און געלערענט, אויף דער צווייטער זייט איז געזעסען זיין אלטע מוטער און געשטריקט.

איין אוונט, מיר האבען געלערענט די היסטאריע פון פוילען. מיין לערער, דער פאליאק, האט גערעדט וועגען פוילענ׳ס גרויסקייט און איר חורבן, איר אונטערטעניגקייט. ער האט גערעדט און זיינע אויגען האבען פייכט געבלישטשעט. די אלטיטשקע האט זיך גע־ווישט א טרער נאך א טרער, אויך אין מיינע אויגען זיינען גע־שטאנען טרערען.

דערנאך האט דער לערער אנגעהויבען רעדען וועגען די האפע־נונגען פון פוילען. מיט פייער האט ער גערעדט וועגען דעם גרויסען טאג, וואס עס וועט קומען פאר פוילען, פוילען וועט ווערען פריי, פוילען וועט ווערען גרויס, זי וועט זיך אומקערען צו איר גרויסקייט.

נאענט, טייער איז מיר דער לערער געווארען. איך האב געזען אין אים א הייליק קינד פון אן אונטערטעניק פאלק, פון דעם אונ־טערטעניק פאלק וואס זיין אונטערטעניקייט איז אויך מיין אונ־טערטעניקייט. איין יאך דריקט אונז ביידען. איין שונא געוועלטיגט ביין איבער אונז ביידען.

מיין הארץ האט געצאפעלט מיט דער גרויסער האפענונג פון מיין לערער.

פוילען וועט ווערען פריי. פוילען וועט ווערען גרויס.

אין דרייען זיינען מיר געזעסען: דער לערער, זיין מוטער — פאליאקען און איך, א איד, מיט טרערען אין אונזער אויגען, געבונדען פון איין אונטערטעניקייט און פון איין האפנונג.

— פוילען וועט זיכער ווערען פריי ! וועט ווערען גרויס ! — האב איך אויסגערופען נישט פון יוצא וועגען פאר מיין לערער, נאר אין פולען ווילען און גלויבען.

זיי האבען געקוקט אויף מיר מיט ליבע. איך בין זיי נאענט געווארען. א האפענונג, האפען מיר אין דרייען.

פלוצלונג האט זיך ארויסגעריסען פון מיר :

— מיר אידען וועלען אויך קריגען ארץ ישראל ! מיר וועלען אויסגעלייזט ווערען און אויסלייזען אונזער לאנד.

אין דער רגע איז פארשוואונדען דאָס הארציקייט און טרוימערישקייט פון מיין לערער׳ס אויגען. אַ חוזק־שמייכעל האָט זיך צעשפרייט איבער זיינע גרויסע שווארצע וואָנסעס, ער האָט מיר אַ זאָג געטון:

— דאָס נישט! איר וועט שוין קיינמאָל נישט קריגען ארץ ישראל! איר וועט שוין קיינמאָל נישט האָבען אייער אייגען לאַנד. אייביג וועט איר בלייבען אין גלות.

זיין אַלטע מוטער האָט צוגעשאָקעלט מיט דעם קאָפּ:

— אמת, אידען וועלען קיינמאָל נישט צוריקקריגען זייער לאַנד.

טרוקען זיינען געוואָרען זיינע אויגען, דער פייכטער בליאַסק אַפּגעווישט.

עס האָט מיר וויי געטון, מורא׳דיג וויי געטון. איך האָב מיט געבעט געפרעגט:

— פאַרוואָס זאָגט איר אַזוי? פאַרוואָס לייקענט איר אין מיין האָפנונג? פאַרוואָס בעט איך און האָף אויף פּוילן׳ס באַפרייאונג און אויסלייזונג און איר לייגט אייז אויף מיין גליענדיקע האָפנונג אויף ארץ ישראל?

דער לערער האָט זיך געמיט מיר צובאַווייזען פאַרוואָס מיר וועלען קיינמאָל מער נישט קריגען ארץ ישראל. קאַלט, שניידענדיג, האָט ער גערעדט, אָהן אַ טראָפּען געפיל. ווי אַ העכערער צו אַ נידריגען, ווי אַ האַר צו אַ קנעכט, האָט ער גערעדט צו מיר.

ווען ער האָט גערעדט וועגען פּוילען׳ס האָפענונג האָט ער גערעדט הייס, הארציק, ווי צו אַ גלייכען, ווי צו אַ ברודער אין אונטערטעניגקייט. ווען ער האָט גערעדט וועגען דער אידישער האָפענונג, איז דאָס געווען גרינגשאַצונג, חוזק.

האָב איך אים געזאָגט:

— לערער מיינער, איך בין זיכער אַז פּוילען וועט ווערען פריי. איך בין פּונקט אַזוי זיכער, אַז מיר וועלען נאָך האָבען ארץ ישראל.

ער האָט געלאַכט שפּאָטיג.

דאָס איז געשען מיט יאָרען צוריק. און ווען איך בין געשטאַנען צווישען די בענק אויפ׳ן הר הצופים, לעבען אוניווערזיטעט, האָט

דאָס בילד זיך אַ הויב געטון פאַר מיינע אויגען. איך האָב געזען דעם אָוונט ביי מיין פּוילישען לערער אין הויז.

פלוצלונג האָב איך דערזען אויף איינע פון די בענק אויפ׳ן הר הצופים זיצען מיין לערער, מיין פּוילישען לערער.

— וואָס טוסטו דאָ ? — האָב איך אים געפרעגט.

— איך בין געקומען אַלס שליח פון מיין רעגירונג, פון באפרייטען פּוילען, צו באַגריסן דאָס אידישע פאָלק צו דער עפענונג פון דער אידישער אוניווערזיטעט — האָט מיר מיין לערער געענטפערט — מיר האָבען געהערט אַז די אידען בויען זייער לאַנד ארץ ישראל, זיי עפענען די אוניווערזיטעט, האָט מיין פאָלק מיך געשיקט אַהער איבערגעבען די ברכה פון איין באפרייט פאָלק צו אַ צווייטען, וואָס גייט אויפ׳ן וועג פון באפרייאונג.

— לערער מיינער — האָב איך געזאָגט — געדענקסט, מיט יאָרען צוריק האָסטו געזאָגט, אַז דאָס וועט מיט אונז נישט געשען ? געדענקסט ווי דו האָסט געמאַכט חוזק פון מיין האָפענונג ? געדענקסט ווי דו האָסט געשפּאָט פון מיין גלויבען אין אונזער אויפלעבונג ?

מיין לערער האָט געשוויגען, און איך האָב געזאָגט ווייטער :

— ווען איך בין יענעם אָוונט ארויס פון דיין הויז, האָב איך דיר געזאָגט, אַז : פּוילען וועט ווערען פריי, ארץ ישראל וועט ווערען אונזער. און דו האָסט נאָכגעלאַכט מיר מיט שפּאָט. און איצט ביזטו געקומען אַהער אַלס שליח, וואָס טראָגט פּוילען׳ס ברכה צו מיין פאָלק, וואָס שטעלט די ערשטע טריט פון באפרייאונג. איך האָב געוואונען. איך האָב דעם נצחון.

איך האָב געזיגט.

— לאָמיר ארייגגיין אינווייניק ! — האָבען מיר געזאָגט די חברים מיינע — וואָס שטייט איר דאָ אַזוי לאַנג ביי די ליידיקע בענק.

מיר זיינען אריין אין אוניווערזיטעט.

איך בין געווען אין פארשידענע צימערען. יונגע מענער, יונגע פרויען שטייען שטיל און גיסען פארשידענע וואסערן פון גלאָז אין

גלאָז, זיי מאַכען כעמישע עקספּערימענטען, מיר האָט דאָס אַלץ אויסגעוויזען ווי אַ כשוף־הויז.

זיי זיצען שטילע, פאַרבאָרגענע, רעדען ניט אוים קיין וואָרט. מיט כשוף שאַפען זיי דאָס נייע אידישע לעבען. פון די האַפענונגען און קרבנות וועט געפונען ווערען דאָס נייע וואונדערליכע אידישע לעבען.

אַרוסגייענדיק צוריק, האָב איך נאָך געטראָפען מיין לערער אויף דער באַנק און איך האָב אים געזאָגט :

— אין דעם לאַגעל פון האָפנונגען איז אויך דאָ מיין האָפנונג. וואָס דו האָסט געלאַכט פון איר.

א י ן ה י י ־ ק אָ מ י ש אָ נ ע ר ס פּ אַ ל אַ ץ

ו

ווען איך בין געקומען נאָך ירושלים, איז דער איד־מושל נישט געווען מער אויפ׳ן הר־הצופים. דאָס הערשער הויז האָט געוואַרט שוין אויף דעם קריסטליכען נציב.

איך האָב אָבער געוואָלט זען דאָס הויז, וואו ארץ ישראל׳ס הערשער וואוינט.

אַן ענגלישער סאָלדאַט האַלט שמירה אין דרויסען. אינוויייניג נעמט אונז איבער אַן אַראַבער און מיר קויפען בילעטען אריינצו־גיין.

אַ הויז מיט אַ טורעם, אַ הויכער טורעם. הונדערטער, הונ־דערטער טרעפּ ביז׳ן שפּיץ. עס פאַרכאַפּט דעם אָטעם. רוט מען זיך אָפּ און מען גייט ווייטער.

יעדעס מאָל וואָס מען רוט זיך אָפּ, כאַפּט מען זיך צו צו אַ פענסטער און מען קוקט אַרויס.

הויב איך די אויגען צו מערב זייט און צפון זייט, צו דרום זייט און צו מזרח זייט און זע דאָס גאַנצע לאַנד. דאָס גאַנצע לאַנד.

דאָס האַרץ קלאַפּט אַזוי ביים זען.

— אָט־אָ, קוק, דער ים־המלח!

ווייט, ווייט זעען די אויגען, דיין בליק נעמט ארום אזוי פיל. דיין בליק קושט די ווייטקייטען.

ליכטיג ווערען די אויגען, אָפען. ברייט, ליכטיג, ליכטיג־ליכטיג. זעסט ווייטקייטען אין שטח. זעסט נאָך גרעסערע ווייטקייטען אין צייט. זעסט יאָרען און יאָרען. טויזענדער יאָרען ציען זיך פאַר די אויגען, זעסט זיי אזוי ליכטיג.

דאָרט איז געשטאַנען אברהם און געבעטען צו גאָט פאַר סדום און עמורה... דאָרט־אָ, דעם ים־המלח.

דאָס זעסטו שמואל׳ן, שמואל הנביא... און שאול המלך... זעסט, זעסט דוד המלך...

אַלץ גייט פאַרביי דיינע אויגען. טויזענדער יאָרען. ביז, ביז, יאָ, זעסט זיך וואַשען דיין לייב אין די וואַסערען פון ים המלח.

די טויזענדער יאָרען פון ערשטען יאָר, פון ערשטען טאָג, פון דער ערשטער מינוט זיינען איינס מיט דיר, ביז דער רגע ווען דו זעסט דיך שטיין אויפ׳ן טורעם פון מושל הויז אויפ׳ן הר הצופים, ביז אַ וואַשענדיגען אין ים המלח.

ציט זיך די זיידענע שנור טויזענדער יאָרען אין פייער און עקשנות אויסגעקניפּט, אין זודיג בלוט, געווייקט און געהאַרטעוועט.

וואָס פאַלט דיר איין אין דער וואונדערליכער רגע? אין דער רגע, ווען דיינע אויגען ציען אין דער ווייטקייט?

אָט דאָס פאַלט דיר איין:

דו פראָסטער, שפּל׳ער בן־אדם! אויף יענער זייט ים איז מיט טויזענדער יאָרען צוריק געשטאַנען משה רבנו, דער פאָטער פון די נביאים און זיך געבעטען ביי גאָט: אעברה נא, לאָז מיך אריבערגיין, איך בעט דיך, ואראה את הארץ הטובה, און איך וועל זען דאָס גוטע לאַנד. און גאָט האָט געצאָרנט אויף משה׳ן און נישט געוואָלט זיך צוהערען צו אים און אים געהייסען אַרויפגיין אויפ׳ן שפּיץ פון באַרג און אויפהויבען די אויגען אויף מערב זייט און אויף צפון זייט און אויף דרום זייט און אויף מזרח זייט און זען מיט די אויגען פון ווייטענס. משה, דער פאָטער פון די נביאים, האָט נישט געהאַט די זכיה אריינצוקומען אין לאַנד אריין, נאָר זען עס פון ווייטענס. און דו, שפּל׳ער, גליקליכער, דו האָסט יאָ די

זכיה דאָ צו זיין, דאָ צו גיין, צו טרעטן אויף דער ערד פון דעם גוטען לאַנד.

איך שטיי און קוק. מיינע פיס זיינען נישט מער מיד פון גיין אַראָפּ־ארויף. אָבער דאָס הארץ ווערט שוואַך, קלאַפּט, קלאַפּט מורא׳דיג. אַלץ וואָס די אויגען זעען, ציט אין הארץ אריין, צי־טערט דאָס הארץ, רוישט, שפּרינגט.

ווערסט דורכגענומען מיט אַ מאָדנעם געפיל. ארויספליען אין דער קלאָרער ווייטקייט, פליען אין דער ליכטיגער הויך.

מיין עולם, וואָס איז געגאַנגען מיט מיר, איז שוין לאַנג אוועק אויף עטליכע שטאָק העכער. פּלוצלונג הער איך ווי איינער זאָגט:

— נא, ישעיה הנביא מיט ווילהעלם׳ס וואַנסעס!

דאָס האָט מיך אַ ריס געטאָן פון מיין צוגעשמידקייט צו די ווייטע־ווייטען. איך גיי, און קום צו וואו מען זעט דעם אויסגע־מאָלטען באַלקען איבער דעם פּאַרזאַמלונג־זאַל אין פּאַלאַץ.

בילדער, אויסגעמאָלען גראָב, מיאוס, ווילד.

אין סאַמע מיטען — ווילהעלם מיט זיין מלכה. ווילהעלם דער געקרוינטער קייזער מיט די וואַנסעס פאַרדרייט ארויף פרעך, וועלט־הערשעריש.

ער אינמיטען. ארום אים: — ישעיה הנביא מיט אַ פּאָר וואָנסעס ווי ווילהעלם. אויך פאַרדרייט ארויף, אָבער נישט אַזוי פעסט, נישט אַזוי שטייף, די שאַרפסטע, שניידענדיגסטע וואַנסעס האָט נאָר ווילהעלם.

און נישט נאָר ישעיה הנביא האָט ביי ווילהעלם׳ען געהאַט וויל־העלמישע וואַנסעס. אויך דוד המלך האָט אַזעלכע וואַנסעס. אַלע אידישע נביאים מיט דוד המלך בראש האָט ווילהעלם אָנגעטאָן זיינע וואָנסעס און זיי ארומגערינגעלט ארום זיך ווי זיינע אונטער־טעניגע, זיין סוויטע.

וואָס פאַר אַ גרויסער נאַר ווילהעלם איז געווען. עס איז גע־ווען ווייניג, וואָס אַלע זיינע געהאָרכזאַמע דייטשען האָבען גע־טראָגען זיינע וואַנסעס, האָט ער זיי נאָך אָנגעקלעפּט דוד המלך׳ן, ישעיה הנביא׳ן און אַלע אַנדערע נביאים.

וואָס פאַר אַ נאַרישער, פוסטער, בטל ומבוטל׳דיגער חלום עס האָט זיך גע׳חלום׳ט ווילהעלמ׳ען.

ער איז אַ וועלט־הערשער. די גאַנצע וועלט מוז טראָגן זיי־נע וואָנסעס. און נישט נאָר די וועלט פון היינט. נאָר אויך די וועלט פון אַלע דורות פריער. אפילו דוד המלך. אפילו ישעיה הנביא.

דאָס הערשער־הויז איז אַמאָל געווען אַ דייטשע אינסטיטוציע. די דייטשע קייזערין האָט דאָס געבויט. ווען ווילהעלם איז געווען אין ירושלים, איז ער דאָרט איינגעשטאַנען. אַריין אין ירושלים איז ער ווי אַ וועלט־הערשער. האָט ער דעם באַלקאָן פון דעם הויז גע־לאָזט אויסמאָלן לויט דעם נאַרישן חלום, וואָס עס האָט זיך אים גע׳חלומ׳ט.

ווי שענדליך נאַריש דער ווילהעלם מוז דאָס זיין, אַז ער האָט געלאָזט אויסמאָלן דוד המלך מיט ווילהעלמס וואָנסעס, ישעיה הנביא מיט ווילהעלם וואָנסעס!

מאָלט אייך אוים:

אַ פידעל איז געהאַנגען דוד׳ן צוקאָפּענס. אַ רוח צפונית האָט געבלאָזן אין די סטרונעס און די פידעל האָט געשפּילט שירה, און דוד האָט געזונגען שירה —

דוד דער זינגער, דער זיסער זינגער פון ישראל, דרייט זיך וואָנ־סעס־אַרויף ווי ווילהעלם.

ישעיה הנביא זאָגט והיה באחרית הימים, זאָגט נחמו נחמו עמי —

ישעיה פאַרשפּיצט אַרויף ווי ווילהעלם די וואָנסעס.

אַזאַ נאַרישע פרעכקייט! טאָ נעם אַראָפּ דיינע וואָנסעס אויך, ווילהעלם!

איך האָב געהאַט נקמה אָן אים. זיסע, ליבע נקמה.

אָבער איין זאַך קען איך נישט פאַרשטיין:

ווי דערלאָזט ענגלאַנד אַזאַ פאַרשוועכונג? ווי דערלאָזט זי אויף דעם באַלקאָן פון בית־המושל אין ירושלים, אויפ׳ן הר הצופים אַזאַ שענדליך בילד?

ווי דערלאָזט זי ווילהעלמ׳ען מיט זיין מלכה זאָלן זיין אַרומ־

גערינגעלט ווי הערשער פון באוואָנסעטע דוד המלך און ישעיה הנביא?

קען מען דאָס נישט פארשמירען און אָפּמעקען?

און אפשר איז גלייבער עס זאָל אזוי בלייבען.

זאָל דאָס זיין אַ וואָרנונג.

עס איז געוועזן אַ קליינער מענש, אַ וואָרים, וואָס האָט נאַריש גע'חלום'ט צו באהערשען די וועלט. נישט נאָר די פון היינט, נאָר פון די דורות פריער מיט טויזענדער יאָרען און עס איז געקומען דער פותר חלומות און האָט אים באשיידט זיין חלום — — פּאַרטריבען אים פון זיין היים.

די ישיבה אויף דער „וויאַ דאָלאָראָזאַ"

ז

קען אַ מענש, אַ בשר־ודם פינסטער מאכען די זון? ניין.

אזוי קען נישט די וועלט מנצח זיין דעם איד.

דאָס זעט מען אומעטום. נאָך מער אין ירושלים. און נאָך מער אויף דער „וויאַ דאָלאָראזאַ".

איין איד איז שטאַרקער פון דער גאנצער וועלט.

די „וויאַ דאלאראזאַ" מיינט: דער וועג פון צער און יסורים. איינע פון די היילינגסטע גאסען ביי די קריסטען.

אויף דעם וועג, הייסט עס, האָבען די רוימער געפירט יעזוס'ן, שלעפּענדיג אַ קרייץ, אַ פאַר'משפט'ן צום טויט.

הונדערטער מיליאָנען מענשען גלויבען היינט אין דער מעשה. מילי־מיליאָנען האָבען געגלויבט און מילי־מיליאָנען וועלען נאָך גלויבען אין דעם.

זיינען דאָ זיבען סטאַנציעס אויף דעם „וועג". יעזוס איז אזוי פיל מאָל מיד געוואָרען, גייענדיג מיט דעם קרייץ אָנגעהאָנגען, און האָט זיך אָפּגעשטעלט, אָפּצוכאַפּען דעם אָטעם, אָפּרוען.

דערנאָך גייט די קירכע „עקסע האָמאָ", איז דאָס טייטש: „נאָט אייך דעם מאַן". דער רוימישער גובערנאַטאָר האָט אויף

יענעם אָרט, הייסט עס, אים איבערגעגעבען אין די הענד פון די אידען, זיי ערלויבט צו טאָן מיט אים דעם משפט. שפּעטער גייט די קרייצונג־קירך, וואו ער איז געוואָרען געקרייציגט און באַגראָ־בען.

לויט דעם קריסטליכען גלויבען איז דאָס מיט רעכט די „גאַס פון ווי און פּיין". איז ער דאָך דאָרט געפירט געוואָרען צום קרייציגען.

ביי אונז אידען האָט די דאָזיגע גאַס כשר פאַרדינט דעם נאָמען. עס איז פאַר אונז דער וועג פון יסורים און פּיין. איבער יענעם וועג איז שוין אַזוי פיל הונדערטער יאָרען געטאָן געוואָרען אַזוי פיל לייד, צער און פּיין צו אידען.

די „וויאַ דאָלאָראזא" פון ירושלים האָט געפירט הונדערטער טויזענדער אידען צו די שייטער־הויפענס אין שפּאַניע, פּאָרטוגאַל און פראַנקרייך. דורך יענעם „וועג פון צער" האָבען אידען געמוזט אויסוואַנדערען אַרויסגעטריבענע, נישט נאָר פון פראַנקרייך, שפּאַ־ניען און פּאָרטוגאַל, נאָר אויך פון ענגלאַנד און דייטשלאַנד.

יענער „וועג פון פּיין" האָט זיך געצויגען אפילו אויף דער ערד פון אַמעריקאַ. איבער יענעם „וועג" זיינען אידען געגאַנגען צו דער שחיטה אין אַלע לענדער. די „וויאַ דאָלאָראזא" איז דער וועג, וואָס האָט געפירט צו פּאָגראָמען און עלילות־דמ'ס אויף אונז.

דער „וועג" האָט אונז געבראַכט מער און גרעסער צער ווי זיי.

אָבער הייליג איז דער וועג פאַר די קאַטאָליקען. מורא'דיג הייליג. ער איז אין קאַטוילישע הענד. ער שוויבעלט און גריי־בעלט מיט פראַנצויזישע גלחים און נאָנעס. שוואַרצע מאַנטלען און שוואַרצע קליידער.

איך האָב געציטערט גייענדיג אויף דער גאַס.

אַזוי פיל שנאה, האַס, גיפט צום אידען איז דאָרט פול. אַ שטילער, פאַרביסענער און פאַרשטיקטער האַס.

ווי איך בין אַזוי געגאַנגען אויף דעם „וועג", ווייזט מען מיר די סטאַציעס, די ערשטע, די צווייטע, די דריטע. מען ווייזט מיר אַן אָרט אין דער אַלטער וואַנט. דאָרט זאָל יעזוס האָבען

אַנגעשפּאַרט דעם קאָפּ, אַ האַנד אָדער דעם גאַנצען קערפּער, אָפּ־צורוען זיך אָדער צו באַשיצען זיך פון אַ דורכגייענדיגען קעמעל. די וואַנט האָט זיך איינגעצויגען און געמאַכט אַ חלל, אַ הויל אָרט. פאַר „אים“, קיין ביז זאָל „אים“ נישט געשען.

איך קום צו דער פערטער סטאַציע, דערהער איך אַ באַקאַנט געזאַנג, אַ אידיש געזאַנג, אַ בית־המדרש געזאַנג. איך הויב אויף די אויגען און דערזע אַ שילד:

א י ש י ב ה.

מיינע אויגען האָבען זיך אויפגעריסען ברייט.

— האַ? — האָט זיך ארויסגעריסען פון מיין האַרץ.

וואָס? וואו? דאָ? אויף „וויאַ דאַלאַראָזאַ“ צווישען דער פערטער און פינפטער סטאַציע — אַ ישיבה? אַט־אַ־דאָ־אָ? צווישען גלחים, מאָנאַכען און נאָנעס אַ ישיבה? אויף דעם „וועג פון צער“ אַ ישיבה?

איך, אומדערשראָקענער! אומבאַזיגטער! אייביגער פעלז!

דער גאָניאַלסטער ענטפער, וואָס אַ איד האָט געקענט געבען דעם „וועג פון צער און יסורים“:

..דו „צער־וועג“, וואָס פירסט צו מיין אויסראָטונג; וואָס ווילסט פירען צו מיין אונטערגאַנג, דו צער־וועג, וואָס האָסט גע־פירט מיינע לערנער איינגעוויקעלט אין די ספרים אויפ׳ן פייער; דו צער־וועג, וואָס האָסט אויפגעוועקט אַלע קליפּות פאַרבאָרגענע אין מענשען, זיי זאָלען צושניידען מיין לייב אויף שטיקער — אויף דיר זאָל שאַלען דאָס אידישע קול פון ישיבה אַרוים; אויף דיר זאָל קלינגען דאָס קול פון אידישען לערנער; זאָל אַרויסזינ־גען דאָס אייביגע געזאַנג פון די גמרות, וואָס דו האָסט פאַרברענט. און דו וועסט זען, אַז דו קאָנסט מיך ניט אומברענגען, קאָנסט מיך נישט אויסראָטען, נישט מיט דער שווערד און נישט מיט׳ן קיי־לער־מעסער; נישט מיט פייער און נישט מיט וואַסער; אויף דיר, צער־וועג, וועט זיך ציען אינאיינעם מיט דיין שנאה צו מיר, דאָס געזאַנג פון מיין האַרץ, פון מיין קיום — דאָס ישיבה געזאַנג. זאָלסט וויסען, אַז דו וועסט מיך נישט מנצח זיין.

דאָס געזאַנג פון ישיבה איז נישט געווען פאַר מיר בלויז דאָס

זינגען איבער דער גמרא פון בחורים, נאר א נצחון־געזאנג, וואס דער איד־גבור זינגט אקעגען ניינצען־הונדערט־מיט־פינף־און־צוואנציג יאר „וויא דאלאראזא“.

די ישיבה האט געגרינדעט איינאיינציגער איד פון אלט ירושלים, א איד פון אלטען ישוב. גיי, האב נישט דרך־ארץ פאר דעם אלטען ישוב! באוואונדער נישט דעם מוט און פעסטקייט פון דעם אלט־ישוב׳דיגען אידען!

מיר, גלות־אידען, האבען אלעמאל געציטערט פאר דער קירך. מורא געהאט צו גיין צו נאענט. אין איר שכנות קען אונז פליען א שטיין אין קאפ אריין. אין ירושלים איז אנדערש. אין סאמע הארצען פון קירך, אין הארצען פון קריסטענטום, אויף „וויא דאלאראזא“ — א ישיבה. און עס שאלט און קנאלט דאס קול פון דער גמרא פון די אידישע מיילער.

טאמער מיינט מען, אז די ישיבה איז אנגעקומען גרינג?

ניין, דוקא זעהר שווער.

נעמט א איד און קויפט א הויז צווישען דער פערטער און פינפטער סטאציע. דארט וואוינען נישט קיין אידען. דארט איז דער קוואל פון רוימישען ווייררויך, נישט פאר א אידישער נאז.

אבער ער האט געקויפט דאס הויז. און פלוצלונג — א ישיבה. מען זיצט און מען לערנט.

איז געווארען א טומעל. די קאטאליקען האבען דאס נישט געקענט ליידען. זיי האבען אים געוואלט געבען כל־הון־דעלמא פאר׳ן הויז. און ער האט נישט געוואלט נעמען.

דער גרעסטער מליץ־יושר פאר דעם אידען און זיין ישיבה איז געווען דער רוסישער קאנסול.

רוסלאנד האט זיך נישט איינגעשטעלט פאר דעם אידען מיט דער ישיבה. דאס איז געווען א צו־להכעיס שפיל פון פראוואסלאוונעם רוסלאנד מיט די קאטאליקען.

אלע באמיאונגען און משפטים האבען נישט געהאלפען די קאטאליקען. רוסלאנד איז געשטאנען שטאל און אייזען פאר דער ישיבה.

די ישיבה איז געבליבען.

מער ווי איינמאָל איז די ישיבה געוואָרען באַפּאַלען. אַ סך פּאַגראָמען זיינען געמאַכט געוואָרען אויף איר. קאַטאָליקען זיינען באַפאַלען די ישיבה. צובראָכען די בענקלאַך און טישען, צוריסען ספרים, געשלאָגען די לערנער.

די ישיבה־בחורים מיט זייערע פירער האָבען זיך אָבער נישט דערשראָקען. האָט מען אריינגענומען נייע טישען און בענקלאַך. און ספרים פעלען אויך נים.

איצט איז די אָפענע געגנערשאַפט געבראָכען. און די ישיבה איז אויף „וויאַ דאָלאָראַזאַ" צווישען דער פערטער און פינפטער סטאַציע.

גייען אויף דעם „וועג" די אייניקלאַך פון די קרייצפאָרער און זיי הערען דאָס קול פון דער גמרא, און זיי ווערען געוואָר, אַז זייערע זיידעס האָבען נישט פאַרטיליגט די אידען.

גייען דאָרט די אייניקלאַך פון די אינקוויזיציע־לייט און זיי הערען דאָס קול פון אידישע לערנער און זיי זעען אַז די אינקוויזיציע האָט נישט פאַרלענט דעם לעצטען אידען.

גייען אייניקלאַך און קינדער פון פּאָגראָמשטשיקעס און דער גמרא־ניגון זינגט זיי אריין אין אויער אריין:

— איר האָט מיך נישט געקאָנט דערשטיקען!

— אַ ישיבה אויף „וויאַ דאָלאָראַזאַ".

ווי מ׳האָט מיך געוואָלט לינטשען

ח

דאָס מזל האָט מיר צוגעשפּילט און איך האָב נישט איבערגעלעבט קיין פּאָגראָם. איך פאַרשטיי די אימה פון אַ פּאָגראָם, איך האָב זי אָבער נישט געפילט. האָב אויך געהאַט דאָס גליק נישט צו זען ווי מען לינטשט אַ ניגער. איך שטעל מיר פאָר די שרעק פון לינטשען, אָבער געזען האָב איך עס נישט.

אין ירושלים האָב איך געהאַט די געלעגענהייט איבערצולעבען די אימה פון אַ פּאָגראָם און די שרעק פון לינטשען.

דאָס איז געווען אין דער קירך, וואָס מען ווייזט אייך דאָרט דאָס קבר פון קריסטוסען.

די קירך שטייט ביים ענד פון דער „וויאַ דאָלאָראָזאַ“.

די קריסטען האַלטען די קירך, פאַרשטייט זיך, פאַר די הייליגסטע. פון אַלע עקען וועלט קומען אַהין קריסטען קניען און בעטען אויף דעם קבר.

אידען און מאַכמעדאַנער טאָרען דאָרט ניט אַריינקומען. מען וואָלט דאָרט צעריסען אַ אידען אָדער מאַכמעדאַנער אויף שטיקער. די מחלוקה איבער דער קירך איז נישט נאָר מיט אַנדערע גלויבענס, נישט קיין קריסטליכע. אַפילו די קריסטען צווישען זיך זיינען גרייט יעדע רגע איבערצושניידען איינער דעם צווייטען׳ס האַלז איבער דער בכורה אינווייניג.

מיינער אַ באַקאַנטער, אַ שרייבער, וואָס וואוינט אין ארץ ישראל, האָט מיר דערציילט, אַז זיינס אַ באַקאַנטער קריסט האָט אים איין פּאַסכאַ אָוועגט מיטגענומען אין דער דאָזיגער קירך.

— וואָס כ׳האָב דאָרט געזען — האָט ער מיר געזאָגט — קען איך אייך דערקלערען קורץ און שאַרף: איך האָב גומל געבענשט ווען איך בין אַרויס אין דרויסען. דער עקסטאַז איז דאָרט געווען צוברענט ווי אין אַ קאַלך אויווען, געהייצט פערציג טעג און פערציג נעכט. און דער פאַנאַטיזם? — וואָלטען זיי דערשמעקט אַז איך בין אַ איד, וואָלט מען מיך צוטראָגען אברים־ווייז.

אין דער קירך האָט איר פאַרשידענע ווינקלען. איטליך ווינקעל געהער צו אַן אַנדער הויפּט סעקטע פון קריסטענטום. יעדע וואָלט דאָך אָבער געוואָלט זיין דער גאַנצער בעל הבית איבער דעם פּלאַץ, האָסט מען זיך מורא׳דיג, מען איז גרייט זיך צו צורייסען, מאָלט אייך אויס, וויפיל ליבע דאָרט איז דאָ פאַר אַ אידען.

איך האָב זיך איינגעשטעלט און בין אַריינגעגאַנגען.

אויפ׳ן הויף שטייען מענער און פרויען מיט פּאַטשערקעס, בילדער און געבעט־ביכלאַך אין די הענט — קויפט! קויפט קויפט!

בין איך אָבער ניט מחויב צו קויפען. קויף איך נישט, טוט מען מיר גאָרנישט דערפאַר.

אינעווייניג. אַ מורא׳דיג גרויסע, הויכע און לאַנגע קירך. אַ מעכטיגער קרייץ שטייט אין מיטען. יעזוס הייננט אויף אים באַגאָ־סען מיט בלוט. קעגענאיבער שטייט מאַגדאַלענאַ און קוקט אויף „אים״, מיט פאַרוויינטע אויגען פול געבעט.

אַן אַראַבער, אַ קריסט, קומט צו צו מיר. איך זאָג אים, אַז איך וועל אים גוט באַצאָלען, זאָל ער מיר ווייזען אַלץ, וואָס דאָ איז פאַראַן צו זען.

מיט פרייד נעמט ער אָן מיין פאָרשלאָג. ער צינדט אָן אַ ליכטעל, צו באַלייכטען דעם וועג אין אַ קעלער. אין דעם פינ־סטערען קעלער, באַלויכטען פון אַ קליין ליכטעל באַפאַלט אַן אימה, מעג מען זיין דער גרעסטער העלד.

ער דערציילט מיר גאַנצע מעשה׳ם וועגען דעם קעלער. דאָ איז „ער״ געזעסען ביז צום אויספירען פון משפּט. איך הער זיך איין רואיג, ערנסט.

רינגלען אונז אַרום אַ סך אַראַבער, זיי גייען מיט. נישט פאַר ניינערינגקייט. אפשר, טראַכטען זיי, וועלען זיי אויך אַרויסרייסען אַ פּאָר פּיאַסטער פון דעם „טוריסט״...

ער פירט מיך דורך טונקעלע היילען. דאָס הארץ קלאַפּט מיר. טאָמער ווייסען זיי, אַז איך בין אַ איד, פירען זיי מיך אין קעלער אַראָפּ...

אין קעלער זיינען ווייטער דאָ פאַרשידענע ווינקלען וואָס גע־הערען צו די הויפּט־סעקטעס. טייערע אַנטיקען בילדער, אַלטע גאָלדענע לייכטער און קאַנדעלאַברעס שטייען און בליטשטשען אין דער פינסטער.

ער פירט מיך ענדליך אַריין אין אַן ענג, קליין קעלער צימער. ער הויבט אויף אַ מאַרמאָרנע פּלאַטע און זאָגט צו מיר:

— דאָס איז דער קבר. דאָ איז „ער״ באַהאַלטען.

איך ווייס נישט ווי דאָס איז געשען. נישט ווילענדיג האָט זיך מיר אַרויסגעריסען די דאָזיגע פראַגע:

— איר זאָגט דאָך, אַז "ער„ איז געגאַנגען אין הימל אַריין, טאָ ווי זאָגט איר, אַז "ער„ ליגט דאָ באַהאַלטען ?

דערמיט האָב איך זיך אויסגעגעבען אַז איך בין אַ איד. איך האָב געזאָגט : " א י ר ז אָ ג ט , אַז ער איז געגאַנגען אין הימל„, נישט איך זאָג, הייסט דאָס, איך בין נישט קיין קריסט.

איז געוואָרען אַ געמורמל, באַלד האָט אויסגעבראָכען אַ געשריי :

— אל יהוד ! אל יהוד ! אל יהוד !

די אַראַבער, אָנגעצונדען מיט פייערדיגער שנאה, האָבען אָנ־געהויבען שטורמען, זיך רוקען צו אונז, די אויגען האָבען געפלאַ־קערט. פייערען פון פּאַגראָם, פון לינטשען, יענע רגע האָב איך דערפילט ביידע שרעקליכע שרעקען, — פּאָגראָם און לינטשען.

— איך בין אַן אַמעריקאַנער ! — האָב איך זיי אַ שליידער געטון אַ געשריי, עפענענדיג ברייט דעם אַמעריקאַנער פּאַס מיט אונזער אָדלער — אויב איר ווילט עפּעס, קומט אין אַמעריקאַנער קאָנסולאַט !

זיי האָבען זיך אָפּגערוקט פון מיר, איז געוואָרען אַ שטיקל וועג און איך בין אַרויס. מיר האָט זיך נאָך אַלץ נאָכגעטראָגען דאָס געשריי :

— אל יהוד ! אל יהוד !

געקריצט האָבען זיי מיט די ציין ווי זיי וואָלטען געקייט שטיינדלאַך. איך האָב שוין מער ניט געוואָלט זעען די אַנדערע זאַכען, וואָס מען ווייזט דאָרט. איך האָב זיך פאַרזאָגט, אַז דאָס מאָל גיי איך מער נישט זעען קריסטליכע הייזער אין ארץ ישראל.

ווען איך בין שוין געווען אַרויס פון הויף און זיך געפילט זיכער, האָב איך גרינג אָפּגעאָטעמט און געווען גרייט צו בענטשען גומל.

איך בין שוין אָפּגעגאַנגען אַ שטיק וועג, לויפט מיר נאָך אַן אַראַבער. איך האָב געציטערט : אפשר אַ פאַנאַטיק וויל נעמען נקמה אָן מיר ?

מיין שרעק איז געווען אומזיסט. דאָס איז געווען דער אַראַ־בער, וואָס האָט מיך געפירט אין קעלער. אין שרעק בין איך דאָך

אַרויס, אַנטלאָפען קוים מיט'ן לעבען, און ער האָט נישט געקראָגען פאַר זיין טרחה.

ער איז אודאי אויך געווען בייז אויף מיר, וואָס איך בין געגאַנגען אויף דער שוועל, וואו אַ איד טאָר נישט באַטרעטען. אָבער צו "ביזנעס„ האָט עס נישט. ער האָט מיך געפירט, האָט מיר געוויזען דאָס "קבר„, מוז איך אים באַצאָלען.

מיך האָט פאַרדראָסען אויף אונזער בייז גורל:

זיי לאָזען נישט אַ אידען אויף דער שוועל פון דעם "קבר„. עס איז זייער הייליגסטע הייליגקייט. נאָכגעגעבען. אָבער פאַרוואָס זיינען אונזערע הייליגקייטען אין פרעמדע הענט? פאַרוואָס איז אונזער הר הבית נישט אין אונזערע הענט? קוק צום הר הבית, צוויי חורבנות האָבען מיר דאָרט איבערגעלעבט. גאָט'ס הויז אויף דעם הייליגען באַרג האָבען שונאים צוויי מאָל פאַרברענט. וויפיל אידען האָבען דאָרט געקעמפט און פאַרגאָסען זייער בלוט באַשיצענדיג דעם באַרג. איצט האָבען מיר קיין צוטריט נישט צו אים. ער איז אין פרעמדע הענט.

אַפילו דאָס איינציגע איבערבלייבעכץ, דאָס שטיקעל וואַנט צופוסענס פון באַרג, פאַרגינען זיי אונז אויך נישט.

אונזערע הייליגקייטען האָבען צוגענומען פרעמדע, באַהאַלטען פאַר זיך. נאָר זייערע הייליגקייטען שוינען זיי, ווילען אונז נישט לאָזען אַפילו אַ קוק טון דאָרט, מיר וועלען זיי פאַראומווירדיגען!

איך בין געגאַנגען צו די נייע אויסגראָבונגען פון ירושלים. גריבער לאַנגע ווי גאַסען אויסגעגראָבענע. איך זע אַ מויער אויסגעגראָבען. די וואַנט פון דער דרויסענדיגער מויער. דערקלערט מען מיר, אַז לויט דער אויסגעגראָבענער וואַנט, איז אונמעגליך, אַז דאָרט וואו די קריסטען ווייזען אַז זייער "קבר„ זאָל עס טאַקע זיין.

אָבער אונזער מויער איז עס זיכער. מיר האָבען אַמאָל די וואַנט געבויט. דאָס "קבר„ איז אַ ספק, מען לייקענט אָפּ די גאַנצע געשיכטע, נאָר טאָמער איז עס יאָ אמת, איז אָבער דאָרט זיכער נישט דאָס קבר.

האָבען מיר געמויערט מויערען, געבויט וועגט קומען אַנדערע

מיט א ספק און מאכען פאר אונז געזעצען: דא מעגט איר גיין און דא טארט איר נישט.

איין שטיקעל טרייסט האב איך יא געהאט. די רוסישע קירך, אמאל איז זי געווען דארט א שטאלצע, א האפערדיגע, א איך איז נישט געווען זיכער אריינצוגיין, די רוסישע גלחים זאלען אים נישט צורייסען, היינט האבען זיי נאך אלץ אזוי פיינט דעם אידען, אבער די רוסישע "שוועסטער„ בויגט זיך פאר אייך אין דרייען, ווען איר גיט איר עטליכע פיאסטער. די היינטיגע בעלי בתים פון רוסלאנד האבען מיט זיי נישט צו טון. זיינען זיי ארים און ווארטען אויף א נדבה פון א טוריסט, טא וואס איז שלעכט א פיאסטער פון א אידען, אבי א פיאסטער.

איך באקען זיך מיט דעם „ינשוף"

ט

אין דער „לשכת התירים" פון ירושלים, די ביורא פאר טו־ריסטען פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע. האט מען מיר געגעבען א „מורה דרך", איינעם פון די אנגעשטעלטע, אן אויסגעצייכענטער בחור.

מען האט מיר אויך דערלאנגט א פלאן. וואו, וואס און ווען איך זאל באזוכען.

כ'האב א טבע שוין פון יארען אז איך פאלג נישט אלץ וואס אנדערע האבען אנגעשריבען פאר מיר.

באלד ווי איך בין ארויס פון דער טוריסטען־ביורא, האב איך געזאגט צו מיין פירער, אז איך וועל גיין און פארען וואו איך וויל, און נישט לויט דעם אנגעשריבענעם פלאן.

— ווי אזוי וועט איר דאס טון? די ביורא האט דאך מיך באפרייט פון אינוויניקסטע ארבייט און אן באלוינונג מיך גע־שיקט אייך צו באגלייטען. ווי קאנט איר פארווארפען דעם אויסגע־ארבייטען פלאן? — האט גע'טענה'ט מיין מורה דרך.

— וועל איך נישט קאנען אננעמען אייער גאסטפריינטלאכ־קייט, אויב איך וועל מוזען זיין געבונדען צום ביורא פלאן.

און כאַטש אַ באַאַמטער — ער האָט מיר נאָכגעגעבען. און גע־גאַנגען וואו איך האָב געוואָלט.

נאָר ביי איין אָרט האָט ער זיך איינגעשפּאַרט.

קומט אין מוזעאום פון אגריקולטור — האָט ער מיר געזאָגט.

— איך וועל נישט גיין. וואָס וועל איך דען דאָרטען זעהן? די קערנער? די פרוכטען? איך בין נישט פאַראינטערעסירט אין דעם. איך וויל זעהן די היסטאָרישע פּלעצער און די נייע שכונות.

— אָבער דאָס איז דאָך אַ דערגרייכונג פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע! איר מוזט דאָך כאַטש דאָס זען! עס איז מיין פליכט אייך אַריינצופירען און וויזען.

איך האָב געזען אַז אַ לאַנג שפּאַרעניש וועט מיר צונעמען מער צייט ווי דאָס אַריינגיין — האָב איך נאָכגעגעבען.

איך קום אַריין אין איין צימער, עס איז אינטערעסאַנט. אַלערליי קערנער פון לאַנד, ס׳איז שיין צו זען. אָבער ס׳פאַרכאַפּט מיך נישט, און כ׳וויל אַוועקגיין.

— קומט אין נאָך אַ צימער — בעט זיך דער מורה דרך.

גיי איך. אַלערליי פרוכטען פון לאַנד. אויך אַלערליי שטיינער און שטיינדלאַך. אַלץ אינטערעסאַנט, אמת. אָבער איך וואָלט זיך געקאָנט באַגיין אָן דעם אין אַ צייט, וואָס איז אַזוי באַגרעניצט.

— איצט גייען מיר שוין זיכער — זאָג איך.

דער מורה דרך גיט אַ מאַך מיט דער האַנט — אַ איד אַן עקשן. פאַרפאַלען! לאָמיר גיין.

איך לאָז זיך אַרויסגיין. און פּלוצלונג — בין איך אַ גע־פּלעפטער געבליבען שטיין.

דורך אַן אָפענע טיר פון אַן אַנדער צימער האָב איך דערזען שטיין אַ פויגעל און אונטער אים אַן אונטערשריפט:

— י נ ש ו ף

ס׳האָט מיך אַ הויב געטון פון אָרט און אומערוואַרטעט פאַר מיר אַליין, בין איך צוגעלאָפען און אָט שטיי איך פאַר דעם ינשוף און שריי אויס:

— צו אַלדע גוטע יאָר! דו ביזט דאָ, ינשוף? שלום עליכם.

ינשוף! וואָס מאַכסטו, ינ—שוף? ווי איז דיר דערגאַנגען די גאַנצע צייט? איך האָב דיך שוין אַזוי לאַנג, אַזוי לאַנג נישט געזען!

איך האָב זיך אַזוי דערפרייט מיט אים! מיין אַלטער, ליבער חבר פון די קינדער יאָרען, פון חדר־יאָרען.

דער ינשוף איז טאַקע אַן עוף טמא. אָבער איך האָב אים געזען אין חומש. אַן אומריינער פויגעל, אָבער דער חומש האָט אים גע־רייניגט אין מיינע קינדערשע אויגען. ער איז מיר אַלס קינד געווען אַזוי נאָענט. און דאָ האָב איך אים איבער פינף און צוואַנציק יאָר נישט געזען, און אָט זע איך אים —

איך בין געווען אין מיין געבורט שטעדטעל און האָב דאָרט געזען מיינע חדר און בית המדרש חברים. איך האָב זיך דערפרייט מיט זיי און מיט זיך אַליין, וואָס איך זע זיי.

און איך האָב זיך אויך געפרייט, וואָס איך האָב געטראָפען די שקצים וואָס האָבען מיך אַמאָל, און מער ווי איין מאָל, פאַרוואָרפען מיט שטיינער. אַפילו זיי זיינען מיר געווען ליב. זיי האָבן דאָך אַרויפגעצויגען די פאַרהאַנג, וואָס איז געהאַנגען פאַר מיינע אויגען און האָט פאַרשטעלט יענע גוטע, טייערע, ליבע, געבענשטע קינ־דער טעג.

ווען דער שייגעץ פון מיין שטעדטעל איז מיר געווען טייער נאָך יאָרען פון נישט זען, טאָ ווי טייער איז מיר געווען דער ינשוף פון חומש?

ינשוף, ליבער. אַ נישט געדאַכט זאָל ער ווערען! ער איז טאַקע דאָ. און די שמחה ווערט גרעסער. ער איז נישט אַליין. אַלע זיינען דאָ. דאָס גאַנצע געזינדעל, אַ געזונט זיי אין די פליגעלאַך און פליגלען!

עס איז דאָ דער פּ ר ס, יאָ, איך זאָל אַזוי געזונט זיין! און די ד א ה און דער ת ח מ ס און דער ק א ת אויך!

הער, זע און קוק! דער ע ו ר ב איז דאָ! דער עורב פון נח'ס טבה. און גאָר אַ ליבער טייערער פריינד, די יונה, די טויב. נח'ס טייבעלע, איז דאָ, אַזאַ צאַרטס, אַזאַ איידלס, אַזאַ גוטס און געטרייעס.

איך גיי אַזוי צווישען די פויגלען. קוק אַזוי ליב אויף זיי, גלעט

זיי, לאַשטשע זיי, נעם זיי אַרום און מיינע בליקען זיינען אַזוי וואַרים, און דאָס הארץ ציט אַזוי וואַרים. —

אַט איז דער נ ש ר. און טאַקע אויך די עזניה. און די א י ה, און די בת היענה מיט אַ בת היענה איי, היינט דער ש ל ך, דער נאַשער וואָס שלעפּט פישעלאַך פון וואַסער און שלינגט זיי איין.

דער תנשמת וואָס פלעגט אין חדר וואַרפען אַ פּחד אויף מיר שרעקט מיך שוין נישט.

און קנאַפּע חברים זיינען מיר דער ר ח ם און דער ד ו כ י פ ת? און די חסידה, דער באַטשאַן פון חומש און פון מיין קליין שטעדטעל, ער איז דאָך מיר טאָפּעלט ליב, ווי ער פאַר־וואַרפט דעם שנאָבעל, קנאַקט, קנאַקט, אַ הויב די פליגלען און הוי־הוי איבער די וואָלקענס.

זע, דער עטלף, אַ קליינס, אָבער ווען מיר האָבען געלערענט דעם עטלף אין חדר, האָט מען געוואוסט, אַז ווען ער באַווייזט זיך, הערט מען אויף גיין אויפדערנאַכט מיט די לאַמטערען אין חדר. און די בלאָטעס טריקענען אוים. עס ווערט ליכטיג און וואַרים אין שטעדטעל.

אַלע, אַלע עופות פון חומש האָב איך אין דעם צימער גע־פונען. און אפילו די עופות פון דער גמרא. שפּעטערדיגע חברים. האָב איך אויך דאָרט געזען.

איך בין צוגעשמידט געוואָרען, האָב אַרומגעטאַנצט צווישען דער מחנה פויגעל, געלאָפען פון איינעם צום צווייטען, זיך נישט געקאָנט אָפּרייסען פון זיי.

טויטע פויגעל זיינען זיי. אָבער פאַר מיר האָבען זיי געלעבט און גערעדט צו מיר און דערציילט אַזוי פיל, אַזוי פיל.

עס איז מיר אין דעם פויגעל צימער קלאָר געוואָרען, אַז שלמה המלך האָט געקאָנט די שפּראַך פון די עופות.

אַז איך האָב די שפּראַך אַזוי גוט פאַרשטאַנען.

און נישט נאָר דאָס לשון פון די עופות האָב איך פאַרשטאַנען אין ארץ ישראל, נאָר אויך די שפּראַכען פון די בערג און טאָלען, די בוימער און די גראָזען.

אַלץ אין ארץ ישראל האָט גערעדט צו מיר. די ווי‍סטע בערג

און דער גרינער עמק און אלעמענס רייד האבן מיינע אויערן גע־הערט, דאס הארץ האט זיי פארנומען און איך האב זיי פאר־שטאנען, אזוי גוט פארשטאנען ווי צוויי ליבע חברים פון אלטע יארן פארשטייען זיך.

איך שטיי אין עופות־צימער און דער מורה דרך זאגט מיר:

— ס'ווערט שפעט, לאמיר גיין.

איך האב זיך נישט געקאנט אפרייסן פון ארט. דער ינשוף, ער איז געווען דער ערשטער, וואס האט מיך אין זיינע פליגעל גע־בראכט אין די חדר יארן.

לאנג בין איך נאך געשטאנען. אין דרויסן זאגט צו מיר דער מורה דרך:

— איר האט דאך נישט געוואלט אריינגיין.

איך האב אים ארומגענומען און צוגעדריקט צו זיך הארציק.

ב י י ד י ב ו כ א ר ע ר א ו ן ת י מ נ י ׳ ע ר

י

קוקסטו אויף די בוכארער אידען, קלערסטו אז אזעלכע אידען, בערג־אידען, האט דוד אל ראי אויסגעקליבן פאר זיין ארמעע צו גיין אין ארץ ישראל.

הויכע ווי טאפאלען, גראדע, ברייט־פלייצעדיגע, ריזען.

זעט מען זייערע זקנים, פעסטע. איינער ווי דער צווייטער א גלייכער, א גבר, מיט לאנגע ווייסע בערד, וואס שפילן אין א ווייס ליכט. אין די גרעסטע היצן גייען זיי אין פוטערנע היט־לען איבער'ן געניק.

די בוכארער פרויען — ברייטע, קרעפטיגע, מיט רונדיגע פנים'ער, ווי אויסגעקנאטען טייג געטריקענט אויף דער זון.

שבת שפילן זיך אלע פארבען אויף דעם בוכארער קווארטאל פון די פארביגע זיידענע קליידער, וואס שרייען דעם שבת אין דער גאס אריין.

גייען זיי שפאצירן, זיצן אויף די שוועלן — שרייאיג זייד.

איך בין ביי זיי געווען אינדערוואָכענס און שבת. געווען אין זייערע שולען. שיין איז די בוכאַרער שול אינווייניג, איינ־געוויקעלט אין זיידענס און טייערע טעפּיכער.

עפענען זיי דאָס ארון קודש, דערזעט מען אוצרות. ספר־תורה׳ס אין גאָלדענע און זילבערנע קאַסטענס. וואונדערבאַרע קונסט ארבייט.

איך האָב גערעדאָוועט אַ מנחה מיט די בוכאַרער. זייער רב, דער חכם, איז איינער פון די שענסטע אידען, וואָס איך האָב אין מיין לעבען געזען. אַזאַ הויכער, אַזאַ שטאָלצער, אין אַ ווייס־זיידענעם ראָק מיט אַ ווייסע זיידענע באָרד, וואָס איז „יורד על פּי מדותיו". און מיר איז איינגעפאַלען, אַז אַזוי האָט אויסגעזען דער כהן גדול, ווען דאָס בית־המקדש איז געשטאַנען.

מיט דעם רב זיינען געזעסען נאָך אַ צאָל שיינע זקנים און דיר מוז שטאַרק געפעלען דיינער אַ ברודער־שבט, וואָס האָט אַזעלכע וואונדערליכע אַלטע לייט.

דער רב האָט געהאַלטען אַ מדרש און געזאָגט פאַר׳ן עולם פון אינווייניג. ווי איך בין אריינגעקומען, האָבען מיר אַלע געגעב־בען אַ ברייטען שלום. דער רב האָט מיר געזאָגט אַ וואָרט תורה — אין אַ גלענצענדען העברעאיש.

אַמאָל זיינען זיי געווען אונטער רוסלאַנד. דאָ צווישען זיי רייכע לייט. זיי פיהלען זיך היימיש אין ירושלים.

ביי זיי איז דאָ ווייניג שווער־אַרבייטער. כמעט אַלע סוחרים. זיי פוילען זיך טאָן שווערע אַרבייט, זאָגט מען מיר. אין מסחר געפינען זיי זייער פרייד. זיי האָבען אויפגעבויט אַ שיינעם קוואַרטאַל אין ירושלים.

דער בוכאַרער שבט פוילט זיך צו טאָן פּראָסטע, שווערע אַרבייט. דער תימנ׳ער שבט איז דוקא אַ שוועד האָרעווענדער. נישטאָ קיין צו־שווערע פּראַצע פאַר דעם תימנ׳ער אידען. יעדע אַרבייט איז אים גרינג, ליב.

דער שווער־פּראַציגער תימנ׳ער איז קליין געוואַקסען, דין און דאַר, הויט און ביינער, מיט פייער שוואַרצע אויגען און לאַנגע געקרייזעלטע פּאות.

שבת צו מנחה ביי די תימנ׳ער אין זייער שול. קליין און ארים איז זייער שול, ווי די דאוונער. א חברה שטיבעל, דער־מאנט עס דיר, ערגעץ אויף ארטשארד סטריט. איז אבער רייי־נער אין תימנ׳ער שולכעל ווי אין חברה׳לאך אויף ניו יאר־קער איסט סאיד. בלאנקט מיט ריינקייט ביי די תימנ׳ער.

א בענקעל אדער א שטול איז ניטא אין תימנ׳ער שול. טע־פיכער ליגען אויסגעשפרייט אויף דער פאדלאגע, עטליכע קישע־לאך. זיי גייען אנגעטאן אין די טליתים צו מנחה, זיצען אויף די טעפיכער קונציג פארלייגט די פיס און זינגען אן איינטאני־גען אבער טיף־ארייגדרינגענדען ניגון.

קיין סידור האלטען האב איך קיינעם נישט געזען. פיר־יע־ריגע אינגלאך דאוונען מיט ציקענדיג, דבקות׳דיג געזאנג. א שטיק עבודה האב איך געפיהלט אין דעם זאגען אתה אחד. פייער האט געשפריצט פון זייערע שווארצע אויגען. איך האב דער־קענט אין זיי, אז פאר דעם אתה אחד זיינען זיי גרייט אויסצו־שטרעקען זייערע דארע העלזער צו דער שחיטה. אזוי האבען געמוזט אויסזען די אידען פון גזירות־צייטען בשעת זיי זיינען געגאנגען אויף קידוש־השם.

הונדערטער יארען זיינען זיי אויסגעשטאנען די גרויזאמסטע רדיפות אין יעמען, שמד־גזירות האבען זיך אויסגעגאסען אויף זייערע קעפ. זיי האבען זיך ארויסגעריסען פון גלות, געקומען נאך ארץ ישראל. קיינער ווי זיי פיהלט נישט דעם טעם פון אויסלייזונג, וואס ארץ ישראל האט זיי געבראכט.

מען האט מיך אריינגעבעטען אין א תימנ׳ער הויז. האב געשמועסט מיט דעם בעל־הבית, זיין ווייב און זון. דער זון איז שוין געבוירען אין ארץ ישראל. ער איז גאר א שטאלצער, שוין געבוירען בקדושה. דער בעל־הבית איז עטליכע און דרייסיג יאר אין ארץ ישראל. זיי אבבייטען מורא׳דיג שווער, אבער ווער קען זיך גלייכען צו זיי. פיהלען זיך גליקליכער פון ניו יארקער מיליאנערען.

מיר הערען מעשה׳ס ווי עס האט אמאל אויסגעזען א נסיעה

פון ליטא אָדער פוילען נאָך אַמעריקא. מיינט מען, אז עס איז ווער וויים וואָסערע וואָונדער.

הערט מען אָבער, וואָס עס דערציילט דער תימנ'ער איד פון זיין נסיעה פון תימן נאָך ארץ ישראל מיט עטליכע און דרייסיג יאָר צוריק, האָט אַ נסיעה נאָך ניו יאָרק מיט פופציג יאָר צוריק אַ פנים ווי אַ פלי מיט'ן עראָפּלאַן.

אין תימן לויערט דער שמד פון איין זייט, דער בייזער הערשער פון דער צווייטער זייט און די רויבערישע אראַבער פון אַלע זייטען. שטעלסט איין דאָס לעבען מיט זיי זייענדיג און ביזט אין גרוים סכנה, ווען דו רייסט זיך אַרויס. שלעפּ זיך איבער מדבריות, אין אַ שטענדיג געפאַר באַפאַלען צו ווערען פון מערדער, און אַז מען דערלעבט, מען קומט אַן נאָך ארץ ישראל, איז דאָס נישט אַ נס פון אויסלייזונג? וואָס אַרט שוין שווערע אַרבייט נאָך דעם אַלעם?

די שטוב איז אַ ליידיגע. אַ שטרויענער טעפּיך איז אויס־געשפּרייט. גלאַנצט ריינקייט פון דער ליידיקייט אַרויס. זיצט דער תימנ'ער, אַ איד, אַ למדן, און דערציילט אין פריידען די נסים. זיין זון, אַ גליקליכער, וואָס האָט שוין נישט געוואוסט פון די פּיין, שלינגט די מעשה'ס, וואָס ער הערט מסתמא יעדען אָוועגד. דער זון קען לערנען. אָבער ער איז אַ בעל־מלאכה. די תימנ'ער זיינען ס'רוב בעלי־מלאכה און לערנען זייערע קינדער אַ פאַך זיך צו קענען מפרנס זיין. נאָר טאָמער קענען זיי נישט פאַרדינען מיט דעם פאַך, איז אַלצדינג גוט, אַבי אַרבייט.

ארץ ישראל ברויך די תימנ'ער אידען ווי זי ברויך רעגען. די תימנ'ער ענערגיע און רצון צו דער אַרבייט זיינען דאָס גליק פאַר'ן אידישען לאַנד. זיי זיינען אויך די שאַרפסטע קאָנ־קורענטען פון די אַראַבער. די אַרבייט, וואָס אַן אייראָפּעאישער איד וויל נישט אָדער קען נישט טאָן, טוען זיי, און זיי טוען דאָס מיט דער גרעסטער איבערגעבענהייט, מיט דעם געפיהל אַז זיי בויען דאָס אידישע לאַנד.

זיי זיינען דער חנינא בן דוסא טיפּ. מיט אַביסעלע באָק־סער לעבען די וואָך איבער.

פון דעם תימנ׳ער לײדיגען הויז בין איך געגאנגען אין א הויז פון נײ ירושלים. א איד פון אונזערע רוסישע אידען, א סוחר אין ירושלים, האט זיך אויפגעבויט א הויז אין א נײ אויפשטײגענדען קווארטאל.

אין די בעל־הבית׳ישע געגענדען פון ניו יארק בויט מען גארנישט אזעלכע צימערען. הויך און ברייט, די װענט גראב ווי א שלאס.

גרויסע וועראנדעס פון ביידע זײטען. שטײסט אויף דעם דאך פון הויז, זעסטו דאך װעלטען גאנצע. גאנץ ירושלים אין איר אלט־נײ וואונדער. זעסט מײלען ווייט ארום ירושלים.

דאס איז, אין די נײע קווארטאלען, נישט דאס איינציגע הויז, האט מען מיר געזאגט.

אזוי זעט אויס דער קיבוץ גליות פון אידישען לאנד. פון א לײדיגע שטוב מיט א שטרויענע פלאכטע, דאס איינציגע מע־בעל ביים תימנ׳ער, ביז שטאפעלווייז, שטאפעלווייז צום פראכט־פולען הויז פון אשכנז׳ישען סוחר.

א י ך ש פ א צ י ר

י״א

שיינע שטעדט האב איך געזען, שענער איז ירושלים. אינטע־רעסאנטע שטעדט האב איך געזען, אינטערעסאנטער איז ירושלים.

איך גיי שפאצירען איבער ירושלים. און איך גלויב עס מיר קוים. בין איך טאקע אין ירושלים ? גיי איך טאקע שפאצירען אי־בער דער הייליגער שטאדט ?

אין דער אלטער שטאדט. גאנצע לענדער גייען פארביי מיינע אויגען. מענשען פון אלערליי לענדער, אין אלערליי קליידער גייען פארביי. אלץ קומט נאך ירושלים, צווישען אלעמען בין איך אויך דא.

שטילע, שוויײגענדיגע זײנען די מענשען אין מזרח. דער מזרח איז א שווייגענדיגער, פול מיט סודות.

שטילע, שווייגענדיקע גייען די שטאלצע אראבער, די שטא־

טישע ווי די דאָרפישע און שטילער די בעדואינער, די מדבר וואַנדערער.

שטיל, געלאַסען גייט דער קאַראַוואַן קעמלען, שטילע גייען די אַראַבער מיט זייערע אייזלען. אַפילו די אידען, די נערוועזע, די אימפּולסיווע, גייען אויך שטיל.

אַראַבער מיט לאַגלען וואַסער אויף די רוקענס ציען שטילע, און אַראַבער רינגלען אַרום אַ ברונען, אַ ברונען מיט אויפגעזאַמלט רעגען־וואַסער, איינער שעפּט אַן וואַסער און מיט אַ מאָס גיסט ער עס אַריין אין די לאַגלען.

זיי ציטערען איבער אַ טראָפּען וואַסער. האַלטען עס טייערער פון שמעקעדיגסטען בוימעל. איך זע די שוואַרצע לאַגלען, אָפּגעשונדענע פעל פון שוואַרצע שאָף, לאַגלען פון תנ״ך.

אַוועק זיינען טויזענטער יאָר. מיר זיינען אַוועק פון מזרח, פאַר־טריבען געוואָרען און האָבען קראַנגען אין אונזערע הייזער, וואָס מ׳גיט נאָר איין דריי און וואַסער פליסט, און אין ירושלים איז געבליבען דאָס לאַגעל פון אברהם אבינו׳ס צייטען.

וואָס דערמאָנען אונז אַלץ די דאָזיקע לאַגלען !

אוצרות מעשה׳ס, זכרונות וואונדערליכע, מישען זיך אויף פאַר די אויגען, דערמאָנטע פון די לאַגלען.

שמאָלע, ענגע געסלאַך, פינסטערע, דעכלאַך איבער די קעפּ. מאָדנע קראָמען. לעבער־געוועלבלאַך. גרינוואַרג, געבראָטענע פליישן און שעפּסען, שעפּסען, די פלייש קראָמען זיינען פאַרוואַר־פען מיט שעפּסען. ווי מיט טויזענטער יאָרען צוריק, איז דער שעפּס דאָס פּאָפּולערסטע באַשעפעניש אין ארץ ישראל.

געבעקס, אויף אַ רגע און נאָך מער פון אַ רגע שטעלסטו זיך אָפּ — מצה׳ס! דינע קוכענס אויף די קראַם טישען. און די מצה׳ס דערציילען דיר פון צייטען פון אברהם, פון לוט, פון דור המדבר — דאָס הויפּט געבעקס ביים אַראַבער.

קומט אַן אַן אַראַבער מיט אַן אייזעל, מוזט איר זיך צורוקען צו דער וואַנט, איר זאָלט נישט קריגען קיין קלאַפּ פון אייזעל. ביי ביידע זייטען פון די ענגע, שמאָלע געסלאַך זיצען אויף דער ערד

אראבער יונגע און אלטע, אָרימע, פאַרוואָרלויזטע מיט קליינע אויגען, פוילע.

דאָס זיצען זיי לעבען די „קאַפעס", רויכערען נאַרגילעס און שפּי־לען קאָרטען. און אַט ציען זיי זיך גאָר אויס און שלאָפען. אינמיטען העלען טאָג זיצען אַזוי פיל יונגע, געזונטע מענשען און רויכערען נאַרגילעס, שפּילען קאָרטען אָדער שלאָפען אויף'ן מיטען גאַס.

ווערט קלאָר פאַר וואָס די בערג זיינען וויסט און אין די זומפען איז פאַרשפּרייט קדחת, אינמיטען העלען טאָג זיצען זיי ווי צוגעשמידט, געפאַנגענע און רויכערען נאַרגילעס.

אין דער גאָלדשמידען גאַס. אַלט, אַלט איז די גאַס. גאָלדשמידען אויףביידע זייטען זיצען און אַרבעטען אין גאָלד ווי מיט טויזענטער יאָרען צוריק.

גאָלד־שמידעריי גייט ביי זיי איבער בירושה, ס'איז אַ העברעע פּראָפעסיע. גייט איבער דאָס געוועלבעל, וואָס איז נישט מער ווי אַ שטיקעל לאָדען פון אַ בודקע, פון דור צו דור. איז די גאַס דער שוק הצורפים פון גמרא'ס צייטען? ווער ווייס? אויב דאָס לאָגעל איז דאָס זעלבע, פאַרוואָס נישט אויך דאָס גאָלדשמידען געסעל?

גייט מען אויף אַ גאַס, וואָס יעדער טריט רוימט איין אין אויער מעשה'ס פון טויזענטער יאָרען צוריק, קאָן מען ניט גיין רו־איג, מען ווערט אויפגעטרייסעלט פון קלאַנג פון די אייגענע טריט.

דאָס אָפענע טויער און דאָס פאַרמאַכטע טויער.

זיבען טויערען האָט ירושלים. צוויי זיינע די אינטערעסאַנטסטע. דער גאָלדענער טויער און דער שער יפו.

ירושלים איז געווען אַרומגערינגעלט מיט אַ מויער ווי אַ סך שטעדט אין מזרח. אין דער מויער זיינען געווען טויערען אַריין־און־אַרויסצוגיין. אין אַווענט האָט מען פאַרמאַכט די טויערען און מען האָט נישט געקאָנט אַריינגיין און אַרויסגיין. ווי אין פסוק שטייט — אין יוצא ואין בא.

דאָס איז געווען צו פאַרהיטען די שטאָדט פון אַ שונא'ס אָנ־פאַל.

פון די זיבען טויערען אין ירושלים'ס מויער אין דער גאָלדענער

טויער תמיד פארשלאָסן און דער שער יפו איז אוים טויער — אויפגעבראָכען.

דער שער יפו איז אויפגעבראָכען געוואָרען איבער עקס קייזער ווילהעלם. ווען ווילהעלם איז נאָך געווען קייזער און האָט גע־חלום׳ט צו ווערען דער מלך המלכים, א וועלט הערשער, איז ער געווען אין ירושלים. ער האָט געוואָלט מיט גרויס פּאראַד אויף א ווייס פערד אריינרייטען, מעשה הערשער, נאָך ירושלים. דורכ׳ן טויער איז עס געווען אוממעגליך, האָט דער סולטאן באַפוילען אויפצוברעכען דעם יפו־טויער כדי ווילהעלם זאָל קאָנען מיט גרויס פּאראַד אריינרייטען.

פון דעמאָלט אָן איז דער שער יפו אָפען. אויפגעבראָכען. אויפגע־בראָכען איז דער שער יפו. צובראָכען איז ווילהעלם׳ס קרוין.

דאָס גאָלדענע טויער איז פארמאַכט. תמיד פארהאַקט. די אַראַ־בער לאָזען נישט עפענען. זיי גלויבען אַז משיח וועט אריינקומען נאָך ירושלים דורך דעם גאָלדענעם טויער. האַלטען זיי עס דאָ־ריבער תמיד פארשלאָסען און היטען מען זאָל עס נישט עפענען.

זיי גלויבען אַז משיח וואַרט דאָס טויער זאָל זיך עפענען און ער וועט זיך אריינכאַפּען.

איך שטיי ביים פארמאַכטען גאָלדענעם טויער און טראַכט:

— נארישע אראַבער. מיט אייער פארמאַכען דאָס טויער וועט איר נישט פארשפּאַרען דעם וועג פאַר משיח.

דאָס גאָלדען טויער איז פארמאַכט. אָבער אַרום דעם מויער, אין דרויסען פון שטאָדט בויען אידען אַ נייע שטאָדט, טאָ וואָס העלפט אייך דאָס האַלטען דעם גאָלדענעם טויער פארמאַכט? און אינ־ווייניג זיינען דאָ ווייניג אידען? און די אידען שלאָפען נישט אינ־מיטען העלען טאָג אויפ׳ן גאָס און זיי רויכערען אויך נישט קיין נאַר־גילעס. זיי אַרבעטען, בויען...

אויב משיח וועט וועלען קומען דוקא דורך דעם גאָלדענעם טויער, וועט עס זיין אָפען פאַר אים.

אויפן וועג קיין בית לחם

א

אויפ׳ן וועג קיין בית לחם.

וואס זאגען דיר, פריינד מיינער, די עטליכע ווערטער ?

די ווערטער : אויפ׳ן וועג קיין בית לחם — וואס זאגען זיי דיר ?

איך בין געפארען, נאך א לאנגע, לאנגע צייט, זען מיין געבורטשטעדטעל. און מיין הארץ האט מער געקלאפט, שטארקער געקלאפט אויפ׳ן וועג קיין בית לחם, ווי אויפ׳ן וועג צו מיין שטעדטעל.

מיר האבען דאך אין חדר אויסגעזונגען מיט א תשובה ניגון יעקב אבינו׳ס ודוי פאר זיין זון יוסף.

„ואני, און איך בבאי, אין מיין טאג קומען, מפדן, פון פדן ארם...

עס איז אבער געווען על פי הדיבור... דער אויבערשטער האט מיך אזוי געהייסען... אז נבוזראדן וועט פירען די אידען אין גלות אריין... וועט דיין מוטער רחל אויפשטיין פון קבר... רחל מבכה... און ושבו, זיי וועלען זיך אומקערען, בנים, די קינדער, לגבולם, צו זייערע געמארקען“...

איך בין דא אין די “געמארקען„ אויפ׳ן וועג קיין בית לחם.

עטליכע מינוט דויערט די נסיעה מיט׳ן אטאמאביל פון ירושלים צו קבר רחל. טויזענד צאפלענישען צאפעלט דאס הארץ אין די עטליכע מינוט.

באלד הערט אויף די אויפרעגונג. א קליין הייזעל, אפגעקאלכט, ערשט נישט לאנג אפגעקאלכט, זאגט מען מיר, דאס חדר געפיל פארשווינדט.

דאָ איז עס ? — פרעגסטו זיך רואיג, קאַלט.

טאַקע אינמיטען וועג, ביי דער זייט, טאַקע דאָ, זאָגט מען דאָך דיר אַזוי.

— מאַכען אַ מי שברך ? — רוקט זיך אונטער אַ יונגערמאַן, אַ געזונטער מיט אַ פּאָר רויטע באַקען — יעדער וואָס קומט דאָ, לאָזט זיך מאַכען אַ מי שברך און לאָזט עפּעס איבער.

דאָס הייזקעלע, דער אוהל אויפ'ן קבר, איז פול מיט זעקעלאַך קליינע און גרעסערע.

— דאָס איז ערד, קאָסט נישט טייער, עטליכע דאָלאַר אַ קליין זעקעלע, אַ גרעסערס קאָסט, פאַרשטייט זיך, טייערער. ס'מאַכט אָבער אויס ביליגער ווי אַ קליינס.

דאָס פאַרקויפט דער יונגערמאַן "ארץ ישראל ערד" צו דער גאַנצער גולה. דאָ איז דער צענטער פון דעם מסחר. דער יונגערמאַן האַנדעלט מיט מי שברך'ס און ארץ ישראל ערד. פונדעסטוועגען, זעט מען, איז ער אַלץ נאָך ווייט פון זיין אַ מיליאָנער. אָבער אַזוי-דערשלאָגען, בין איך. כ'וואָלט אים בעסער געוואָלט זען אַ מיליאָ-נער, און ער זאָל דאָ נישט פירען זיין מסחר.

דער חדר ניגון וואָס האָט זיך מיר פאַרענדיג אַהער געזונגען אַזוי האַרציג איז אַרויסגעפלויגען פון מיין זכרון. דאָ האָט זיך דער ניגון נישט געלאָזט זינגען.

— איינס פון דיביידע מוז מען טאָן — טענה'ט דער צוויי-ענדיגער סוחר — אַ מי שברך אָדער אַ זעקעל ערד.

איינער פון אונזער גרופּע, וואָס האָט אַן אַלטען טאַטען, האָט אים באַצאָלט פאַר צוויי זעקעלאַך ערד און געהייסען צושיקען נאָך אַמעריקאַ.

— דער טאַטע האָט מיר אָנגעזאָגט — זאָגט ער מיר — איך זאָל אים ברענגען אַ ביסעל ערד פון ארץ ישראל, כאָטש אַ טיי-לעפעלע ערד. וועט ער זיך איצט פרייען. גאַנצע צוויי זעקעלאַך קריגט ער, צוויי זעקעלאַך.

מיר זיינען אַרויס, דער יונגערמאַן לויפט מיר נאָך:

— אַ מי שברך !

איך האָב אים צוגעוואָרפען אַ מטבע. ער האָט שוין נישט געמאָנט קיין מי שברך.

דער יונגערמאַן איז געווען דער איין־איינציגער אין ארץ ישראל, וואָס האָט מיך דערמאָנט אַן דעם כסדר'דיגען אַראַבישען באַקשיש. ער האָט עס גערופען : מי שברך, ארץ ישראל ערד.

איך וואָלט אודאי צופרידען געווען ווען אויך ער וואָלט דאָס נישט געטון. איך בין אָבער אויך צופרידען, וואָס אין מיין גאַנץ ארץ ישראל נסיעה איז ער געווען אַן איין און איינציגער.

דער עיקר פאַרדריסט מיך וואָס ער האָט מיר קאַליע געמאַכט אַן אַלטען חדר ניגון.

ח ב ר ו ן

ב

און נאָך חברון קען מען פאָרען מיט אַ רואיג הארץ ? ווייניג ליגט חברון אין דעם בלוט פון אַ אידען ?

ווייזט מען דיר דעם אשל אברהם, דער בוים וואָס אברהם אבינו האָט אים געפלאַנצט. אַ מעשה מיט מלאכים. אַ מעשה מיט סדום. אַ מעשה מיט שרה'ן און די בני חת. אַ מעשה מיט עפרון החתי. אַ מעשה מיט יצחק'ן. אַ מערת המכפלה, אַן אדם וחוה, אַן אברהם ושרה, אַ יצחק ורבקה און יעקב ולאה. מעשה'ס פון שפּעטער און נאָך שפּעטער.

פאַרמאַכסט די אויגען, דורות הויבען זיך אויף פאַר דיר, וועלטען שטייען אויף. אינמיטען פון דעם אַלעם שטייסטו — ביזט אריינגעפאָרען מיט אַן אָטאָמאָביל. שעמסט זיך מיט דיין אריינפאָרען מיט אַן אָטאָמאָביל אין דעם אַלטען אַלטקייט אריין, אין "חברון, וואָס איז געבויט געוואָרען זיבען יאָר פאַר צוען מצרים„.

אַ מחנה אַראַבער רינגעלט אונז אַרום. בערעדעוודיגע און שווייגענדיגע. פאַר די שווייגענדיגע האָסטו מורא. זיי שווייגען עפּעס פאַרביסען. אָבער אַלע ווייסען דאָך אַז דו ווילסט זעהן די מערת המכפלה — גייען אַלע דיר ווייזען. און זיי רייסען זיך צווישען זיך. ווילען אודאי וואָס ווייניגער שותפים אין "געשעפט„.

פירט מען אונז און מען פירט. מיר זעען שוין אַ גרויס הויז, דאַכט זיך עטליכע טורעמס פון אויבען. שמוציגע אַראַבער מיט קראַנקע, אויסגערונענע, צופרעסענע אויגען גייען פאַראויס ביז צו די שטיגען, וואָס פירען אַרויף צום הויז איבער דער מערת המכפלה.

זיי ציילען די שטיגען, ביז אויפ'ן זיבעטען טרעפּ לאָזען זיי אונז גיין. ווייטער טאַרען מיר נישט גיין. עס איז דאָ הייליג. און מיר וועלען מטמא זיין דאָס אָרט, אויב מיר וועלען גיין נאָך אַ טרעפּ העכער. אָבער זיי גייען העכער. דער שמוציגער, בלינדער אַראַבער, ער מעג גייז, ער מעג גיין אויף וויפיל טרעפּען ער וויל — וואו ? אויף דער מערת המכפלה ? נאָר מיר, אידען, טאַרען נישט גיין אפילו נאָך אַ טרעפּ.

וויל יאָ גיין אַ טרעפּ העכער וועלען די אַראַבער דיך צורייסען. דו קריצעסט מיט די ציין. ווילסט דיך אַליין פאַרשעלטען פאַר דער אפגעריסענער נאַרישקייט, פאַר דעם אידיאָטישען שלעכטס, וואָס איז שטאַרקער פאַר דיר און לאָזט דיך נישט צו צו דיינע אַלטע אוצרות.

קוקסט דאָך שוין אַ בייזער, אַ באַליידיגטער און דו זאָגסט :

— וואָס זע איך ? טרעפּ זע איך. און איך טאָר נישט גיין אויף אַכט טרעפּ. נאָר זיבען זיינען מיר ערלויבט.

דערמאָנסט זיך אַ מעשה פון דער גמרא מיט אליהו'ן. רבי בנאה האָט געטראָפען אליעזר עבד אברהם. ער האָט געפרעגט וואָס טוט אברהם איצט אין דער מערת המכפלה ?...

דערמאָנסט זיך דאָס און די שמוציגע אַראַבער שטייען אויפ'ן אַכטען טרעפּ און פאַרצוימען דיר דעם וועג, טאָמער ווילסט, חלילה, אויפהויבען אַ פוס און אָנרירען דעם העכערען טרעפּ אויף וועלכען זיי שטייען.

דאָס פנים פלאַמט פאַר פאַרדראָס און שאַנד.

ביזט אין די הענט פון די דאַזיגע אַראַבער. נעמען זיי דיך אַוועק פון דאַנען און פירען דיך אויף דער אַנדערער זייט, אויף אַ באַרג, קריכסטו אויף שטיינער, זאָלסטו אַ האַר זיין אומפאַר־זיכטיג, קייקעלסטו דיך אַראָפּ און צובערכסט דאָס געניק.

אָבער ביזט שוין אין דער הויך. זעסטו דעם גאַנצען בנין אויף דער מערת המכפלה, אַז אַלטע געביידע און דאָרט — ווייזט דיר אַן דער שמוציגער אַראַבער — דאָרט ליגען אברהם מיט שרה'ן, און דאַ ליגט דער קאָפּ פון עשו'ן.

אַליץ ווייס ער. ער מעג אַליץ וויסען. ער מעג דאָך גיין וואוהין ער וויל. דו טאָרסט נישט.

ווען די אַראַבער וואָס קאָמאַנדעווען אַרום דער מערת המכפלה וואָלטען נישט געווען קיין שמוציגע, וואָלט מיך פּונקט אַזוי שטאַרק פאַרדראָסען. אויסגעפּוצטע אַראַבער וואָלטען דען פאַר מיר געווען אַ טרייסט ? טאַקע איין געשריי. אָבער ווי קומט דאָס אַזאַ וויטאָג, אַזאַ צער זאָל ווערען דערלאָזט. זאָלען מיר זיין ערגער פון שמוציגע באַקשישדיגע אַראַבער ?

דער הר הבית איז אין זייערע הענט. ווען זיי ווילען, לאָזען זיי דיך אַריין. די מערת המכפלה איז זייערס און ווי ווייט זיי ווילען דיך צולאָזען קענסטו גיין.

אָפּגעצאָלט דעם אָפּצאָל מיט באַקשיש און מיט שנאה צו דער וועלט און זיך אַליין גייען מיר אוועק פון דאָרט. אַ טיפע באַליידיגונג זויגט דאָס בלוט.

אין דער סלאָבאָדקער ישיבה

ג

נאָר אַט קומען מיר און הערען, הערסטו, פריינד, אַ הויך געזאַנג, וואָס טראָגט זיך פון אַ הונדערט העלזער. אַ באַקאַנט געזאַנג, וואָס דו כאַפּסט עם באַלד אויף און זינגסט מיט.

דאָס איז דאָס געזאַנג פון דער סלאָבאָדקער ישיבה. אַ גרויס הויז. גייען מיר אַריין אינווייניג. עס איז פול בחורים. זיי זיצען, שטייען אָנגעשפּאַרט אויף שטענדערס, הונדערט בחורים, הונדערט ספרים זיינגען, די לערנער זינגען הויך, פייערדיג, זיי שאַלען דאָס לערנען.

ווערט אָפּגעווישט די פריערדיגע באַליידיגונג. פאַרגעסט די

אראבער. הויבט אָן שאַלען אין דיר דאָס קול פון די זינגענדיגע לערנער. ווערסט אריינגעריסען אין דער מחנה.

די אראבער ווילען נישט ארויפלאָזען אויפ׳ן אַכטען טרעפּעל פון מערת המכפּלה, אָבער די סלאָבאָדקער זיינען דאָ דערנעבען. יונגעלייט פון פּוילען, פון ליטא, פון רוסלאַנד, פון אַמעריקאַ אויך. יאָ, פון אַמעריקאַ אויך, זיינען זיי געקומען דאָ אהער, נאָך חברון. זיי זיצען און לערנען.

דאָס קענען שוין די אראבער נישט פאַרווערען. זיי האָבען געוואָלט שטערען. זיי זיינען אָבער געקומען צום שכל, זיי טשעפּען נישט מער. חברון האָט צוגעקראָגען נייע הונדערט און נאָכמער יונגע אידען. זיי לערנען און די שטאָדט פאַרדינט דערביי.

מיר האָבען געשמועסט מיט עטליכע בחורים. איינער פון זיי אַן אַמעריקאַנער, האָט, דאַכט זיך, געענדיגט אַ קאַלעדזש און ער זיצט גאָר דאָ און לערענט. קוקסט אויף אים און זעסט אים גאָר אַנדערש, ער איז אַן אַנדערער. ער זעט אויס אַנדערש. ער איז דאָך טאַקע אַנדערש.

עס איז נישט נאָר אַ ישיבה אין חברון. עס איז אַ פאַרגעלטונג פאַר דעם צער און חרפּה ביי דער מערת המכפּלה.

ווען נישט דאָס געזאַנג פון דער ישיבה, וואָס וואָלט אָפּגעווישט מיין שאַנד פון דער מערת המכפּלה?

אַ שווים אין ים המלח

אין איין טאָג:
צום ים המלח
צום ירדן
און —
יריחו.
אַלץ אין איין טאָג.
אוצרות זעאונגען. אוצרות דורכגעפילט. אוצרות איבערגעלעבט.
אַלץ אין איין טאָג.

ווען איך בין געגאַנגען אונטערנעמען די דאָזיגע נסיעה, האָט מען פון אַלע זייטען געלייגט שטיינער אויפ'ן הארצען. נישט פשוט'ע שטיינער, נאָר מילשטיינער. יעדער האָט געוואָרנט, אימ־ליכער האָט געסטראַשעט. אַ גרויסע סכנה צו פאָרען. די היץ ווי אין זיבען קאַלכאויוועגס. מען מוז פאָרען פיר פאַרטאָג, אַנישט ווערט מען פשוט פאַרברענט. מען מוז זיין אַרויס פון דער געגענד פאַר צען אזייגער אין דער פרי, אַנישט איז מען איינגעשטעלט.

דוקא די געפאַר האָט מיך געררייצט. אַ מאָדנער געפיל האָט מיך באַהערשט אין אֶרץ ישראל. קיין שרעק האָט מיך נישט אָפּגע־שראָקען. האָט מען געוואָרנט קעגן פאָרען ביינאַכט אין געוויסע געגענדען, מחמת די אומזיכערקייט פון אַן אָנפאַל, בין איך דוקא געפאָרען דאָרט ביינאַכט. און נאָך יריחו דוקא געפאָרען אינמיטען העלען טאָג. נישט ווייל כ'האָב זיך געוואָלט רייצען מיט אימיצען, נאָר אַן ארץ ישראל העזה, אַ וואונדערליכע אומדערשראָקענהייט, האָט מיך אָנגעפילט, האָב געלאַכט פון אַלע וואָרנונגען און פחד־אָנוואָרפעניש.

דער כח פון ארץ ישראל.

אומעטום אין ארץ ישראל בין איך אַלץ געפאָרען באַרג אַרויף. באַרג אַרויף. נאָך יריחו באַרג אַראָפּ, באַרג אַראָפּ.

מיר פאָרען אין אַ מדבר. כסדר מדבר. די בערג אַרום און דער גאַנצער פּלוין — זאַמד און זאַמד, דורכגעבּרענט פון דער ברענענ־דיגסטער זון. קיין בוים, קיין גרעזיל. פעלזען געשפּאַלטענע, אויס־געגליטע. צווישען זיי, באַרג אַראָפּ פּליט אונזער אַטאָמאָביל איי־נער, מען זעט נישט קיין לעבעדיג נפש חוץ אונז, קיין צייכען פון וואַסער, קיין סימן פון לעבען.

ווען איינער, אַ פרעמדער, וואָלט דאָ פאַרבלאָנדזשעט אין דער מדבר — פון איינזאַמקייט וואָלט ער אויסגעגאַנגען. דאָ זעט מען די מורא פאַר דאַרשט. מדבר יהודה.

פּלוצלונג — עפּעס שיילט זיך אַרוים פאַר אונזערע אויגען. עפּעס גייט אונז אַנטקעגען. מיר דערנענטערען זיך דעם געשטאַלט און מיר בלייבען געפּלעפּטע :

אַ הויכער, גלייכער אַראַבער מיט אַ ברייטע ווייסע באָרד און אַ לאַנגען שטעקען אין האַנט גייט דאָ איינער אַליין. ער טאַפּט מיט דעם שטעקען דעם וועג פאַר זיך. ער איז האַלב און אפשר אַ גאַנ־צער בלינדער. די יריחו זון האָט אים אויסגעברענט די שוואַרצ־אַפּלען פון די אויגען. און דאָך גייט ער דאָ, אין דער מדבר, זיכע־רער און פעסטער ווי מיר מיט דעם אַטאָמאָביל. אים איז קלאָר דער וועג, ער שטעלט רואיג, זיכער זיינע טריט. איינער אין אַ מדבר. איינער אַ בלינדער. איינער אַ בלינדער אין אַ מדבר.

איך בעט דעם שאופער ער זאָל עפּעס אַ פרעג טון דעם בלינ־דען אַראַבער. ער פרעגט אים דעם וועג נאָך יריחו. דער בלינדער אין דער מדבר ווייזט אים דעם ריכטיגען וועג.

מיר פאָרען אַלץ נידעריגער, נידעריגער, טיפער, טיפער. מיר זיינען שוין טיפער ווי דער ים. נידעריגער פון דעם אָרט וואו עס איז דאָ אַ ברעטיל אריינגעשטעקט מיט אַן אויפשריפט : „פּני הים". נידעריגער פון ים־פלאַך.

מיר קומען אַרויף אויף דעם ככר הירדן, דער פּלוין וואָס איז אַמאָל געווען „איינגאַנצען אַנגעטרונקען". ווי גאָט'ס געבענשטער גאָרטען. היינט איז ער פאַרשאַלטען. עס איז אַפילו נישטאָ קיין

אויסגעטראָטענער וועג אויף אים. און בלויז פאַרען דאָרט איז פון די „פאַרגעניגענס", וואָס אַז מען קרענקט זיי נישט אויס, בענשט מען גומל און מ'וואַרפט אַריין אַ מטבע אין רמב"ן'ס פושקע. מאַכט דער וועג איצטער מיט דיר טויזענד נענועים אין אַ רגע, עס שאָקעלט מיט דיר, עס טרייסעלט דיך, עס שפּילט מיט דיר באַלעם, דאַנקסטו גאָט עס וואַרפט דיך נישט אין קדחת, אָבער עס וואַרפט דיך דאָ מזרח־מערב, דרום־צפון און מעלה־מטה'דיג. ווי אין רבי לוי יצחק'ס „דודולע". אומעטום — דו. וואַרפט עס דיך.

אָבער וועמען אַרט דאָס! דאָ זיינען געווען די שטעדט וואָס גאָט האָט איבערגעקערט. דאָ וואו דו פאַרסט איז געווען סדום און עמורה און די אַלע שטעדט וואָס גאָט האָט געצאַרנט אויף זיי.

מיר זעען דעם ים המלח. טרייסטען מיר זיך. עס איז דאָך אַזוי נאָענט. אָט וועלען מיר זיך באַפרייען אַביסעל פון דעם וואַר־פעניש. אונזער שאופער לאַכט: ס'איז נישט אַזוי נאָענט ווי מיר מיינען. דאַכט זיך, אַז אין אַ מינוט זיינען מיר לעבען אים. עס וועט נאָך דויערען אודאי איבער אַ האַלבע שעה. דאָס וואָס מען מיינט מען דערגרייכט מיט דער האַנד, איז אין אמת'ן גאַנץ ווייט. די טבע פון ארץ ישראל — די ווייטסטע ווייטקייט ווייזט זיך ווי די נאָענטסטע נאָענטקייט.

וואָס הערט זיך עפּעס מיט דער היץ־ סכנה? — ס'איז גאָר־נישט. מיר האָבען זיך אָפּגעשטעלט העלפט וועגס, דוקא דאָרט וואו מען האָט אונז געסטראַשעט, אַז מען טאָר זיך נישט אָפּשטעלען, ווייל די היץ איז דאָרט נישט אויסצוהאַלטען שטייענדיג. אַז מען פאָרט, האָט מען אונז דערציילט, מאַכט דער פליהענדיגער אָטאָ־מאָביל אַ שטיקעל ווינט, טאָקע אַ הייסען ווינט, אָבער כאָטש נישט קיין שטייענדיגען פייער.

און דוקא שטייענדיג האָב איך זיך געפילט אויסגעצייכענט. און אין דער הייסער מדבר נאָך געאַרבעט מיט דעם „קאַדאַק". דו שמייכעלסט צו זיך אַליין, ווען דו טראַכסט אַז מיט טויזענדער יאָרען צוריק זיינען דאָ געגאַנגען די בני ישראל כובש זיין דאָס לאַנד און דו שטייסט דאָ מיט אַ קאַדאַק אין האַנד און ווייסט נישט, אַז דו ווילסט פאָטאָגראַפירען אַז אומזעבאַרען אָבער דאָך

נישט אָפּגעווישטען טריט פון איינעם פון די אמאָליגע בני ישראל.

מיר האָבען אין דער מדבר געפונען אַ הייזקע, אַ אכסניא אויפ'ן מיטען וועג. אַ אַלטער אַראַבער איז אַרויסגעקומען צו אונז און פאַרקויפט ביער און „גאַזאַ" (סאָדע וואַסער). וואָס פאַר אַ לשון רעדען מיר? העברעאיש? רעדט ער. ענגליש? נו, דאָס אודאי, ווילען מיר רוסיש? רעדט ער רוסיש. אַלע לשונות פון דער וועלט רעדט דער אַראַבער. און ער זאָגט:

— וואונדערט זיך נישט. אַלע מענשען האָב איך שוין דאָ געזען, אַלע מענשען פאָרען דאָ פאַרביי און איך וועל נאָך זען אַ סך, א סך, זיי מוזען דאָ פאַרבייפאָרען.

טרינקסט דאָס ביער און דו ווייסט נישט וואָס איז הייסער: דאָס ביער אָדער די לופט אַרום? מיר באַצאָלען אים פאַר דעם קאָכעדיגען ביער און זודיגען סאָדע וואַסער און עס מאַכט זיך שוין אַזוי, אַז דער אַראַבער האָט גראָד נישט קיין קליין געלד צו געבען אַ רעשט. קיינמאָל האָט אַ אַראַבער נישט צו געבען אַ רעשט. ער באַרואיגט דיך, זאָרג זיך נישט, וועסט פאָרען צוריק וועל איך דיר אָפּגעבען. טאָמער וועל איך נישט האָבען דאָס איצ־טיגע מאָל, וועסטו דאָך נאָכאַמאָל קומען אַהער, איך דערקען מענ־שען, איז אימיצער דאָ איינמאָל און קומט שפּעטער נאָכאַמאָל, דערקען איך אים, וועל איך דיר שוין אַמאָל אומקערען די רעשט.

מיר זיינען ענדליך ביים ים המלח. אַ שטילער טייך, זאַמד קאָליר. אַ קליינער דינער וואונדערליך ווייסער שוים ביים ברעג, אַ שיפּעל שטייט אינמיטען ים. מען שיפט זיך דאָ. מען שווימט דאָ. איך שטעק אַריין איין פינגער אין דעם ליכטיג ווייסען שוים און ריר אָן די שפּיץ צונג. דריי טעג ברענט זאַלציג די צונג.

— כאַפּען מיר אַ שווים?

אין אַ רגע שפּרינגען מיר אַריין אין געדיכטען וואַסער און שווימען. ביז'ן מויל זיצען מיר אין וואַסער, העך איך אויף שווימען, גיב זיך איבער דעם ים המלח, פאַרלאָז זיך אויף זיין בעראָט, ער לאָזט מיך אָבער נישט אַראָפּנידערן, ער שלעפּט מיך, ציט מיך אינדערהויך. ווי אַ האַנד אַ ברייטע וואָלט מיך אונטערגעהאַלטען און געהאַלטען אין דער הויך, געשטופּט אַרויף. עס איז דער וואונ־

דערליכסטער שווים, וואָס מען קען האָבען. ווי מיט אויל געשמירט דאָס לייב.

גייען פאַרביי עטליכע אַראַבער זיינען זיי שוואַרץ ווי נעגערס. אַראַבקעס מיט קליינע קינדער קומען אָן. שוואַרצע זיינען זיי, אין שוואַרצען איינגעהילט. די ליפּען טאַטואירט, מיט גרינע פאַרב אין די שניטען פאַרגאָסען. זעט מען די ליפּען מיט גרינע פאַרב, אויל פאַרב, וואָס טריקענט נישט, און עס קריכט דערפון די גרינע גאַל. אָבער דערמאָנסט דיך אַז דאָס איז דער „ליפּסטיק" פון די מדבר אַראַבקעס. דער „ליפּסטיק" פון די אַמעריקאַנער דאַמען איז רויטע זאַלב און ביי די אַראַבקעס — גרינע אוילפאַרב. אַן אַראַבער קריכט מסתמא פון גאַל זעענדיג אונזערע רויטע ליפּסטיקיגע ליפּען. פאַר מיר זיינען ביידע, די רויטע און די גרינע, עקעלהאַפט עגאַל.

אַ שוואַרצער אַראַבער ברייננגט צוטראָגען בלעכען וואַסער, זים וואַסער, מיר זאָלען זיך אָפּשווענקען אַרויסגייענדיג פון געזאַלצענעם. דאָס איז זיין „געשעפט". אַ קאַן וואַסער איז דאַ זייער טייער. אָבער דער אַראַבער, מאַכט דאָ פאַרט נישט קיין גלענצענדע געשעפטען. ער וואוינט אַלץ אין אַ נאַרע.

— איר ווילט ביער ? — פרעגט אונז דער אַראַבער.

— אודאי קאַלט ביער ?

— זיכער.

האַלסט עס אויף אייז ? — וויצעלט זיך איינער.

מען האָט געדאַרפט זען ווי דער אַראַבער האָט זיך געטריי־סעלט פאַר געלעכטער. אין קאַלך אויוועו אייז ? !

מיר האָבען געטרונקען דאָס ביער און איינשטימיג באַשלאָסען, אַז דאָס קומט פון ים המלח, געזאַלצען איז עס פונקט אַזוי. נאָר עס איז פיל הייסער ווי דאָס וואַסער פון געזאַלצענעם ים.

פרישע, געקרעפטיגטע, האָבען מיר זיך פאַרנומען ווייטער, צום ירדן.

איך האָב אַרומגעזוכט לוט'ס געזאַלצען ווייב. האָב זי אָבער נישט געפונען. מיינער אַ חבר האָט מיר געזאָגט, אַז עס קען זיין, ווייל עס איז שוין נאָכמיטאָג, האָבען זי די בהמות אויפגעגעסען און ביינאַכט וועט זי צוריק אַרויסוואַקסען. עס קען זיין. אָבער מיר

האָבען דאָרט געפונען געשטאַלטען פון קעמלען, נאַטירליכע פון זאַמד אַרוים. פאַרשטיינערטע קעמלען.

ווען איך בין צוגעקומען צום ירדן, בין איך געוואָרען מיין שאופער׳ס גרעסטער שונא. קיין גרוים פריינדשאַפט צווישען מיר און שאופערס עקזיסטירט נישט פון די אַלטע צייטען. אָבער נאָר דאָ אין אַמעריקאַ. אין ארץ ישראל זיינען מיר ליב געווען אפילו די שאָופערס. דעם שאָופער ביים ירדן בין איך געוואָרען אַ שונא. וואָס האָט ער געהאַט צו מיר? וואָס האָט ער צושמעטערט מיין חלום פון ירדן?

ער האָט מיך צוגעפירט צו אַן אָרט פון ירדן, וואָס מיט אַ גרינגען שפרונג וואָלט איך אים אריבערגעשפרונגען. שמאָל, שמאָ־לינק, אַ קליינער ראָוו אויף די פוילישע וועגען איז ברייטער. איך וויים עס איז דאָ ערטער וואו דער ירדן איז ברייט און וואונדער־שיין. האָט ער פונקט אויסגעקליבען דאָס שמאָלסטע אָרט. איך זאָל האָבען ענגמת נפש און מיר טראַכטען, אַז דאָס דאָזיגע שמאָלע אָרט האָט יהושע בן נון געקענט פערשטאָפּען אויף אייביג מיט די „צוועלף שטיינער". נאָר יהושע האָט געפירט די אידען איבער דעם ברייטסטען אָרט פון ירדן. בין איך נישט גערעכט אין מיין כעס אויף מיין שאופער?

אָבער די הרי מואב! ווער עס האָט נישט געזען די וואונדער־ליך רויטע מואב בערג האָט קיין שיינקייט נישט געזען. הויכע, ריזיגע, רויטע בערג ציען זיך פאַר די אויגען, ווי שומרים איבער׳ן לאַנד. שטומע, געטרייע שומרים, וואָס וואַכען טויזענדער יאָרען איבער׳ן לאַנד.

צווישען די רויטע בערג שטייט איין באַרג, דער באַרג נבו. איז דער רויטער באַרג דער באַרג נבו? האָט פון דאָרט משה געזען דאָס גאַנצע לאַנד? איז דאָרט משה׳ס קבר? דאָרט האָבען אים אידען באַוויינט דרייסיג טעג? דאָרט, אויף דעם באַרג וואָס איך קוק? דו, רויטער באַרג, טראָגסט דעם גרויסען סוד טויזענדער יאָרען, ולא ידע איש, דו דערציילסט נישט דעם סוד. איך קוק אויף דיר, איך וויל דיך דורכבויערען — איז אין דיר דאָ משה, משה

דער עבד ד׳ ? איך שטיי אקעגען דיר, גרויסער, גרויסער בארג, קליין בין איך, און איך וויל וויסען :

— וואו איז דיר איז משה ?

דער בארג שמייכעלט מיט טויזענדער יאריג געלעכטער :

— איך שווייג, איך זאג נישט אויס. מענשען האבען מיך שוין צוגראבען און איך האב זיי אלץ נישט אויסגעזאגט, קיינער ווייס נישט נאר איך אליין.

אין יריחו.

זעט איר דען נישט ווי די כהנים מיט די שופרות און דער חלוץ פאראויס גייען ארום דער מויער פון יריחו ? זיבען טעג אזוי. ערשט דעם זיבעטען טאג איז איינגעפאלען די מויער.

לעבט אין פאנטאזיע א מעכטיגע פעסטונג, א פארשלאסענע, א פארהאמערטע, אין יוצא ואין בא. יריחו !

אט איז יריחו. אן אראביש שטעדטעל. א דארף. אין דעם קליינעם דארף זיינען אמאל גרויסע וואונדער געשען, וואונדער וואס האבען פאר׳כשופ׳ט קינדערשע הערצער טויזענדער יארען פון לערנען וועגען זיי. ווי קליין, ארים איז איצט יריחו. יהושע׳ס פארזאג, אז „פארשאלטען זאל זיין דער מאן פאר גאט וואס וועט אויפשטיין און אויפבויען די דאזיגע שטאדט, יריחו״, איז אין אמת׳ן ריכטיג אויך היינט. דאס איז דאך גאר קיין שטאדט נישט. איך בין אין יריחו. איז דאס טאקע יריחו, די פעסטונג פון מיין פאנטאזיע ?

מיר זיינען לעבען א קאפע.

— א טעפעל קאווע !

מען האט אונז געגעבען קאווע. די שטארקע טערקישע קאווע. נישט אזוי גיך ווי איך דערצייל. אויף קאווע דארף מען ווארטען אין יריחו א שעה, וואס וועלען זיי דארט אנצינדען א גאז אויוועז און איינס צוויי איז דא קאווע ? מען דערלאנגט א טעפעלע קאווע. איך טרינק עס אויס, און האב כאטש צו דערציילען : איך האב געטרונקען קאווע אין יריחו.

אוועקפאַרענדיג וואַרענט מען אונז : שודדים דרייען זיך אַרום אין געגענד. אַ סכנה. לאַבען מיר פון די שודדים. ווען מען איז אין ארץ ישראל און מען כאַפּט נאָך אַ גוטען שווים אין ים המלח, האָט מען נישט קיין מורא פאַר שודדים.

ווי מען לערענט מיט מיר „קבלה" אין צפת

אלץ האב איך געקענט ביישטיין אין ארץ ישראל נאר נישט טבריה. די „חמי טבריה" האבן מיך באזיגט. איידער כ'בין געקומען צו די חמי טבריה, בין איך געפאלן אן אפגעבריטער.

אין דער ווייטקייט דער כנרת, דער ים־פידעל. דער כנרת בארואיגט, שטילט איין. איך קוק און זוך „מרים'ס ברונען", וואס איז איינמיטען כנרת און זעט אויס ווי א זיפ. די ברונען וואס איז מיטגעגאנגען מיט די אידען איבער דער גאנצער מדבר און ערשט ווען דאס לאנד איז איינגענומען געווארען, איז זי אריין אין כנרת אריין. — אזוי האב איך געלערענט.

ווי איך בין נאר צוגעקומען נענטער צו טבריה, האב איך פארשטאנען ווי גרויס עס איז געווען דאס נס, וואס דער אויבער־שטער האט געטון מיט אברהם אבינו און מיט חנניה, מישאל ועזריה. פון א קאלד־אויווען, וואס הייסט טבריה, בין איך ארויס קוים מיט'ן לעבען, קראנק און צובראכען.

איך בין בייגעשטאנען די פייערדיגע זון פון חודש אב אין גאנץ ארץ ישראל. די יריחו היץ האט מיך נישט געקענט בייקומען, אבער נישט טבריה.

פארענדיג אין די גרויסע היצען, האט דער אטאמאביל, א פליענדיגער געמאכט א לייכט ווינטעל. און מען האט געקענט אי־בערטראגען. ווי איך בין אבער צוגעקומען צו טבריה, האב איך דערפילט ווי איך וואלט אריין אין א ברענענדיגען בארג. און דער פליהענדיגער אטאמאביל האט נאר אויפגעבלאזען דאס פייער, א פייערדיגער ווינט האט געבלאזען אין פנים אריין און פארשטיקט מיין אטעם.

איך האב געוואלט זיין באטש עטליכע שעה אין טבריה, איך

האָב אָבער געזען אַז מיינע כחות גיין אויס. און האָב צום שאָופער מיט די לעצטע כחות געשריגען:

— פאָרט ווייטער!

פאָרען מיר נאָך צפת. די וואונדער שטאָדט פון קבלה און מקובלים. עס טוט מיר באַנג טבריה, עס פאַרדריסט מיך, וואָס איך שטיי נישט לעבען כנרת, אָבער צפת, זאָגט מען מיר, איז דער היפך פון טבריה. דאָרט איז קיל, לופטיג. און עס איז דאָך עפּעס צפת!

אין צפת. מיר פאַרפאָרען אין גרעסטען האָטעל, גליל, הייסט ער. איך קען קוים אַריינגיין אין האָטעל און פאַל אַוועק אין צימער אָן כחות.

עס איז דער גרעסטער האָטעל אין צפת. אָבער אַך און ווי, וואָס פאַר אַן אכסניא דאָס איז! אין ארץ ישראל זיינען דאָ זייער שיינע, באַקוועמע האָטעלען. אָבער נישט אין צפת. דער בעל הבית פון „גליל” האָטעל איז — אַ בעל הבית'טע. אַ פרוי פון דייטש־לאַנד, וואָס האָט זיך דאָ באַזעצט און האָטעלעוועט.

אויסער עטליכע געסט האָבען מיר דאָרט געפונען צוויי שטוב מיידלאַך, דינערינס און אַ בחור, וואָס וואוינט דאָרט שטענדיג. קיין בעל הבית איז נישטאָ.

דאָס האָב איך ערשט שפּעטער געוואָר געוואָרען. פריער בין איך אין אַנטועכץ אַוועקגעפאַלען אויפ'ן בעט כמעט באַוואוסטלאָז.

איך שטיי אויף אין דער פרי, פיל שוין אביסעל גרינגער און באַלד זע איך אַז איך פיל גאָר גרינג — מען האָט מיך בע'גנב'עט. מיין גאַנץ פאַרמעגען, די אַמעריקאַן עקספּרעס "טשעקס„ און מיינע פאונטען פענס, האָט מען אַוועקגע'גנב'עט. עס בלייבט איך זאָל זיך באַזעצען אין צפת און לערנען קבלה. איך בין כמעט אָהן געלד.

איך רוף איינע פון די שטוב מיידלאַך, אַזאַ מיאוס'קייט האָב איך נאָך אין מיין לעבען נישט געזען. דערצו האָט זי נאָך אַ גלעזערען אויג אויך. צפת איז בעריהמט מיט אירע שיינע מיידלאַך חוץ מיט איר אַמאָליג קבלה גרויסקייט. איז אָבער

צו מיין מזל: קראַנק געווען, מ'האָט מיך בע'גנב'עט און אַ דינעריין, וואָס פאַרשלאָגט דעם טעם אויף טויזענט יאָר.

זי רעדט נאָך העברעאיש אויך. דייטש און העברעאיש. זאָג איך צו איר:

— מ'האָט מיך בע'גנב'עט.

— יאָ? — פרעגט זי מיך רואיג.

— וואָס זייט איר עפּעס אַזוי רואיג? — פרעג איך זי — מ'האָט מיך דאָך בע'גנב'עט אין אייער האָטעל.

— וואָס בין איך שולדיג? — שרייט זי — איך וועל אייך לאָזען אַרעסטירען, אויב איר וועט זאָגען, אַז איך האָב גע'גנב'עט.

די אַלע צרות פון פריער זיינען מיר ווייניג. וויל זי גאָר נאָך מיך אַרעסטירען אויך. אַז עס גייט אַזוי „גלענצענד", טראַכט איך, קען נאָך די מיאוס'קייט זאָגען, אַז איך האָב זי בע'גנב'עט און מיך טאַקע איינזעצען, שווייג איך מיט מיין טענה און בעט זי, זי זאָל מיר אַריינשיקען די בעל הבית'טע.

קומט נישט די בעל הבית'טע. די מיאוס'קייט דערציילט מיר אַז זי איז עפּעס נישט געזונד. און טאַמער וועל איך וועלען זאָגען, אַז זי האָט גע'גנב'עט וואָרנט זי מיך — מיט אַ קוויטש — וועט זי מיך אַרעסטירען.

איך האָב שוין מורא און זאָג, אַז כ'זאָג נישט, זי האָט גע'גנב'עט. זי האַלט אָבער אין איין קוויטשען און אויף העברעאיש. איך זאָל דאָס געדענקען. יענע רגע בין איך געווען דער גרעסטער שונא פון העברעאיש. אַ שיין לשון איז עס, האָב איך געטראַכט, אַז זי קוויטשעט אויף איר...

אַ פריינד מיינער איז אַוועק אין פּאָליציי און באַלד איז אָנגעקומען אַ חברה פּאָליציאַנטען מיט אַן עלטסטען. זיי האָבען געמאַכט אַ צייכנונג פון גאַנצען „האָטעל" און, נאַטירליך, פון מיין צימער אויך. האָבען מיך אויסגעפרעגט און מיר זיינען אַריין צו דער בעל הבית'טע. איצט איז זי שוין געווען געזונד, אַז זי האָט דערזען פּאָליציי.

— מ'האָט מיך בע'גנב'עט — זאָג איך איר.

— איך ווייס — זאָגט זי רואיג.

— ווי קענט איר זיין אַזוי רואיג, ווען מען באַ׳גנב׳עט אייערס אַ גאַסט ? — פרעג איך זי.

— מ׳האָט דאָך מיך נישט בע׳גנב׳עט — זאָגט זי — מ׳האָט דאָך אייך בע׳גנב׳עט.

אַ פּאָר שעה האָט געדויערט דאָס אויספרעגעכץ. ערשט דערנאָך זיינען מיר אַוועק אין פּאָליציי הויז. אַ הונדערט אַראַבער זיינען געווען פערזאַמעלט אַרום, מען האָט אַ סך צענויפגערופען אויף אַן אויספאָרשונג. איך האָב געדאַנקט דעם פּאָליציי-עלטסטען, ווען ער האָט געזאָגט, אַז איך קען שוין גיין. אַ שאָד די צייט.

די גנבה זוכט מען נאָך עד היום הזה.

אַזאַ „קבלה״ לעקציע האָב איך געהאַט אין צפת. מען האָט מקבל געווען פון מיין טאַש אַרוים אַלץ, וואָס כ׳האָב פאַרמאָגט.

— פאַרען מיר ? — פרעגען מיך מיינע חברים פּאַסאַזשירען

— מיר האָבען פאַרלוירען אומזיסט צייט און מען קען נאָך אונז אויך בע׳גנב׳ענען.

איך האָב אָבער שוין נישט קיין מורא געהאַט פאַר קיין גנבות, בין איך אַוועק אין אר״י׳ס שול.

אַ קליינע אַלטע געביידע. עטליכע אידען זיצען אינווייניג. דער שמש ווייזט אונז אויף אַן אָרט אין מזרח : דאָ האָט געדאַווענט דער אר״י הקדוש. ער וויל, נאַטירליך, פאַר׳ן זאָגען אַ מטבע. אַ דאַנק דעם גנב האָב איך נאָך געהאַט עטליכע מטבעות אין קעשענע און — דער שמש האָט נישט געקענט האָבען צו מיר קיין טענות.

מיט וויפיל דערוואַרטונג איך בין געפאָרען נאָך צפת. ווען איך האָב געקלערט וועגן צפת, האָט מיין בלוט געזאָדען אין מיר, איך וועל זיין אין אר״י הקדוש׳ס שול.

אָבער דער גנב מיט דער בעל הבית׳טע און איר דינערין האָבען מיך אַזוי צוקלאַפּט, אַז איך האָב שוין אין אר״י הקדוש׳ס שול גאָרנישט געקענט זען.

ווען איך בין אָבער אַוועק ווייטער פון מיין מזל׳דיגען האָטעל און אויף דער הויכער צפת׳ער ערד. האָב איך דערזען די וואונדערליכע בערג אַרום, האָב איך פאַרגעסען די אַלע ביטערנישען פון

טאָג. די בערג האָבען אָנגעהויבען רעדען צו מיר און אַנטפּלעקען סודות, סודות, וואָס איך האָב אַליין נישט געוואוסט וואָס זיינען זיי, אָבער פאַרבאָרגען, סודות׳דיג, האָבען די בערג גערעדט צו מיר. און נישט נאָר די בערג, נאָר דער הימעל איבער זיי—וואונדערליך סודות׳דיג.

איך האָב אַזוי געהאַט פאַרגעסען די גנבה, אַז מיר איז נישט איינגעפאַלען זיי צו פרעגען, אויב זיי ווייסען אין זייער סודות׳קייט דעם סוד פון מיין גנבה...

איך בין געגאַנגען אין די אָרימע אַלטע געסלאַך. אָרימקייט רעדט דיר אין די אויערן, שפּרייט זיך פאַר די אויגען. קומען מיר אויפ׳ן בית עולם. איך שטיי פאַר׳ן קבר פון ר׳משה קורדבירו, פאַר׳ן קבר פון אר״י ז״ל, פאַר׳ן קבר פון בית יוסף.

איינפאַכע, באַשיידענע קברים. אָרימע מצבות. שווייגענדיג בין איך געשטאַנען פאַר די קברים און געטראַכט:

די אָרימע קברים האָבען הונדערטער יאָרען באַלויכטען די אויגען פון אַ פאָלק, צעשפּרייט איבער דער גאַנצער וועלט. זיי באַלויכטען נאָך היינט און וועלען באַלויכטען יאָרען און יאָרען.

און איך בין געשטאַנען לעבען די דאָזיגע קברים.

— דאָרט — ווייזט מען מיר אין טאָל — איז דאָס קבר פון ר׳ פנחס בן יאיר.

איז עס? איז עס נישט? אָבער רואיג קענסטו נישט בלייבען.

— די קברים פילען אַז מיט שטורעם דיין האַרץ.

האָט מיך שוין נישט געאַרט די גנבה. איך זע דאָך אויך דעם חרמון.

שכם

שכם, די שטאָדט, וואָס איך האָב אַזויפיל געלערענט און גע־לייענט וועגען איר.

שכם איז איינע פון די „פּאָפּולערסטע" שטעדט, אָנהויבענדיג פון די חומש־צייטען ביז היינטיגען טאָג. האָט אונז אַלעמאָל גע־בראַכט צרות און מלחמות. נאָך היינט איז שכם די איינציגע שטאָדט אין ארץ ישראל וואָס צייכענט זיך אויס מיט שנאה צו אידען.

די לייט פון שכם האָבען ניט קיין שלום מיט די קינדער פון ישראל פון דור־דורות.

מיר וואָלטען, אייגענטליך, געדאַרפט פיינט האָבען שכם. די „פורעניות שטאָדט". אָבער זי איז דאָך אין ארץ ישראל, און ווי האָבען מיר געקאָנט פיינט האָבען אַ שטאָדט פון ארץ ישראל.

אין שכם זיינען אויך דאָ די צוויי בערג — דער הר גריזים און הר עיבל. שטייט דאָך גריזים־עיבל פאַר די אויגען פון חדר־אינגל, פון בית־המדרש בחור און פון דערוואַקסענעם אידען.

דאָס בילד ווי אַ פאָלק איז באַשוואוירען געוואָרען אויף דורות. די לויים טיילען זיך אויף בענטשערס און שילטערס. שטייען די בענטשערס און שילטערס צווישען די בערג. דאָס פאָלק אויף די בערג. עס בענטשען די לויים, אויף די ברכות פון די בענטשערס ענטפערט דאָס פאָלק אמן און אויף די קללות ענטפערט דאָס פאָלק אמן. דאָס פאָלק נעמט אויף זיך די שבועה פאַר די וואָס זיינען דאָ און פאַר די וואָס זיינען נאָך נישטאָ. די נישט־געבוירענע שווערען אויך.

טאָ ווי קאָן מען פיינט האָבען אַ שטאָדט וואו די צוויי בערג שטייען?

מיר האָבען אָבער מורא'דיג פיינט געהאַט די שומרונים, איינ־

וואוינער פון שכם. מיט וואסערע ווייטאגדיגע שנאה האט מען גע־לערענט פון די אייביגע מוסרים, פון די אייביגע בוגדים.

שפעטער איז די פיינטשאפט געווארען אפגעשוואכט. די שומרונים גייען אונטער. ווי קען מען געדיינקען שנאה צו אונטער־גייענדיגע ? א גוסס איז מען אלץ מוחל. דאס הארץ פון איינגע־שפארטסטען נוטר־שנאה ווערט ווייך פון רחמנות.

נאכמיטאג בין איך אנגעקומען נאך שכם. איך האב געהערט אז דא וואוינען נישט קיין אידען. אידען קאנען זיך דא נישט האלטען. האבען עטליכע געפרובירט דא זיך באזעצען און זיך געמוזט ארויס־קלייבען. די אראבישע שונאים פון דער אידישער נאציאנאלער היים האבען דא גאר א שטארקע, אויב ניט די שטארקסטע פעסטונג. פאלט נאר אריין א פונק מורא: אפשר איז דא א סכנה ?

אבער ווער טראכט אין ארץ ישראל פון סכנה ? אז איך האב געפילט די גאנצע צייט אזא העלדישען מוט אין זיך ! איך בין געווען זיכער, אז אין פאל פון א מלחמה, וואלט איך געלאפען אין דער ער־שטער שורה — אין שארפסטען פייער.

עס איז נישט געווען קיין סכנה. דא, ווי אומעטום, זיינען די אראבער אונז באפאלען — באקשיש! דאס אלץ.

א שטיקעל אונאנגענעמליכקייט האבען מיר דאך געהאט. דער ענגלישער פאליציאנט האט זיך געטשעפעט צו אונזער שאפער. עפעס איז זיין ערלויבניש נישט געווען אין ארדנונג. האבען מיר, אמעריקאנער, גאנץ איידעל געבעטען דעם פאליציאנט, ער זאל נישט מאכען קיין פראטאקאל. ער האט טאקי נישט געמאכט, האט זיך אבער גראב געבייזערט אויף אונז, וואס מיר וואגען בעטען אזא זאך. אמעריקאנער זיינען דא נישט קיין מיוחסים, האט ער אונז געזאגט.

נאך דעם ענגלישען פאליציאנטס אומהעפליכען קבלת פנים, אגב, דער איינציגער אין לאנד, זיינען מיר אריין אין מיטען שטאדט.

איך שטיי צווישען די צוויי בערג, דעם בארג פון בענטשען און דעם פארשאלטענעם בארג, מיינע בליקען שפרינגען פון בארג צו בארג.

דא האט מען מיך באשוואוירען
מיין עלטער זיידע האט דא געזאגט פאר מיר : אמן.

דאָ איז דער בונד פאַרקניפּט געוואָרען פאַר מיר און מיינע קינ־דער און קינדס־קינדער.

איך קוק און איך זע :

די קללה שפּרייט זיך אויס אויף דעם באַרג עיבל און די ברכה רוט אויף דעם באַרג גריזים. נאַקעט איז דער באַרג עיבל, וויסט. באַ־וואוינט איז דער באַרג גריזים.

עס איז שווער פאַר די וואָס שטייען צווישען די צוויי בערג צו הערען שטימען פון די בערג אַראָפּ. אַזאַ הויך, אַזאַ ווייטקייט. אָבער ווי איך שטיי זעה איך דאָס בילד און הער די שטימען :

ברוך, געבענשט זאָל זיין דער וואָס וועט מקיים זיין.

רינגלען אונז אַרום אַראַבער, גרויס און קליין. חוץ באַקשיש ווילען זיי פאַרדינען געלד דורך מי, זיי ווילען אונז ווייזען אַלץ וואָס עס איז דאָ צו זעען.

דערווייל הויבט מען אַן רעדן צו אונז העברעאיש. אַ דערוואַק־סענער און אַ אינגעלע.

— ווער זיינט איר ?

— שומרונים.

און אויב נישט שנאה איז דאָך כאָטש פרעמדקייט? ניין, אויך קיין פרעמדקייט האָב איך נישט געפילט צו זיי. נאָר גאָר נאָענטקייט. מיט אַ מינוט פריער זיינען זיי מיר געווען פרעמד, געמיינט, זיי זיינען אַראַבער, איצט זיינען זיי מיר געוואָרען נאָענט, אַ וואַרימקייט האָב איך דערשפירט צו זיי, זיי זען אויס ווי די אַראַבער, גייען אָנ־געטון ווי זיי, דאָך זיינען זיי מיר נעענטער.

דער דערוואַקסענער, אַ מאַן פון זיבען און צוואַנציג יאָר, הויך, שיין, זעט אויס אַ יאָר פינף און דרייסיג, דאָס צוועלף יעריגע אינגעלע האָט טויזענט חן, אים קריג איך ליב.

לויפט צו נאָך אַ אינגעל און זאָגט אויף העברעאיש, אַז ער איז אַ איד. בייזערט זיך דאָס שומרוני אינגעל און שרייט :

— לאַ ! לאַ ! שקר ! הוא גוי ! — און צום אַראַבער אינגעל אויף אַראַביש, ער זאָל אַוועקגיין — גוי ! גוי !

מיט כעס און שטאָלץ שרייט ער :

— גוי ! גוי !

דער דערוואקסענער שמייכעלט, באשטעטיגט דאס און זאגט:

— צווישען דער גאנצער גרופע זיינען זיי צוויי „אידען", די אראבער זיינען „גוים", זיי זיצען אבער מיט זיי, לעבען בשלום.

זיי נעמען אונז אויפ'ן הר גריזים. א מחנה אראבער לויפען אונז נאך. אומעטום אזוי, די נאכלויפער קומען דערנאך מיט א בארעכטיגטער טענה, אז זיי קומט אויך א באלוינונג.

דורך שמאלע געסלאך מיט געמויערטע דעכלאך איבער זיי גייען מיר, עס איז האלב פינסטער, מיר גייען העכער און העכער, ביז מיר קומען אין שומרונים קווארטאל. די שטובען זיינען אין וואנט פון בארג. פון די דעכער קוקען אויף אונז פרויען און מיידלאך, קוקען נייגעריג, מיר באגריסען זיך מיט זיי אויף העברעאיש. זיי ענטפערען צוריק, א כישוף־בילד, פון דעכער קוקען די מזרח־מיידלאך.

דער זיבען און צוואנציג יעריגער שומרוני זאגט מיט טרויער אז ער האט נאך ניט חתונה געהאט, זיי האבען ווייניג פרויען. האבען זיי חתונה נישט יונג. די אידען זיינען זיך נישט משדך מיט זיי. מוז ער ווארטען ביז א מיידעל וועט אויפוואקסען פאר אים. אמאל מוז איינער ווארטען ביז א מיידעל ווערט געבוירען און אויסוואקסען. ער רעדט טרויעריג און דאס אינגעלע, וואס איז ביז איצט געגאנגען פאראויס א טאנצענדיגער איז געווארען טרויעריג.

— וואלסטו חתונה געהאט מיט אונזערס א מיידעל? — פרעג איך דאס אינגעל, וואס אראבער אין זיינע יארען האבען שוין עטלאכע ווייבער.

מיט אן אומעטיגען שמייכעל ענטפערט ער:

—בודאי! איך וואלט נישט גענומען קיינמאל נאך איינע צו איר!

ער איז דעם „כהן גדול'ס אייניקל". א מיוחס.

מיר קומען אריין אין א שומרוני שטוב. און וואס פאר אן ארימקייט דארט איז דא! עס איז אבער ריין. א ליידיקע שטוב. א שטרויענע פלאכטע ליגט אויסגעלייגט אויף דער פאדלאגע און דאס איז אלץ.

מען פירט אונז אריין צום כהן גדול, א הויכער אלטער מאן מיט א ווייסע בארד נעמט אונז אויף, לעבען אים שטייט דער שמש.

מיט ערפורכט שטייט דער שמש פאַר'ן כהן גדול. דער כהן גדול רעדט צו אונז אַ ריינעם העברעאיש. ביי אים איז שוין דאָ אַ רייכע וואוינונג. שוין דאָ אַביסעל זיידענס אין הויז. אָבער זיין רייכקייט אויף שונאי ישראל געזאָגט געוואָרען.

מיר זעען נישט אין הויז קיין פרויען. זיי זיינען אויפ'ן דאַך און קוקען אויף אונז נייגעריק.

— מיר זיינען אָרים, ברודער, זייער אָרים — זאָגט דער כהן גדול. מיר האָבען דאָ אַ בית-ספר. די אידען האָבען אונז געשיקט אַ לערער, ער איז איצט גראָד נישטאָ אין שכם, עס איז וואַקאַציע, איז ער אַוועקגעפאָרען. מיין אייניקעל, ווייזט ער אויף דעם איינגעל, לערענט אויך ביי אים. מיר זיינען דאָך ברידער.

איך האָב אים געגעבען עטליכע דאָלאַר און ער האָט אונז אריינ־געפירט אין „שול". זיי האָבען אויסגעטון די פאַנטאָפעל. מיר זיינען אריין אין די שיך.

קליין, ענג און פינסטער איז די „שול". עס זעט אויס ווי אַן אַלט שטאַל. זיי צינדען אָן צוויי ליכט און נעמען אַרויס דאָס ספר תורה, אַלט-אַלט, פאַרגעלט-ברוינער פאַרמעט מיט דעם אַלט עברי'שן כתב. זיי ווילען האָבען אַז משה רבינו האָט דאָס געשריבען. גלויב זיי נישט, לייקען עס אָפּ. וועמען אַרט דאָס? אַלט איז עס, וואָס פאַר אַן אַלטקייט עס מורמעלט אַרויס פון די פאַרמעטענע יריעות!

דאָס כתב איז אונז פרעמד. איך בעט דעם כהן גדול ער זאָל לייענען פאַר מיר עטלאָכע פסוקים. ער לייענט און איך הער באַ־קאַנטע פסוקים. אַמאָל האָבען דאָך אידען געהאַט דאָס כתב. עזרא הסופר האָט דאָס אָפּגעשאַפט. באַלד דריטהאַלבען טויזענט יאָר ווי מיר האָבען אָפּגעשאַפט די שריפט. אָבער אַ רעשטעל איז גע־בליבען. עס האָט נאָך אַלץ אַ קיום דאָס דאָזיגע כתב.

זייט אַ העלד טוט נישט אַ ציטער, ווען איר זעט דאָס אַלטע עברי־כתב פאַר אייערע אויגען.

שטייט אַ מענטש וואָס זיין העכסטע לעבענסצייט איז הונדערט מיט צוואַנציג יאָר פאַר אַ כתב, וואָס איז אַלט טויזענטער יאָר, דאָס כתב איז אַמאָל געוועזן זיינס, וויל ער מיט די אויגען אָנגע־שטרענגטע וואַרפען בליקען אויף די פאַרפלויגענע טויזענטער יאָרען.

זיי לאָזען פאַרבייגיין. קען ער זיי זעהן? ווי קען אַז אויג זיי זעהן? ווערט דאָס האַרץ אומעטיג פון נישט קאָנען זעען.

דער שמש גיט אונז דעם כהן גדול׳ס בילד און אַ בילד פון זייער „בית המקדש“, מיר פאַרשטייען, אַז דאָס איז אַן אָנצוהער־רעניש, מיר זאָלען עפּעס איבערלאָזען פאַר דער אָרימער „שול“. טוען מיר אַזוי.

זיי זיינען ווייניג און אָרים. אַ הונדערט און פופציג נפשות. אפשר וואָלט געווען גלייכער אַז מיר זאָלען זיי אַריינגעמען צו אונז, זאָלען זיי זיך אויסמישען מיט אונז. מיר האָבען אייביג געהאַט פון זיי געברענטע צרות. איצט זיינען זיי אומשעדלאַך, אָבער וואָס קאָן מען וויסען? זיי זיינען דאָך אַ שעדליכע, אַ געפערליכע טראַדיציע פאַר אונז. אין דעם נייעם לעבען אויסצומיידען צרות, איז אפשר בעסער זיי צו פאַרשלינגען און — אַראָפּ פון מאַרק מיט אַ שונא פון דריט־האַלבען טויזענט יאָר?

אַרויסגייענדיג איז אונז געקומען אַנטקעגען אַ מיטעלער פּעטער מאַן, ער האָט אונז שטאַרק געבעטען מיר זאָלן אַריינגיין אין זיין שטוב, ער איז דעם כהן גדול׳ס זון. ער שטייט אונטען און בעט אונז. מיר זאָלען אַריינגיין. פון דאַך אַראָפּ קוקט זיינס אַ ווייב צו אונז אַ שווייגענדע.

זיי זיינען אַלע איין משפּחה. אַלע „כהנים“. איך דערפיל אַ רחמנות אויף זיי. ווי טויט אָרים זיי זיינען! ווי זיי קעמפען נישט אונטערצוגיין.

מיט דריטהאַלבען טויזענט יאָר האָבען זיי געוואָלט ווערען אַ טייל פון אונז און מען האָט זיי נישט געוואָלט אויפנעמען. און אויב מען האָט זיי ביז היינט נישט אויפגענומען, קלער איך, זיינען מיר דאָך גערעכט. אויב אַ פאָלק וויל טויזענטער יאָרען ניט אויפנעמען אַ שבט, וואָס בעט זיך ביי אים אַריינגענומען צו ווערען, ווייס מסתמא דאָס פאָלק, אַז עס טאָר זיי נישט אַריינגעמען.

אָבער אַ רחמנות איז אויף זיי.

זיי וואוינען תמיד אויפ׳ן באַרג גריזים. יעדן טאָג שטייען זיי, גייען זיי צווישען די צוויי בערג, אויף דעם אָרט פון אונזער שבועה,

און זיי זיינען נישט פון די באַשוואוירענע. אַ גליקלאַכער, שטאָל־צער, בין איך געגאַנגען צווישען די צוויי בערג און געטראַכט:

זיי האָבען אונז גע׳מסר׳ט, געהאָלפען אונזערע שונאים, און זיי זיינען אַזוי קליין, אַזוי ווייניק. מיר זיינען גרויס און שטאַרק, זאָלען זיי בלייבען אַזוי, אַ רעשטעל. און זיין דער עדות פון אונזער שטענדיגען קיום און זייער אונטערגאַנג.

צוטיילענדיק באַקשיש האָבען מיר זיך קוים אַרויסגעריסען פון שכם. און טאָמער האָט אַן אַראַבערעל געוואָלט זאָגען, אַז ער איז אַ שומרוני, און גערעדט אַביסעל העברעאיש, האָט דאָס שומרוני אינגעל געשריגען: — לאַ! לאַ! שקר! — און אים אָוועקגעשטופט בייז מיט פאַרדרוס — הוא גוי! גוי! גוי!

אָרים שומרוני אינגעל! וויים ער נעבאַך, נישט, אַז פאַר אונז איז ער אויך אַ גוי.

אַמאָל, זיינע אבות אבות, זיינען געווען פאַר אונז און צו אונז נאָך ערגער ווי גוים.

זיי גייען אונטער. אונזער קיום איז שטאַרק, אייביק.

איך, אַן אוראייניקעל פון די גע׳מסר׳טע האָב געגעבען צדקה צו די אייניקלאַך פון די מוסרים, די וואָס האָבן גע׳מסר׳ט מיינע עלטער זיידעס.

דותן

דותן, דותן ! וואס פאר א וואונדער מעשה דו האסט מיר דערציילט ווען כ'האב דיך געזען !

איך האב אויסגעזונגען דיין נאמען מיט'ן חדר ניגון, דעם ניגון פון מיין רבי, וואס האט מיט מיר, א קינד פון פיר יאר געלערנט וועגן דיר.

ווי חלום'דיג טייער איז דער ניגון פאר מיר! א ניגון וואס זינגט הארציג דרייסיג יאר אין מיין בלוט.

מיין מויל האט געזונגען איצט דעם ניגון זעענדיג דיך, דותן. מיין הארץ האט אים געזונגען, מיינע אויגען האבען געזונגען קוקענדיג אויף דיר, דותן.

חדר קינדער ! קומט אהער, רינגעלט מיך ארום און זינגט אויס מיט מיר דעם ניגון :

„כי שמעתי, ווארום איך האב געהערט, אומרים, זיי זאגן, נלכה, לאמיר גיין דו—תי—נה, נאך דו—תן, וילך, און ער איז געגאנגען, יוסף, יוסף, אחר, נאך, אחיו, זיינע ברידער. וימצאם, און ער האט זיי געפונען בדו־תן, א־י־ן דו ־ ־ ־ ת ־ ן ".

נישט קיין פרייליכער ניגון. אן אומעטיקער. פול צער די קינדערשע הערצער אויף יוסף'ן וואס זיינע ברידער האבען אים פארקויפט.

א גרויסע סטאדע שאף איז פארשפרייט אויף דעם פעלד. מאדנע שאף. איז דאס שאף? איז דאס ציגען? ברוין שווארצע האר, דארע ווי זייער פאסטוך, אנגעשפארט אויף זיין לאנגען שטעקען שטייט דער פאסטוך. און ארום אים שפרינגען, שפרייטען זיך די שאף.

שפרייט זיך די סטאדע שאף פאר מיינע אויגען, און עס שפרייט זיך דאס אלטע בילד —

יוסף'ס ברידער פאשען זייערע שאָף אין דותן. יוסף קומט זיי זעהן... און זיי פארקויפען אים...

זיצט דאָס אינגעל אין חדר און לערענט :

יעקב האָט ליב געהאַט יוסף'ן מער פון אַלע זיינע ברידער. און ער האָט געמאַכט אים אַ זיידען העמדעל, און די ברידער האָבען אים מקנא געווען און פיינט געקראָגען.

צוועלף זין זיינען געווען ביי איין טאַטע. האָט דער טאַטע איינעם ליב געהאַט מער פון אַלע אַנדערע. האָבען די אַנדערע ברי־דער אים דאָס נישט פארגונען און פיינט געהאָט.

און עס האָט דער געליבטער זון גע'חלום'ט אַ חלום, אַ חלום מיט גאַרבען. אַלע ברידער בינדען גאַרבען, אַלע גאַרבען רינגלען ארום זיין גאַרב און בוקען זיך צו אים.

און די ברידער האָבען אים נאָך מער מקנא געווען און נאָך מער פיינט געקראָגען.

און עס האָט זיך אים גע'חלום'ט נאָך אַ חלום. און עס בוקען זיך צו אים די זון, די לבנה און עלף שטערען.

און דער פאָטער האָפט אין דער שטיל עס זאָל מקוים ווערען דער חלום.

און די ברידער האָבען אים פאַר דעם נאָך מער פיינט.

און די ברידער זיינען אַוועק פאַשען די שאָף. און מען האָט נישט געהערט פון זיי. האָט דער טאַטע געשיקט זיין געליבטען זון ער זאָל געוואָר ווערען דעם פרידען פון זיינע ברידער.

און ער איז געגאַנגען זוכען די ברידער. און אַז ער האָט זיי נישט געפונען, האָט מען אים געזאָגט, אַז זיי זיינען אין דותן.

„כי שמעתי, ווארום איך האָב געהערט, אומרים, זיי זאָגען, נלכה, לאָמיר גיין, דותינה, נאָך דותן.

דאָ הויבט זיך אָן דער גרויסער צער פאַר'ן חדר קינד. די ברידער האָבען פון אים אַראָפּגעצויגען דאָס זיידענע העמדעל, זיי האָבען אים אַריינגעוואָרפען אין גרוב אַריין און האָבען אים פאַר־קויפט פאַר אַ קנעכט צו די ישמעאלים און צו די מדינים.

און דער טאַטע האָט געוויינט און באַקלאָגט זיין זון יאָרען לאַנג.

וויפיל טרערן האָט דאָס חדר קינד פאַרגאָסען אויף יוסף׳ס צער.

דער רבי האָט דערציילט:

די ישמעלים האָבען געפירט יוסף׳ן מיט זיך, און ער איז פאַר־בייגעגאַנגען זיין מאַמע רחל׳ס קבר. האָט ער זיך געוואָרפען אויפ׳ן קבר און געוויינט.

— מאַמע! מען האָט מיך פאַרקויפט פאַר א קנעכט!

און דאָס חדר קינדערשע הארץ איז צעריסען געוואָרען אויף שטיקער.

— אָט איז דוחן — זאָגט מען מיר.

א מורא׳דיקער געפיל האָט מיך דורכגענומען. דאָס איז דוחן? דאָס איז דאָס אָרט וואו יוסף האָט געפונען זיינע ברידער? און דאָ האָבען זיי אים פאַרקויפט?

דאָס חדר האָט א שוועב געטון פאַר מיינע אויגען. איך האָב זיך געזען זיצען מיט נאָך אינגלאַך אין די ווינטער אָוונטען ביים רבי׳נס טיש און לערנען די פרשה פון מכירת יוסף.

מיר זיינען געשטאַנען אינגלאַך יום כפור ביי דער עבודה און געזאָגט די „עשרה הרוגי מלכות“.

דער צורר האָט גענומען די צען גרעסטע תנאים און זיי דן געווען מיט די גרעסטע יסורים, ווייל די ברידער האָבען פאַרקויפט יוסף׳ן.

מיר האָבען געוויינט זאָגענדיג די „הרוגי מלכות“, די טאַטעס האָבען געוויינט און די זיידעס האָבען געוויינט.

עס האָט פאַרדראָסען אויף די ברידער, זיי האָבען געבראַכט יסורים נישט נאָר אויף יוסף׳ן נאָר אויך מיט טויזענטער יאָרען שפּעטער אויף די עשרה הרוגי מלכות.

שמעון׳ען האָט מען פשוט פיינט געהאַט. אויף ראובן׳ען איז מען געווען אין כעס פאַרוואָס האָט ער נישט געהיט יוסף׳ן אין גרוב. און יהודה?—פאַרוואָס ער האָט געהייסען פאַרקויפען.

איז דאָס נישט געווען א מעשה פון פאַרצייטענס. נאָר א בייזע צרה פון אונזערע טעג. ווי עס וואָלט געשען פאַר אונזער אויגען.

יאָרען זיינען אַוועק פון יענער קינדערשער חדר צייט, אַוועק

איז אויך די צייט פון יענעם אינגעלשען געוויין ביי די עשרה הרוגי מלכות.

ווען איך בין געשטאַנען איז דורטן, האָב איך אַלץ איבערגע־לעבט פריש, די חדר־ווינטער־אָווענטען, די יום־כפּור׳דיגע עבודה׳ס. דאָס הארץ איז געוואָרען פול איבער די ברעגען.

איך בין אין דורטן, איך בין אין דורטן.

דאָ האָבען די ברידער פאַרקויפט יוסף׳ן צו די ישמעאלים פאַר אַ קנעכט.

איצט שטיי איך דאָ.

יאָרען טויזענטער זיינען אַוועק. איך שטיי איצט און זע אַ סטאַדע שאָף פיטערען אין דורטן.

קענט איר פאַרשטיין וואָס איך האָב געפילט ?

אַ איד פאָרט פון אַמעריקאַ נאָך דורטן.

נצרת

הויבען מיר זיך אויף אויף די בערג און פארען נאך נצרת, די קריסטליכע שטאדט.

פליט אונזער מאשין פינף־און־זיבעציג קילאמעטער א שעה אויף די בערג. פליט אויף די ראנדען פון די בערג. איין פאל־שער דריי מיט'ן רעדעל און די מאשין וואלט זיך געדרייט אין כף־הקלע, געמאכט קאזשעלקעס, בארג־אראפ, בארג־ארויף און ביז זי וואלט געקומען אין טאל אריין, וואלט זי צופאלען אויף פיצלאך.

ווייס דאס דער פאסאזשיר אין דער מאשין, ארט אים אבער גארנישט די סכנה. אין ניו יארק איז מען נערוועז, ווען א שאופער פארט אומפארזיכטיג, אבער נישט אויף די ארץ־ישראל בערג.

דאס בילד ארום פארכאפט דאס אויג און הארץ אינאיינעם און מען זעהט נישט די סכנה, מען פיהלט נישט די געפאר.

פלי איך אויף די בערג, אהן פליגעל, אין אן אטאמאביל, פיהל זיך אלץ פויגעל־פריי, און אראפקוקען א פליענדיגער אי־בער'ן עמק, איז דאס שענסטע בילד, וואס די אויגען קענען זעהן.

פון דער שטייגענדיגער און פליענדיגער הויך זעהט מען דעם ברייטען גלייכען טאל א פיל־פארביגען, א באגרינטען, א בליענ־דיגען, א וואונדער־גארטען, א געבענשט פעלד.

דאס פילפארביגע, דאס גרינע, דאס בליענדיגע, דער שיינער גארטען און געבענשט פעלד איז אידיש, די שאפונג פון אידישע הענט, ווערט מיר אלץ טויזענד מאל נענטער און אין בלוט קוואלט אריין א זינגענדיגע פרייד.

מען האט מיך געפרעגט :

— קענט איר אונז זאָגען אין עטליכע ווערטער וואָס איז ארץ־ישראל ?

— יאָ, אין איין וואָרט : אַ נ ד ע ר ש .

אויף פאָרטיגיזיש לשון מיינט דאָס : ארץ־ישראל איז אַנדערש פון אַלע לענדער.

און מען האָט מיך ווייטער געפרעגט :

— וואָס האָט איר געפונען אין ארץ־ישראל ?

— פרייד — האָב איך געענטפערט, — פרייד.

איך האָב נאָך קיינמאָל פריער און אין ערגעץ נישט געפונען אַזוי פיל פרייד און אַזאַ וואונדערליכע ווי אין ארץ־ישראל. די ארץ ישראל פרייד איז אין מיין בלוט אריין. זי איז אין מיר, ווען איך רייד, ווען איך טראַכט פון ארץ־ישראל וואַקסט אויס די דאָזיגע פרייד פרישער און שטאַרקער אין מיר.

פליען מיר אויף די ראַנדען פון די בערג, שאַרף פאָרדרייט. שמאָל איז דער ראַנד, און פלי, זארגלאָזער מענש, פלי ווי דער פויגעל פריי פליט.

פון ווייטען דערזעהען מיר אַ שטאָדט. קלויסטערס, פעסטונגען, מאָנאַסטירען.

מיר קומען אריין אין נצרת.

אַ הייליגע שטאָדט פאַר קריסטען. קיין אידען וואוינען נישט דאָרט. און איך זעה דאָרט אַ סך העברעאישע שילדען. נישט נאָר פון רעגירונגס־הייזער, נאָר אויף געוועלבער. די קריסטליכע אראַבער האָבען אויף זייערע געשעפטען העברעאישע שילדען.

עס איז אַ שטאַרקער סימן פון אידישען כח אין ארץ־ישראל. אפילו נצרת מוז האָבען העברעאישע שילדען. קיינער צווינגט נישט די קריסטען דאָס צו טאָן. עס לוינט זיך זיי פון מסחר וועגען.

מיר ווערען ארומגערינגעלט פון אַלע זייטען. ווי אַ מחנה בינען באַפאַלען אונז די אראַבער, מענער, פרויען און קינדער.

אַ טויץ פאַרשוינען, גרויסע און קליינע, ווילען אונז פירען

ווייזען אלצדינג. פרויען ווילען אונז פארקויפען האנד־שטיקע־רייען, מענער ווילען אונז פארקויפען בילדער, פאטשערקעס, און באקשיש וויל איטליבער.

הונדערטער הענט זיינען אויסגעשטרעקט צו אונז. הענט מיט שטיקערייען און ליידיגע הענט, וואס רייסען באקשיש.

זיי רעדען אלע שפראכען, העברעאיש אויך, זיינען גרייט צו לויפען אין פייער און וואסער, אבי באקשיש, באקשיש.

צווישען די, וואס ציען אויס די ליידיגע הענט נאך באק־שיש, האט איר קליינע און גרויסע, וואס זיינען קינסטלער אויף ווייען. ענטפערט איר נישט גלייך מיט א מטבע אויף דער ליידיגער האנט, הויבען זיי אן צו וויינען, קלאגען יאמערליך, צו רירען אייער שטיינערן הארץ.

ווערט אבער באלד א מהומה, א קוויטשעריי אויף אראַ־ביש. די וואס זיינען נישט קיין מייסטערס אויף וויינען, ווע־רען בייז אויף די וויינערס, זיי זעהען דאך, אז זיי וועלען פאר־לירען זייער לעצטע האפנונג צו קריגען א נדבה, וויל טאמער וועט עמיצער שוין יא געבען באקשיש, וועלען דאס קריגען די וויינערס.

קריגען זיי זיך, רייסען זיך ארום. די וויינערס וויינען און די אנדערע שרייען אז די וויינערס נארען מיט זייערע וויינע־רייען.

— פיר וואכען האב איך געשטריקט דאס צוועלעבעל, —זאגט אן אראבערקע — קויפט דאס.

אן אנדערע דערציילט, אז זי האט געארבייט אויף דעם צוועלעבעל א פערטעל יאר.

מען ווערט נישט פטור פון זיי ביז מען קויפט עפעס און מען טיילט באקשיש.

אן אראבער האט אונז געריסען אין זיין פאבריק. ער וועט אונז ווייזען וואונדער. מיר האבען אבער נישט געוואלט גיין. ער וואלט אונז ניט ארויסגעלאזט, סיידען מיר וואלטען אים איבערגעלאזט עטליכע דאלאר.

מיר זיינען אַוועק צו דעם קלויסטער, וואו מען זאָגט, אַז יעזוס האָט אויף דעם אָרט געאַרבייט.

אַריינגיין קען מען נאָר דורך אַ קליין נידריג טירעל. מען מוז זיך איינבויגען און אַריינקריכען. אַ פּוסטער קלויסטער. אַן אַלטער, מען האַלט אים בסדר אין פאַררוכטען.

—אָט דאָס איז דאָס „אָרט“ — ווייזט אונז אָן דער אַראַבישער וועגווייזער.

עס קען זיין. וואָס אָרט עס מיך יאָ אָדער נישט? מען קען אויך זאָגען, אַז אַמאָל איז אויף דעם אָרט געווען אַ גאָרטען פון טייטעל־בוימער. מאַלע וואָס מען קען אַלץ זאָגען?

נאָר טאָמער איז טאַקע דאָ אַ ברעקעל אמת אין דעם. אויף אַ רגע ווען איך טראַכט וועגען דעם גיט איר אַ ציטער און איי־ער ציטערניש זאָגט:

— איז דאָ אַמאָל געשטאַנען דער, וואָס האָט געבראַכט אַזוי פיל שנאה אויף אונז, די בייזע שנאה, וואָס ברענט אונזער לייב שוין באַלד צוויי טויזענד יאָר?

דער וועגווייזער האָט אונז געוואָלט ווייזען מאָנאַסטירען און נאָך קירכעס. איך האָב שוין אָבער נישט געוואָלט גיין זיי אָנקוקען. געננג דער איינציגער קלויסטער.

מיט אַ געדריקט געמיט בין איך אַוועק פון נצרת.

אין אויפגעלעבטן עמק

עין חרוד

א

מיר זיינען נאָך געווען אַ מהלך פון עין חרוד און דערזען גרויסע, הויכע סטאָגעס תבואה. עס האָט מיך דערמאָנט די פולע געבענשטע סטאָגעס קאָרן, ווייץ, גערשטען און האָבער אין די דערפער אַרום אונזער שטעדטעל.

אין אונזער געגענד האָט מען נישט געזען קיין אידישע סטאָגעס תבואה. אַלץ האָט געהערט צו נישט־אידען. די גרויסע תבואה־בערג האָבען אונז, קינדער, געצייצט, געמאַניעט און געצויגען. עס האָט זיך געוואָלט אַרויפשפּרינגען אויף די הויכע סטאָגעס און טאַנצען אין דערהויך.

זיינען זיי אָבער נישט געווען אונזערע. אויף אַ פרעמדען סטאָג תבואה טאָר מען נישט קלעטערען, טאָר מען נישט שפּרינגען.

דער פויער האָט בייזע הינט און זיי בילען און ווילען בייסען.

האָבען מיר, אידישע קינדער, מקנא געווען די פויערישע קינדער, — זיי האָבען סטאָגעס, זיי קלעטערען אויף זיי, זיי שפּרינגען אויף זיי.

מיר האָבען געזען די פויערים דרעשען די תבואה, מיט די דרעש־העלצער קלאַפּען זיי אויף די זאַנגען, ס'שפּרינגען קערנער אין דער הויך, האָבען מיר זיי מקנא געווען, זיי דרעשען און מיר נישט.

מיר האָבען זיי געזען ווינדשויפּעלען די תבואה, מיט גרויסע שויפעלען אָנגעשעפּט קערנער מיט פּלעווס, און געשפּריים פאַר'ן ווינד. די קערנער פאַלען אַראָפּ און די פּלעווס פליען אוועק.

אַזוי דרייצענד. מיר, אידישע קינדער, קענען דאָס נישט טאָן.

אונז האָט געצויגען דאָס שפּילעוודיגקייט. אָבער מיר האָבען דאָך געוואוסט, אַז דאָס אַלץ קומט פון דעם, וואָס מיר האָבען נישט קיין פעלדער.

און מיר האָבען געבענקט צו האָבען גערטנער, פעלדער, מיר וואָלטען דאָך געהאָט אַלץ.

אַז איך בין געווען אַ שטיק וועג פון עין חרוד, און האָב דער־זען די סטאָגעס, האָב איך זיך דערמאָנט אין מיינע קינדערישע בענקשאַפטען נאָך סטאָגעס תבואה.

מיר זיינען שוין אויפ'ן שמאָלען שטעג צו עין חרוד, ביים אריינגאַנג. עס פאָרען אַן עטליכע פורען. אויף די פורען זיצען עין חרוד'ער.

אַזעלכע פורען האָב איך אַלעמאָל געזען אין אונזערע דער־פער. אָבער די וואָס זיצען אויף די פורען דאָ, זיינען אַזוי אַנ־דערש. קוקען זייערע אויגען פייערדיג, פלאַם־פייערדיג, שלהבת־קודש'דיג.

זיי ווייסען עס אפשר נישט. זיי טראַכטען זיכער נישט דער־פון. מיר זעהען דאָס.

אַ גרויסער ישוב. אַ גרויסע צאָל הייזער. גייען דורך מע־נער, פרויען, יוגענד, יוגענד. איינפאַך, באַשיידען, אָבער זיכער און ערנסט.

מיר גייען אריין אין ביבליאָטעק. דריי יונגע לייט נעמען אונז אויף, איינער פון זיי — דער מזכיר, דערציילט אונז אַלץ. זיי פירען אונז איבער עין חרוד.

מיר זעהען די מאַפּע פון עין חרוד. אויף דער מאַפּע איז פאַר־צייכענט וויפיל תבואה פון דעם סאָרט און וויפיל פון אַן אַנדערען מין איז פאַרזייט געוואָרען.

אויף דער מאַפּע קוקענדיג, ווייס מען נישט ווי דאָס ווערט גע־טאָן. אָבער ווען איר קוקט אויף דעם גרינעם, גרינעם ארום, ווי עס שפּרייט זיך דער וואונדערליכער עמק, ארומגערינגעלט פון די וויסטע בערג, קען מען פיהלען אַ הונדערטסטעל פון דער מסירות נפש'דיגע אַרבייט, וואָס די עין חרוד'ער טוען.

וואָס פאַר אַ וואונדערליכען און שווערען קאַמף עס פירען די עין חרוד'ער. אַ קאַמף מיט דער ערד, די פּאַרוואַרלאָזטע און אַ קאַמף מיט קדחת.

די יונגע העלדען זיינען שטאַרקער, זיי זיגען. זיי באַזיגען די ערד. צווינגען זי געבען ברויט. און זיי צווינגען דעם מלאך־המות פון קדחת ארויסצוגיין פון דאָרט.

יונג איז דאָס נייע עין חרוד. אָבער איך הערט וויפיל קדחת קראַנקע עס זיינען געווען די ערשטע טעג און וויפיל פאַלען עס זיינען דאַ היינט, נאָך עטליכע יאָר, זעט איר דאָס מעכטיגקייט, די מעכטיגע עקשנות, וואָס יעדער עין חרוד'ער האָט אין זיין בלוט.

די אַראַבער וואָס האָבען געוואוינט אין יענער געגענד, זיינען אויסגעשטאָרבען פון קדחת, פּראָסט פשוט, אַ דאָרף, אַ שבט אַז אַראַבישער איז געפאַלען ביז'ן לעצטען, חרוב געוואָרען איבער קדחת און עס רייניגען אוים די אידישע יונגע לייט עין חרוד פון דעם טויט און שאַפען דאָרט אַ וואונדערליך געזונט לעבען.

זיי האָבען אויסגערייניגט דעם קוואַל, די רערען און די ריי־נעס, וואָס זיי האָבען פאַרלייגט — קוקט און וואונדערט זיך. זיי האָבען דאָך דאָס געטאָן איבער נאַכט.

הונדערטער, הונדערטער יאָרען פריער ביז זיי זיינען געקומען, איז דאָרט געווען אַ סכנה צו זיין. איין שבט נאָכ'ן צווייטען פון די אַראַבער איז אומגעקומען. זיי היילען דאָס לאַנד און היילען זיך אַליין.

אַ פיר הונדערט זיינען זיי, די עין חרוד'ער. אָבער אַזעלכע פיר הונדערט קענען באַזיגען פיר הונדערט טויזענד אַנדערע. איך האָב זיך דערמאָנט דעם פסוק: „אחד ירדוף אלף ושנים יניסו רבבה".

קיין געלד איז נישטאָ אין עין חרוד. עס איז נישטאָ קיין מקח וממכר. אַלץ וואָס מען ברויך מאַכט מען אַליין. נישט נאָר אויף עסען, נאָר אויך מלבושים.

איר זעט די שיך פון עין חרוד'ער ? נישט נאָר איז דער שוך געמאַכט געוואָרען פון דעם אייגענעם שוסטער, נאָר אויך דאָס לעדער איז געמאַכט געוואָרען אין דער דאָרטיגער גאַרבעריי.

איטליכער טוט זיין חלק ארבייט, וואָס ער קען צום בעסטען. זיצט איינער אין לשכה פון קבוצה, זיצט אַ צווייטער אין שוסטע־ריי, אַ דריטער ארבייט אויפ׳ן פעלד, אַ פערטער — אין גאָר־בעריי.

גיבען מוזטו פון זיך אַלץ וואָס דו קענסט. און קריגסט אַלץ וואָס דו באַדאַרפסט.

ברויך איינער אַ פּאָר שיך, ווערט דאָס אויפגענומען פון ועד און עס ווערט אזוי באַשלאָסען. ער גייט צום שוסטער און מען מאַכט אים אַ פּאָר שיך.

טאָמער ווייזט זיך ארויס, אז ער ברויך נאָך נישט קיין נייע שיך, מען קען זיי נאָך פאַרריכטען, פאַרריכט מען זיי.

די פרויען טוען אַלע אַרבייטען, פונקט ווי די מענער. אויך איטליכע גלייך. שטייט איינע אין קיך, אַ צווייטע אין וועשעריי און אויפ׳ן פעלד.

איך בין געווען אין ארבייט־הויז. האָב געזען די גאַרבעריי און די שוסטעריי. אין שוסטעריי בין איך געבליבען שטיין אַז אויפגעציטערטער.

ביי אונז איז אַ שוסטער־שטוב געווען נישט פון די געהויר־בענע אין שטעדטיל. דאָס שוסטער־בענקעל איז געווען דער „טיש" וואו עס איז גערעדט געוואָרען די מאוס׳טע רייד. אומהייליג, אומ־ווירדיג.

און אין עין חרוד. זיצט אַ איד מיט אַ גרויסע באָרד, אַ וואונ־דערליכען שטערען און אויגען טיפע, קלוגע, חלומ׳דיגע, האָפענ־דיגע, וועלט איבערקערענדע !

אַ למד־וואָווניק !

דאָס איז זיכער אַ בחור פון ישיבה, וואָס האָט אָנגעפילט זיין לייב־און־לעבען מיט ש"ס און פוסקים, דערנאָך אַנטלאָפען אין אוניווערזיטעטען, ווייטער אָנגעזאַפט זיך מיט אַלע חכמות, די גאַנצע צייט געטראָגען אין זיך דעם חלום פון זיין פאָלק, אויסצו־לייזען דאָס לאַנד.

און ער איז אַוועק אַהין און גענומען די דראַטווע מיט׳ן האַ־

מער און נייט שיך פאר די יונגע בויער, פאר די יונגע אויסלייזער.

דאס ערשטע מאל האב איך דערזען א שוסטער־בענקעל, וואס איז הייליג, א הייליגער „טיש", א „טיש" פאר גאט.

אין בית־ספר און אין קינדער־הויז, וואו די קינדער האלטען זיך אויף, האב איך נישט געקענט אריינגיין, ווייל עס איז אויפ'ן דאקטאר'ס באפעל געווען איזאלירט איבער א קראנקהייט. איך בין אבער געווען אין קיך און עס־צימער.

אלע עסען אינאיינעם. אלע עסען גלייך. א מאן שטייט און שניידט לאבענס ברויט פאר אלעמען. אן ארבייט, א פראסטע. מען זעט דאס אין אלע רעסטאראנען, אבער דא איז עס אנדערש, הייליגע ארבייט.

מען זאגט, אז די קבוצות זיינען נישט דער מין, וואס ארץ־ישראל וועט געבויט ווערען דורך זיי. די שותפות'ע גרופען וועלען נישט קענען איינגעמען דאס גאנצע לאנד. דאס קען נאר זיין א פראבע, בויען וועט מען מוזען אנדערש.

אבער נעמט צו די קבוצות און א שטיק קדושה וועט פעלען.

די מערהייט גלות'דיגע וועלען נישט גיין אין קבוצות. האבען אנדערע וועגען. אבער הייליג איז דער וועג פון קבוצה. אלעמאל וועט א „קבוצה" מוזען זיין אין ארץ־ישראל.

די „קבוצה" איז די אייביגע נישט־אויסגייענדיגע האפנונג. דער גבור, דער שומר פון לאנד. אויף זיי קוקענדיג ווערט מען הייליג און ראוי פאר ארץ־ישראל.

ה י י ל י ג , ה י י ל י ג

ב

זיצט דאס אכט־יעריגע יונגעלע, דער געצערטעלטער בן־יחיד, אין חדר, און לערנט „טעם כעיקר". מוח־שרויפיג, געדאנקען־ציהענדיג. א קינד נאך און — דער רמב"ם.

נעמט מען אבער דאס פסוק, לעבט מען אויף. מען לערנט:

„און ער האָט זיך געפּעדערט ירבעל, דאָס איז גדעון. און דאָס גאַנצע פאָלק וואָס איז מיט אים און זיי האָבען גערוט ביי עין חרוד און די מחנה מדין איז געווען אַקעגען אים פון צפון... אין עמק.

און ער האָט אַראָפּגענידערט דאָס פאָלק צום וואַסער... און עס איז געווען די צאָל פון די וואָס האָבען געלעקט דאָס וואַסער מיט זייער האַנד אין זייער מויל אַריין דריי הונדערט מאַן... און גאָט האָט געזאָגט צו גדעון:

„מיט די דריי הונדערט מאַן וועל איך אייך העלפען".

און מיט די דריי הונדערט איז געקומען די ישועה, די הילף.

די דריי הונדערט מאַן מיט שופרות און פלאַקערן אין די הענ־זיינען געגאַנגען צו דער הילף.

מיט זעקס און צוואַנציג יאָר צוריק האָב איך דאָס אַלץ גע־זען אין פסוק, אין די ליכטיגע אותיות פון פסוק, מיט די ליכ־טיגע אויגען פון אַן אכט־יעריג יונגעל, אין תנ"ך.

היינט, מיט זעקס און צוואַנציג יאָר שפּעטער, האָב איך דאָס אַלץ געזען, איך, אַ דערוואַקסענער מאַן, אויף דעם פריש־גרינעם לעבען אין „עמק".

דאָס אכט־יעריגע יונגעל האָט מיט די קינדער־אויגען גע־קוקט אין פסוק און געזען די דריי הונדערט מאַן, אַריבערגעבויגענע איבער'ן וואַסער, טרינקען וואַסער לעקענדיג פון האַנד אין מויל. און ער האָט פאַרמאַכט די אויגען, ער האָט זיי געפּעפּענט און גע־זען זיך צווישען די דריי הונדערט. ער טראָגט אויך אַ פלאַקער אין האַנד און גייט נאָך נאָך גדעון'ען צו דער ישועה.

און היינט, היינט שטיי איך דאָ און טרינק וואַסער פון דעמ־זעלבען קוואַל, פון עין חרוד, וואָס איך האָב אַמאָל אין קינדערישען חלום געטרונקען.

דעמאָלט אין קינדערישען חלום בין איך נישט געווען צווישען די, וואָס האָבען געקניט ביים טרינקען. איך האָב דאָך נישט גע־דינט צו אַן אָפּגאָט. און היינט האָב איך נישט געקניט ביים טרינקען. איינער פון די היינטיגע „דריי הונדערט" אין עין

חרוד האָט אָנגעשעפּט מיט אַ טעפּעל וואַסער פון קוואַל און איך האָב געטרונקען.

אין ארץ־ישראל האָב איך זיך געהיט פון טרינקען רוי וואַסער. איך האָב טאַקי אין קיין אַנדער אָרט פון ארץ ישראל נישט געטרונקען קיין רוי וואַסער. אָבער אין עין חרוד האָב איך געטרונקען, ווייל דאָס וואַסער האָט מיך געצויגען, איך האָב עס דאָך נאָך געטרונקען, ווען איך האָב, אַ קינד נאָך, געלערנט שופטים

אין עין חרוד האָט מיך פאַרדראָסען פאַרוואָס מיר אידען טאָרען נישט קניען. עס וואָלט מיר געווען אַזוי גוט, ווען אַ איד וואָלט געמעגט, ווען עס וואָלט געווען אַ אידישע טראַדיציע צו קניען.

אין עין חרוד וואָלט איך געפאַלען אויף די קני און געזאָגט:

— קדוש, קדוש, קדוש!

אוי, ווי הייליג עס איז עין חרוד! עס איז כלות הנפש!

איך האָב אַלעמאָל מקנא געווען דעם בעל־תפלה יום־כפור צו דער עבודה. עס איז געקומען צו די „והכהנים.“ מיר האָבען זיך אַלע געבוקט, געפאַלען אויף די קני, אויפ'ן פנים און שטיל געלעגען אַ ווייל און באַלד זיך ווידער אויפגעהויבען...

אָבער דער בעל־תפלה איז געשטאַנען לאַנג אויף די קני און לאַנג געזונגען:

אוי, היו! אוי, אוי, אוי, כור־עים... ו־מ־ש־ת־ח־וי־ם... ו־מו־די־ם... ו־נו־פ־לי־ם... ע—ל... פ־ני־ה־ם...

ער, דער בעל־תפלה, קען שטיין לאַנג אויף די קני, זינגען און בעטען לאַנג, און מיר טוען עס אַזוי גיך. עס ווילט זיך לענגער שטיין אויף די קני.

איך האָב אַלעמאָל מקנא געווען דעם בעל־תפלה. און אין עין חרוד האָט געגלוסט מיין האַרץ צו פאַלען אויף די קני, שטיין לאַנג און שאָקלען זיך און זינגען מיט נגבעט:

אוי, היו! אוי, אוי, אוי, כור־עי־ם!

ווילט זיך אַרומנעמען אַלץ און אַלעמען, צום האַרצען צודריקען, קושען און פאַרגיסען מיט טרערען, טרערען פון גליק נישט געחלומ'טען, פון פרייד נישט ערוואַרטעטע.

הייליג, הייליג, הייליג, איז דאָס אָרט. אַ הייליגקייט, וואָס ציט זיך פון תהום טיפעניש דורך דיין האַרץ דורך צום הימעל אַרויף.

פאַר מיר ליגט איצט דאָס פסוק אָפען. איך קוק אין שופטים. און אַ גרויס גליק לייכט אין מיינע אויגען. איך לייען:

„וישכם ירבעל, און ירבעל האָט זיך געפעדערט, הוא גדעון. דאָס איז גדעון, וכל העם אשר אתו, און דאָס גאַנצע פאָלק, וואָס איז געווען מיט אים, ויחנו און זיי האָבען גערוט, על עין חרוד. ביי עין חרוד.

לאַכט ליכטיג מיין גליק אין מיר:

— איך בין דאָך אָט אַ דאָ געווען!

עס איז נישט חרוב. די אַלטע הייליגקייט, די קדושה פון אַמאָל האָט זיך באַנייט. לעבט. איז גרין, פריש, יונג.

אַלץ איז מיר געפעלען אין ארץ־ישראל. דער נייער ישוב. דער אַלטער ישוב. אַלץ איז מיר געווען ליב. דאָס נייע און דאָס אַלטע. אפילו די מדבר, די פוסטע חורבות, די אָנגעוואָרפענע שטיי־נער. מיט אַ לאַנג גאַרענדיגע ליבע אין האַרצען בין איך געפאָרען נאָך ארץ־ישראל. און אַז איך בין געקומען אַהין, איז די אהבה געוואָרען פולער, גרעסער, שטאַרקער, מעכטיגער. און אַ געשטאַרק־טער, אַ געקרעפטיגטער בין איך אוועקגעפאָרען פון ארץ־ישראל.

אָבער ווי ליב אַלצדינג איז מיר אין ארץ־ישראל, זיינען מיר דאָך צום ליבסטען די קבוצות און די חסידישע קאָלאָניעס.

איטליכע קאָלאָניע איז אַ שטיק פון דער גאולה. יעדער שטאָט ישוב — אַ טייל פון דער גרויסער אויסלייזונג. אָבער די אויסליי־זונג זיינען די חסידישע קאָלאָניעס און די קבוצות.

פון גאָט געבענטשטע, באַגליקטע, אויסגעלייזטע, זיינען די פון די קבוצות און די חסידישע קאָלאָניעס.

זיי זיינען די געציילטע „דריי הונדערט". די הייליגע מחנה, וואָס פון גדעון'ס צייטען ביז דעם היינטיגען טאָג זאָגט גאָט:

„מיט די דריי הונדערט וועל איך העלפען אייך".

ווייל נאָך די „דריי הונדערט" קען ערשט קומען דערצו, אַז

„עס זאָלען זיך פאַרזאַמלען די מענער פון ישראל פון נפתלי און פון אשר און פון גאַנץ מנשה".

און דערנאָך זאָלען קומען „די מענער פון אפרים און זיי זאָלען זאָגען : וואָס פאַר אַ זאַך האָסטו אונז געטאָן נישט צו רופען אונז, ווען דו ביזט געגאַנגען מלחמה האַלטען מיט מדין און אפרים זאָל זיך קריגען שטאַרק דערפאַר, וואָס מען האָט אים נישט מיטגענומען".

ביז איך געווען אין די שטעדט און אין קאָלאָניעס, האָב איך געהאַט גרוים הנאה, וואָס נאָך איידער איך האָב דאָס געזען, בין איך געווען אַ ציוניסט. עס איז געווען די נייע באַרעכטיגונג פאַר ציוניסטען :

מען האָט געבויט, מען בויט ארץ־ישראל. שטעדט און קאָלאָניעס. אַ סך האָט עס מיך דערמאָנט אָן אונזערע פוילישע, ליטווישע, רוסישע ישובים. אַ לאַנד מיט לענדער גלייך. דאָס מוז אַזוי זיין. און געלויבט דער אייבערשטער, אַז דאָס קען אַזוי זיין.

אַנדערש האָב איך אָבער געפיהלט אין די קבוצות און אין די חסידישע קאָלאָניעס. דאָ זעט מען, אַז עס איז ווייניג צו זיין אַ ציוניסט. צו זיין אַ ציוניסט — איז שוין דאָ אַ קלייניגקייט. דאָ מוז מען זיין אַן אויסגעלייזטער... אַ געהייליגטער און אַן אויסגעלייזטער.

אַלס קינד האָב איך זיך אָנגעלייענט און אָנגעהערט פון „למד־וואָווניקעס". זיי זיינען געווען מיין הויפט בענקשאַפט. וואו זיינען זיי ? וואו, ווי קען איך זען אַ למד־וואָווניק.

העלדען זיינען זיי דאָך. שטילע, פאַרבאָרגענע העלדען. זיי זיינען מבטל די ביטערסטע גזרות. אויף זיי שטייט די וועלט. די זיילען פון דער וועלט.

אין די חסידישע און קאָמוניסטישע קבוצות האָב איך זיי געזען די למד־וואָוו'ניקעס. איך האָב זיי געזען נישט אַנטפּלעקטע, נאָר אין זייער וואונדער־שיינער פאַרבאָרגענקייט, אין זייער נסתר'־קייט.

אַזוי ווי דער לעגענדאַרישער למד־וואָווניק פלעגט אין זיין פּראַסטקייט און ערליכקייט זיך ביי זערען, אויב מען האָט אים באַ־

וואונדערט, אויב מען האָט אים גערופען רבי, אויב מען האָט אים געוואָלט גרויסען און דערהויבען, — אַזוי זיינען די למד־וואָוו'ניקעס פון די קבוצות.

זיי בייזערען זיך אויף אייך, ווען איר קוקט אויף זיי ווי אויף העלדען, ווי אויף אויסגענומענע מענשען, ווי אויף אַנדערע, ווי אויף העכערע, אויב איר באַוואונדערט זיי, אויב איר פאַרהערליכט זיי.

פראָסט און ערליך העלפען, העלפען בויען דאָס לאַנד.

ביים שייער פון עין חרוד, ביים גורן, (דערמאָן זיך נאָר, חבר, גדעון'ס גורן), שמועסענדיג מיט עטליכע פון די היינטיגע „דריי הונדערט", האָבען זיי געזען, ווי דאָס האַרץ גייט מיר אויס פון באַוואונדערונג און היילינגען קנאה, און זיי האָבען מיך געפרעגט איינפאַך :

— אם כן, אויב איר פיהלט אַזוי, פאַרוואָס בלייבט איר נישט דאָ ?

און איך האָב זיי געענטפערט :

— לא כל אדם זוכה, נישט איטליכער איז זוכה צו זיין אַן אויסגעלייזטער, נישט איטליכער האָט דעם כח דערצו ; נישט יעדער האָט דעם כח צו זיין אַ העלד ; נישט אַלע האָבען דעם מוט און די קראַפט און די מדרגות צו זיין אַ למד־וואָוו'ניק, אַוועקצו־געבען זיך אין אַזאַ מסירות־נפש ; נישט יעדער איז געבענשט מיט אַזאַ גליק. האָט דאָך גדעון נאָר דריי הונדערט געפונען צווישען גאַנצען פאָלק. עס איז אָבער שוין אַ זכות און אַ מדרגה צו קענען באַוואונדערען די וואונדערליכע זעהונג, מוז מען האָבען אין זיך די צייכענס פון אויסלייזונג, ווען מען זעט און מען דערקענט און מען באַוואונדערט די אויסגעלייזטע.

צ ר י פ י ן

ג

אין צריפין, אַ קבוצה, בין איך געווען צום מיטאָג. אַ יונגע קבוצה, זי איז דאָרט צייטווייליג. דער נאָמען איז,

דאַכט זיך, אויך נאָך צייטווייליג. אויך נישט קיין גרויסע קבוצה.

ווען מיר זיינען צוגעקומען צו צריפין, איז דער עולם געווען אין עס־זאַל און געזעסן לעבן אַ לאַנגען טיש און געגעסן.

זיצען יונגע לייט און מיידלאַך און עסן. נישט קיין ניו יאָרקער מאכלים. נאָר טאָמער מיינט איר, אַז זיי פיהלען זיך דורכדעם אומגליקליך, מאַכט איר אַ טעות. זיי פיהלען זיך גליקליכער פון אַ סך ניו יאָרקער הוז־עסער און וויין־טרינקער.

אָט נאָט אייך צוויי בילדער: איינס:

איך בין געווען אין אַ רייך הויז אין ניו יאָרק. עס האָט געהאַלטען ביי מיטאָג. איז געזעסן די משפחה אַרום טיש מיט אַ סך און געשמאַקע מאכלים. בראַנפען און וויין. און דאָך איז עפּעס געווען אַ מרה־שחורה אויפ'ן טיש. אַ שטיל־קייט פון מרה־שחורה, אשטומשווייגען פון פוסטקייט.

צוויי:

אין עס־זאַל פון צריפין. אַן אָרימער זאַל. אַ סטאָדאָלע. אַ לאַנגער אָרימער טיש, פּראָסטע בענק. די מאכלים אויך אָרימע.

אָבער פול מיט לעבען און לעבעדיגקייט איז דער טיש. שפּריצט מיט פרייד אויף טיש און בענק. יוגענד און פרייד. עס איז, נאָכמער, ווי „פּת חרבה ושלוה בה", עס איז — ושמחה בה.

אין אַ סך ערטער פון ארץ־ישראל האָב איך געזען פליגען חמרים־ווייז, פליגען ווי אַ וואָלקען פון היישעריקען. אין צריפין האָב איך געזען פליגען מער ווי אומעטום. אין עס־זאַל פון צריפין נאָך מער ווי אין צריפין. איך האָב זיי אָבער גאָרנישט געזען. געזען — און נישט געזען. איך האָב זיי נישט באַ־מערקט. איך בין פאַרכאַפּט געוואָרען פון די איינוואוינער פון צריפין. קוקט מען אויף זיי, זעט מען נאָר זיי, קוקט זיך נישט אויף עפּעס אַנדערש..

איך האָב נאָר־וואָס געהאַט געגעסן ערגיץ אַנדערש, ווען

איך בין געקומען אין צריפין. אין עס־זאָל אַריינקומענדיג, האָט מען מיך פאַרבעטען צום טיש מיט עסען. און עס האָט מיר באַנג געטאָן, וואָס איך האָב געגעסען אַ רייך מיטאָג אַנ־דערשוואו. ווי געשמאַק דאָס עסען פון פריהער איז מיר גע־ווען, האָב איך געפיהלט, וואָלט מיר דאָס אָרימע עסען פון צריפין בעסער געשמעקט .

ווען אַ הונגעריגער זעט עסען און עס גלוסט אים דער־צו, איז נאָך נישט קיין באַוויז, אַז דאָס עסען ווערט אים שמעקען. ער איז הונגעריג, וויל ער עסען.

אָבער ווען אַ זאַטער גלוסט צו אַן עסען, מוז שוין דאָס עסען ניט זיין סתם אַ מאכל, עס איז שוין עפּעס העכער ווי געוויינליך אכילה ושתיה.

איך, אַ זאַטער פון דער ברייטער מאָלצייט פון פריהער האָב שטאַרק געגלוסט צום צריפין אָרימען, אָבער דאָך וואונ־דערליכען עסען. האָב איך זיך געזעצט צום טיש מיט אַלעמען און אַ בחור, אַ צריפינ׳ער, אַ הויכער, מיט חלום־אויגען, שוואַרצפייער, האָט מיך צוגעצויגען צו זיך און איך בין גע־זעסען שטיל און געקוקט אין זיינע חלום־אויגען און עס האָט זיך מיר אַלץ געוואָלט וויסען, וואָס פאַר אַ באַשייד זוכען זיי די דאָזיגע חלום־אויגען.

מיינע מיטפאָרער האָבען געפּרובירט שטעלען פראַגען און מיך האָט דאָס פאַרדראָסען. הערט מען דען נישט אין דעם שטילשווייגען מער ווי אין רייד ? דערציילען דען נישט זיי־ערע אויגען מער ווי די ענטפערס אויף די פראַגען ?

אַלץ קומט אָן דאָרט אַזוי שווער. אפילו אַ גלאָז טיי צו מאַכען. עס איז דאָך נישט ניו יאָרק, וואו מען צינדט־אָן דעם גאַז־אויוועז און איינס־צוויי איז דאָ טיי. אָבער אין דער שווערקייט זעט איר דעם גרויסען ווילען, דעם ווילען, וואָס שפּאַנט איין די שווערינקייטען און פירט זיי. פירט זיי אויפ׳ן וועג פון אויפבוי, פון שווערען צום גרינגען.

צווישען די ליכט, וואָס מיר האָבען אָנגעצונדען אין עמק,

לייכט שוין אויך צריפין. נאָר אַ בלינדער זעט נישט דאָס ליכט.

פון אַלע גוטע סעודות, וואָס איך האָב געהאַט אין מיין לעבען, איז די סעודה פון צריפין געווען די בעסטע. די אָרימ־סטע, און דאָך די רייכסטע סעודה. אַ שטילע, קיינער האָט נישט געזונגען, עס האָט אָבער זיך געהערט אַ געזאַנג פון חלומ'דיגע אויפבויער.

און אַ רפואה פאַר די, וואָס האָבען שוין פאַרלוירען דעם אַפּעטיט, זייערע טייערע מאכלים שמעקען נישט זייער גומען, זאָלען זיי פאָרען נאָך צריפין און מיטעסען אַ מאָלצייט מיט די צריפינ'ער, דאָס עסען וועט זיי שמעקען, עס וועט דערוועקען אַ גלוסטונג אין זיי צום לעבען.

אַלץ אין צריפין.

טראַנסילוואַניע

ד

פריער איז טראַנסילוואַניע געווען אונגאַרן. האָבען דאָרט געוואוינט אידען און געערדט אַ שלעכטען דייטש און איך ווייס נישט וואָס פאַר אַ מאַדיאַריש.

האָט מען אַוועקגענומען טראַנסילוואַניע פון אונגאַרן. איז געוואָרען דאָרט ענג פאַר די אידען, זיינען פון זייעריגע געקור־מען נאָך ארץ־ישראל און זיך באַזעצט אין עמק.

באַארבייטען זיי די ערד און פאַשען שאָף. די איינציגע אידישע פאַסטוכער אין ארץ־ישראל. האָבען זיי זייערע עדרים, די עדריי־צאן. סטאַדעס שעפּסען האָדעווען זיי — און אַזוי זעהען מיר דאָס ערשטע מאָל אידישע פאַסטוכער.

ביי אונז אין אונזערע געגענדען זיינען נישט געווען קיין אידישע פאַסטוכער. אָבער דער פויערשער פאַסטוך פון אונ־זער שטעדטעל האָט אַלעמאָל צוגעצויגען צו זיך די קינדער.

עס איז געלעגען אין דעם פאַסטוך סודות'דיגעס פאַר אונז. ער גייט אַ שטילער און די שאָף פאַראויס. זיי טוליען זיך

צו אים. ער האָט זיי ליב, זיי האָבען אים ליב. האָבען מיר אים תמיד נאָכגעקוקט ווי ער גייט מיט די שאָף.

ווען דער פאַסטוך איז געגאַנגען מיט די קי צום טייך, האָט ער נישט ארויסגערופען קיין אינטערעס. די קי קענען טאָן אַ שטויס. זיי מעקען און שרייען. גאָרנישט. אָבער שאָף זיינען אָהן סכנה, זיי קענען נישט מזיק זיין. האָט מען ליב שאָף און זייער פאַסטוך — איבער זיי.

מען זעט אָפט אַראַבישע סטאַדעס אין ארץ־ישראל. שפּרינגען די שעפּסען איבער די בערג. דער אַראַבער־פאַסטוך שטייט ווי אַ פאַרלוירענער אויפ'ן בארג. קוקט אַ פאַרטראַכטער, ווי ער וואָלט גאָרנישט געזען די שאָף.

שאָף שפּרינגען ארויף־אַראָפּ, ארויף־אַראָפּ און מען ווערט פאַרכאַפּט פון דעם בילד: שאָף שפּרינגען ארויף און אַראָפּ בערג.

שענער איז פאַר ארץ־ישראל, ווען עס שפּרינגען אויף אירע בערג אויך אידישע שאָף. שענער איז, ווען עס שטייט אויפ'ן בארג אַ אידישער פאַסטוך. ווייל תמיד איז פאַר אונז געווען אַ שעפּעלע אַ ליב באַשעפעניש, אַ אידיש באַשעפעניש. האָבען די טראַנסילוואַניער אידען דאָס אויפגעטאָן אין ארץ־ישראל. אידישע שאָף.

זיינען די מענער און פרויען פון טראַנסילוואַניע פעסטע, געזונטע, פעלד־מענשען, דאָרף־מענשען, רעדט מען מיט זיי, הערט איר נאָך דעם אונגאַרישען דייטש. אָבער מען זעט שוין זייער פעסטקייט אויף ארץ־ישראל ערד, זייער צוגעבונדענקייט צו איר.

מען זעט נישט ביי זיי די אימפּולסיווע חסידישע פרייד פון די חסידישע קאָלאָניעס, מען זעט אויך נישט די נערוועזע פרייד פון די יונגע קבוצות. מען זעט אָבער אַ רואיגע זי־כערקייט, אַ שטילער אָפּטימיזם, אַ לייכטקייט און גרינגקייט, וואָס זעט נישט קיין שווערינקייט, אַ דאָרפישע, לאַנגזאַמע רואיגקייט.

— וואָס איז שווער ?

— קיין זאך איז נישט שווער : אַלץ איז גרינג.

מען זעט אפילו נישט קיין עקשנות. עס איז נישט צו דערקענען קיין איינגעשפּאַרטקייט. זיי קוקען אויף דעם גרויסען יאָך מיט אַזויפיל לייכטקייט, אַז די גרעסטע משא ווערט גרינג ווי אַ פעדער.

— וואָס איז שווער ?

— קיין זאַך איז נישט שווער.

רויבערט מען אַ ליולקע און מען אַרבייט. און ווי גרינג עס רויכערט זיך די ליולקע, טוט מען די שווערע אַרבייט.

פון ערשטען בליק, קוקענדיג אויף טראַנסילוואַניע מיט אירע ווייט־אָפּגערוקטע הייזלעך און די ערד אַרום, מיינט מען, אַז ווער ווייס ווי שווער עס אַרבייטען דאָ די אידען. זעט מען זיי אַ ביסעל לענגער, קוקט מען מער אויף זיי, רעדט מען אַביסעל מיט זיי, זעט מען דאָס שטילע נחת אין זייער בלוט, די דאָרפישע זיכערקייט —

אַלץ איז גרינג, וואָס איז דאָ שווער ? אַלץ איז גרינג, אידען רויכערען ליולקעס, באַאַרבייטען די ערד און פּאַשען שאָף.

וואָס איז דאָ שווער ?

ב ל פ ו ר י ה

ה

בלפוריה איז אינגאַנצען אַ פּריוואַטע קאָלאָניע. ווייט פון דעם נהלל־טיפּ, נאָך ווייטער פון דעם צריפין און עין חרוד טיפּ, איז דאָך אַזוי ווי דער געוויינליכער טיפּ בעל־הבית'ישע קאָלאָניעס, אָבער דאָך אַזוי ווייט־ווייט פון זיי.

בלפוריה שטייט אין מיטען צווישען דעם נהלל טיפּ און פּתח־תקוה טיפּ.

אינגאַנצען פּריוואַט, אָבער דאָך פון אַ העכערער מדרגה.

ארץ־ישראל מוז האָבען יעדען סאָרט בנין. וואָס און ווי אַ איד בויט אין ארץ־ישראל, בויט ער אַלץ ארץ־ישראל.

עס איז אָבער דאָך דאָ אַן אונטערשיד צווישען אייַן מין און צווייטען.

פאַראַן אידען, וואָס האַלטען, אַז דער קאָמונע טיפּ קאָלאָניע איז נישט אויסגעהאַלטען און וועט נישט קענען האָבען קיין קיום.

ווידער זיינען דאָ אידען, וואָס האַלטען, אַז דער אַלטער סאָרט קאָלאָניע איז אַ קליין שטעדטעל פון פוילען, ליטא, גאַליציע און רומעניע, איבערגעטראָגען נאָך ארץ־ישראל, זיי ווערען נישט נתפּעל פון דעם.

קען זיין, אַז עס איז דאָ אמת אין די אַלע רייד. אָבער דאָס איז דוקא גוט. אַ פאָלק בויט דאָך דאָס לאַנד, נישט קיין יחיד. אַן איינציגער, אַז ער בויט, טוט ער אַלצדינג אין איין נוסח, אייַן פאָרם. אַ פאָלק האָט אַלערליי מענשען, יעדער בויט אויף זיין שטייגער און עס וואַקסט אויס אַ פאָלקס־בנין.

בלפוריה האָט אין זיך אַ סך אידעאַליזם. איז אַנציעוודיגער ווי אַנדערע קאָלאָניעס פון פּריוואַט־אייגענטימערישען מין.

בלפוריה האָט שיינע הייזלאַך און אַפילו אַ רעסטאָראַן פאַר דורכפאָרער.

אריינגעפאָרען אין טויער מיט דער גרויסער שילד „בלפוריה“. און מיר האָט זיך אויסגעוויזען, אַז דאָס איז טאַקע נאָר אַן אָנהויב, אָבער עס וועט אויסוואַקסען גרויס. וואו כ'האָב געוואָרפען מיין בליק, האָט עפּעס מיר שטיל געזאָגט:

— עס וועט זיין גרויס, גרויס, עס וועט זיין גרויס, גרויס.

מיר זיינען אריין אין רעסטאָראַן און געגעסען אַ מיטאָג, וואָס נאָר ביי זיך אינדערהיים קען מען עס האָבען.

זאָלען מיר מוחל זיין די רעסטאָראַנען אין אַמעריקא, אַזא מאָלצייט קריגט מען דאָ נישט. עס וועלען מיר מוזען מוחל זיין די אַלע לענדער, וואָס איך בין ערשט אויסגעפאָרען, אין קיין רעסטאָראַן פון קיין לאַנד האָבען מיר אַזא מיטאָג נישט געקראָגען. אַ היימישער, באַ'טעמ'טער מיטאָג, וואָס איז מרחיב את הדעת, וואָס דערמאָנט אין דער היים.

צווישען אונזער גרופּע איז געווען אַ איד פון דעטראָיט, אַ סוחר, ישראל דאַווידסאָן.

אויף דער שיף האָבען מיר זיך באַקענט. געווען דאָרט אַ איד, וואָס האָט מיט אונז נישט געהאַט קיין קרוב'שאַפט. ער האָט געהאַט זיינע פריינד, פולשטענדיג אַמעריקאַניזירטע. ער איז אויך אַזאַ.

אַז מען האָט אויף דער שיף געקליבען געלד פאַר'ן נאַציאָנאַל־פאָנד, האָט ער אונז געגעבען אַ ביישטייערונג. אָבער געגעבען סתם, אָהן באַזונדער איבערגעבענהייט. און האָט זיך ווייטער געהאַלטען פון ווייטענס.

ערשט נאָך דעם אידישען באַנקעט אויף דער שיף, האָט ער זיך דערוואָרימט. ער האָט זיך שוין געהאַלטען מיט אונז.

ווער ער איז ? וואו ער איז געבוירען געוואָרען, האָבען מיר נישט געוואוסט. מיר האָבען געמיינט, ס'איז אַן אַמעריקאַנער, דאָ געבוירען און ער נעמט גלאַט אַ לוסט־רייזע נאָך „פאַלעסטיין".

זיצען מיר אין רעסטאָראַן פון בלפוריה, און ישראל דאַוויד־סאָן זאָגט צו אונז, אַז אַזוי ווי ער האָט דאָ אַ פעטער, וויל ער אים זען, זאָלען מיר אַלע צופאָרען צום פעטער, אָבער מיר זאָלען גאָרנישט זאָגען. ער וויל זען, צי דער פעטער וועט אים דערקענען. שוין פיר־און־צוואַנציג יאָר ווי זיי האָבען זיך נישט געזען.

די מעשה בקיצור —

ישראל דאַווידסאָן איז געבוירען אין ווילנער געגענד, האָט אפילו געלערנט אין אַ ישיבה, פאַרשטייט נאָך היינט פיין העב־רעאיש. ער האָט אַרויסגענומען זיין פעטער מיט די קינדער פון פוילען, האָט זיי באַזעצט אין בלפוריה. געקויפט לאַנד, געגעבען געלד.

אָבער ווי האָט דער מענש געקענט די גאַנצע צייט פאַרבאָר־גען ? מען האָט פריער נישט דערקענט אויף אים, אַז ער קען העברעאיש, אַז ער האָט באַזעצט אַ פעטער מיט קינדער אין ארץ ישראל.

דער כח פון אַמעריקאַ. ער איז געקומען אַהער אַ יונג איינ־געל, האָט אַמעריקאַ געלייגט אויף זיין פנים אַ שטעמפעל, וואָס האָט דאָס אַלץ פאַרשטעלט.

פאָרען מיר צו צו זיין פעטער׳ס הויז. מיר בלייבען זיצען איז אויטאָמאָביל און מיר הייסען ארויסקומען דעם בעל־הבית.

קומט ארויס אַ איד אַ גרויער. גרוי געוואָרען, זעט מען, פאַר דער צייט. ער שטעלט זיך לעבען אויטאָמאָביל און דאַווידסאָן קוקט אים אין די אויגען, ווערט בלייך, די אויגען פייכט. ער כאַפּט דעם פעטער׳ס גרוי פּנים און קושט און קושט און זאָגט מיט אַ ציטעריג קול:

— פעטער!

— ישראל? — זאָגט דער אַלטער נאָך ציטעריגער.

— יאָ.

— אויך געוואָרען עלטער. איך עלטער, ישראל אויך געוואָרען עלטער.

מיר, די זייטיגע, זיינען געזעסען אויפגעציטערטע און אין אונזערע אויגען האָבען זיך געשטעלט טרערען.

מיר זיינען אריין אין הויז.

עס זיינען געקומען די זין. אונזער אַמעריקאַנער׳ס שוועסטער־קינדער, איינער אין זיינע יאָרען, טראָגט דעם אייגענעם נאָמען. מען האָט גערעדט ווייניג, אָבער אַזאַ ליבע אין מענשליכע אויגען האָבען איך געזען זעלטען.

דער אַמעריקאַנער פּלימעניק קוקט אויף זיינע ארץ־ישראל קרובים; די ארץ־ישראל׳דיגע קוקען אויף אים. בליקען ציען צו בליקען, אויגען קושען זיך מיט אויגען. אַזוי שמייכלען מיט ליבע, מיט אַזאַ שטילע, נישט רעדענדיגע, אָבער שטורמדיגע ליבע, קענען נאָר מענשען אויף דעם מענש, וואָס האָט זיי ארויסגעריסען פון נויט און געשטעלט אויף די פיס, און דער מענש — אויף זיי.

עס האָט ארומגעטאַנצט גליק אין שטוב, געטאַנצט און געלאַכט. מיר, די זייטיגע, האָבען דערפיהלט דאָס גליק און עס איז אונז געוואָרען אַזוי גוט.

די ערשטע מינוט האָבען זיי זיך ארומגענומען און געקושט. שפּעטער האָבען זייערע אויגען זיך געקושט. בליק

קושט בליק. ווייכע, צארטע, הארציגע בליקען, וואס קושען זיך ליב ווי ריינע טויבען.

דער אמעריקאנער קוקט זיך ארום און זיין הארץ, זעט מען, איז פול מיט שטאלץ, רואיג איז זיין פעטער דא, רואיג די שוועסטערקינדער, זיי לעבען רואיג, אין ארץ־ישראל און ער האט זיי געבראכט אהער.

דאס איז דאך א וואונדערליכער געפיהל. דו זעסט, אז דו האסט געראטעוועט מענשען, אייגענע געראטעוועט, שיין געראטעוועט, בויסט דאס לאנד.

ער קוקט זיך ארום. ער איז שוואך פאר דעם גרויסען גע־פיהל, וואס באהערשט אים. און ער זאגט:

— איך ברויכט נאך לאנד, מער לאנד, וועל קויפען נאך.

דער פעטער מיט די זין זאגען גארנישט. זיי שווייגען. נאר זייערע פנים׳ער ציטערען גליקליך, ציטערען שמייכלענ־דיג אויף דעם קרוב.

מיט אזוי פיל ליבע קוקט איינער, וואס טרינקט זיך אויף דעם, וואס האלט פעסט זיין האנד און ציט אים צום לעבען צוריק.

נ ה ל ל

ו

וויינטרויבען.

ווייסט איר דען וואס די דאזיגע פרי איז געווען פאר מיר?

איך האב געלערענט אין חדר פון וויינטרויבען, וויינ־שטאקען. און האב דאס קיינמאל נישט געזען. טייטלען, יא, פייגען — אויך. אבער נישט וויינטרויבען.

איינמאל א ראש־השנה, געדענק איך, האב איך געגע־סען וויינטרויבען. אויף שהחינו האט דער טאטע זיי געבראכט פון דער גרויסער שטאדט.

פאר מיר איז דאס געווען א פרי פון ארץ־ישראל.

אין ווארשא האָב איך שוין געזען וויינטרויבען, אָבער זיי האָבען געקאָסט זייער טייער, און וועמען איז געלעגען אין זינען צו האָבען אַ גע׳שמד׳טען האלז און קויפען אַ פּרי, וואָס האָט געקאָסט אַ רובעל אַ פונט.

ערשט אין פראַנקרייך האָב איך דערזען וויינטרויבען לרוב. ביליג. געקויפט זיי אַלעמאָל. וואַקסען וויינטרויבען האָב איך ערשט געזען אין דער לואר געגענד פון פראַנקרייך.

די געגענד איז פול מיט וויינגערטנער. בין איך מיר אָפּט געגאַנגען אין די וויינגערטענער, און געריסען וויינטרויבען, אָבער ארץ־ישראל וויינטרויבען האָב איך אַלץ נישט געזען, די ענבים פון חומש.

ערשט אין נהלל האָב איך געזען די ריכטיגע וויינטרויבען. זיי האָבען מיך דערמאָנט דעם גפן פון חומש. אין נהלל האָב איך געזען דעם פסוק „איש תחת גפנו“.

אויף דער שיף אהין, האָב איך געטראָפען דאָס פּאָר פאָלק אין די עלטערע יאָרען. ער אַ הויכער, אַ גלייכע געשיקטע פיגור, אַן אַפּטייקער פון שיקאַגאָ. נישט קיין אָרימער איד. ער האָט אויפגעגעבען דעם דראַגסטאָר און פאָרט אויף אַ וויזיט נאָך ארץ ישראל, נאָך נהלל. דאָרט וואוינט זיין טאָכטער, אַן אויפגעצויגענע אין אַמעריקאַ און געוואוינט צו אַמעריקאַנער רחבות.

אויף דער שיף אהין, האָבען זיי געגעבען פינף און צוואַנציג דאָלאַר פאַר דעם נאַציאָנאַלפאָנד און ער פאָרט צו זיין טאָכטער.

— אויף ווי לאַנג ?

— איך ווייס ? אפשר וועלען מיר עס מאַכען להשתקע — זאָגען זיי.

נהלל. אַ פראַכטפול אָרט, אַ שיינע קאָלאָניע, געפעלט מיר מער פון אַ סך דערפער, וואָס איך האָב געזען אין פראַנקרייך, אין דייטשלאַנד, אָפּגערעדט שוין פון פוילישע דערפער.

הייזער, גערטנער — פעסטער ישוב.

מיר זיינען נאָך אויפ'ן אויטאָמאָביל און דערזען אונ־זער שיקאַגאָ'ר איד. ער שטייט אויף דער וועראַנדע פון אַ הויז און קלאַפּט מיט אַ האַמער.

פאָרען מיר צו. שטעלען זיך אָפּ. ער לויפט אונז אַנטקעגען, האַלט דעם האַמער אין האַנד. פון איבעראַשונג האָט ער פאַרגעסען אַוועקצוּוואַרפען דעם האַמער. עס לויפט אַנטקעגען זיין פרוי, די טאָכטער קומט אַרויס און נאָך אַ מיידעל, אַ יונג מיידעל.

מיר גייען אַריין אין הויז. מיר זיצען און מען דער־לאַנגט כיבוד.

— וואו איז דער בעל־הבית ? — פרעג איך.

— ער אַרבייט איצט אין פעלד. נישט אין זיין פעלד, נאָר ביי אַ צווייטען.

— וואָס איז ?

— דער צווייטער איז קראַנק, אַרבייט ער פאַר אים.

נהלל איז נישט קיין קאָמוניסטישע קאָלאָניע. עס איז אַ קאָאָפּעראַטיווע. איטליכער האָט זיין חלק לאַנד. אַלץ וואָס וואַקסט דאָרט איז זיין אייגענס, זיין פּריוואַט אייגענטום. אין דעם איז קיינער נישט קיין שותף.

וואָס איז אָבער דאָס שותפות צווישען די תושבים פון נהלל ?

דאָס שותפות באַשטייט אין דעם, אַז קיין פעלד אָדער גאָרטען אַרבייט טאָר נישט ווערען פאַרנאַכלעסיגט.

קיין פרעמדע אַרבייטער טאָר מען נישט דינגען. די גאַנ־צע אַרבייט אין נהלל, סיי אין פעלד און סיי אין שטוב מוז געטאָן ווערען פון די נהלל'ער. איטליכער אויף זיין חלק ערד, אין זיין הויז. נאָר טאָמער איז איינער קראַנק און ער קען נישט אַרבייטען, באַזאָרגט דער ועד פון נהלל דעם אַר־בייטער. קומט דאָן אַן אַנדערער און טוט די אַרבייט פאַר אים.

איטליכער טוט דאָס מיט'ן גוטען ווילען. עס קומט נישט צו קיין צוואַנג. קיינער גיט נישט אָן קיין תירוצים

זיך אַרויסצודרייען פון אַרבייטען פאַר אַ צווייטען, ווייל דער צווייטער אַרבייט דאָך פאַר אים אין זיין נויט.

אַלץ פון נהלל און אין נהלל דורך די נהלל'ער אַליין. זעט איר די גערטענער, איז דאָס אַלץ די שאַפונג פון נהלל'ער הענד. זעט איר די הייזער — האָבען זיי אַליין אויפגעבויט זיי. און נישט נאָר די פּריוואַטע הייזער, נאָר אויך די גרויסע, וואָס געהערען צו נהלל'ער כלל, איז אַלץ מיט זייערע איי־גענע הענד.

— וואָס האָט איר געקלאַפּט מיט'ן האַמער ? — האָב איך געפרעגט מיין שיקאַגאָ'ר אַפּטייקער.

— ס'איז דאָ אַ סך צו „פיקסען" — „פיקס" איך. מתקן צו זיין.

— ווייס איך וואָס ?— זאָגט זיין אַלטיטשקע — אַט האָט ער ליב קאָמאַנדעווען. אין שיקאַגאָ האָט ער דאָך נישט געהאַט וואָס צו טאָן מיט אַ האַמער און טשוועקעס. דאָ לעבט ער אויף. גייט אַרום און טענה'ט, אַז ס'איז דאָ צו פיקסען און קלאַפּט טשוועקעס.

— איך קלאַפּ גלאַט טשוועקעס ? נאַדיר אַן אשה ! — בייזערט ער זיך און ער וואַרפט אַריין העברעאישע ווערטער — און איך גיי נישט רייסען אַלע טאָג וויינטרויבען ? איך אַרבייט נישט אין גאָרטען ? מיר געפעלט דאָ. ווען זי פאָלגט מיך, בלייבען מיר דאָ. עס איז דאָ זייער גוט.

— איר רייסט וויינטרויבען ? — פרעג איך איבער.

— איר גלויבט נישט ? אַט גיי איך שוין —

ער נעמט אַ קערבעלע, אויף דער האַנד הענגט ער עס אויף און זאָגט צו מיר :

— איר גייט מיט ?

— וואָס דרייסטו אַ קאָפּ? — טענה'ט ס'ווייב.

איך בין שוין אָבער געשטאַנען אויף די פיס. ער האָט אַפילו נישט געענטפערט דעם ווייב. מאַלע וואָס די אידענע רעדט ! מיר זיינען געגאַנגען.

איך בין אריין צום ערשטען מאָל אין אַ אידישען וויינ־גאָרטען, אין אַ כרם. צווישען אידישע ענבים.

דער הויכער אַלטער גייט ווי אַ יונג קינד מיט'ן קערבעלע אויף דער האַנד, אַ פריילעכער, אַ גליקליכער, ער ווייזט מיר אָן אויף יעדען שטענגעל, אויף איטליכען גרעזעל —

— איר זעט דאָרט די תבואה? מיין טאָכטער'ס!

דער אַלטער זעצט זיך אַראָפּ און נעמט קלייבען וויינ־טרויבען אין קערבעלע אריין. ער רעדט שוין שטאָלץ ווי אַ מומחה. דאָס שטענגעל טאָר מען נישט טשעפּען, די זיינען גוט, איי, זייער גוט. פּאַרזוכט — דערלאַנגט ער מיר.

איך העלף אים קלייבען. איך קלייב אָבער אַ סך אין מויל אריין. נישט מחמת נאַשעריי. איך בין נישט אויסגע־לאַקערט אויף וויינטרויבען. אין ניו יאָרק האָבען זיי מיר שוין דערעסען. דאָ האָבען זיי אָבער פאַר מיר גאָר אַן אַנדער טעם.

איך פיהל אין זיי דעם וואונדערליכען טעם, וואָס איך האָב געפיהלט דאָס ערשטע מאָל יענעם ראש־השנה מיט עט־ליכע און צוואַנציג יאָר צוריק, ווען איך האָב געמאַכט אויף זיי שהחינו.

דער אַלטער קען זיך אויך נישט איינהאַלטען. ער קוועלט אָן קוקענדיג אויף די פולע וויינטרויבען, באַטראַכט ער זיי און נעמט אין מויל אריין:

— אוי, ווי גוט, ווי גוט.

דאָס קערבעלע איז פול איבער'ן טשוב. און דער אַלטיטש־קער זאָגט:

— ס'איז מיר אַ שאָד אוועקצוגיין. כ'קען זיך נישט אָפּ־רייסען, איר מעגט מיר גלויבען, נאָר ס'קערבעלע איז שוין פול, מער גייט שוין נישט אריין.

מיר גייען צוריק מיט אַ פול קערבעלע פולע וויינטרוי־בען. איז מיט עטליכע יאָר צוריק דאָ געשטאַנען אַ חרוב שטיק ערד. אַ קראַנק שטיק לאַנד. שטיינער ארום. אַ זומפּ און פול מיט קדחת.

זיינען געקומען אידען און אָפּגעראַמט די שטיינער, די

זומפּ אויסגעטריקענט, דאָס בייזע קדחת אויסגעראָט, געהיילט די ערד און מיר זיינען שוין דאָ צום גרייטען, מיר האָבען אַנגעקליבען אַ פולען קאָרב ווייטרויבען.

דאָס איז מייז בכורים. די ערשטע פרוכטען, וואָס איך האָב אָנגעקליבען אויף אַ אידישען גאָרטען.

מיר האָבען אָפּגעגעסען, זיך אָנגעטרונקען און אַרוים אי־בער נהלל. איך קוק און זאָג צו זיך אַליין, אין האַרצען זאָג איך :

— געבענשט איז דאָס אָרט. געבענשט זיינען די הענד, וואָס האָבען דאָס געשאַפען, געבענשט בין איך, וואָס איך זע דאָס.

איר פאַרגעסט, אַז ס'איז אַמאָל געווען דאָ אַ חורבן.

מיר גייען צו צום גרויסען טורעם. צו דעם אויסקוק־טורעם. ער איז זייער הויך. מען זעט פון זיין שפּיץ זי־ער וויט.

— ווי גייט מען אַרויף?

אַ אינגעלע גיט אַ שפּרונג און ער איז שוין אויף דער לייטער. מיר דאַכט זיך, אַז אַ וועווריקעל שפּרינגט איבער די שטיגען.

— אָט אַזוי גייט מען אַרויף.

מיר ווילען אויך אַרויף. אָבער אין מיטען קלעטערען שווינדעלט אין די אויגען און מיר לאָזען זיך אַראָפּ צוריק.

מיר שעמען זיך. מיר קענען נישט קלעטערען אַזוי הויך ווי דאָס אינגעלע פון נהלל.

צוויי קליינע אינגלאַך, פינף־יעריגע קומען צו. חברים'־לאַך. איינער אַ ווייסער, פון אונזער הויט. דער צווייטער — אַ ברוינער, אַ תימני אינגעלע. וויים און ברוין — איין בלוט. פריש בלוט. בלוט פון נהלל.

נהלל, דאָס געזונטע, אויף אַ קראַנקער ערד פון געב־טען. מיט די אייגענע הענד געהיילט, מיט די אייגענע הענד געבויט, מיט די אייגענע הענד געפלאַנצט, מיט די אייגענע הענד געזייט און מיט די אייגענע הענד געשניטען.

געבענשט זיינען די הענד!

בײם יאַבלאָנער רבי

ז

לענג אױס דעם כרמל לױפן מיר נאָך נחלת יעקב, די קאָלאָניע פון יאַבלאָנער רבי און זײנע חסידים.

אונזער מאַשין לױפט, פליט אין עמק אַרײן, דער כרמל לױפט פלינקער פאַר אונזער מאַשין. דער כרמל איז אַלץ פאַראױס, װײט װײט פאַר אונזערע אױגן ציט ער זיך.

װען מיר, יונגע ציוניסטען, האָבען מיט אַכצען־צװאַנציג יאָר צוריק גע׳טענה׳ט צו די חסידים, אַז זײ װעלן סוף כל סוף מוזן אַרײנטרעטען אין דער מחנה פון ארץ ישראל בױער, איז עס נאָך געװען דאָס עקשנות, װאָס האָט גערעט אין אונז, עס האָט זיך אָבער אונז אַלײן קױם געגלױבט, אַז דאָס װעט זײן אמת.

חסידים צװישן די נײע בױער פון ארץ ישראל? װער האָט דאָס געקאָנט גלױבן?

און אַז איך האָב דערהערט פון נחלת יעקב, די חסידישע קאָלאָניע אין עמק, דעם יאַבלאָנער רבינ׳ס קאָלאָניע, איז דאָס פאַר מיר געװען אַ נס.

װי זען אױס די חסידים פון פױלען אין ארץ ישראל? די װאָס זײנען ניט אַװעק צום אַלטען ישוב, נאָר צום נײעם ישוב, װאָס זײנען אַרײן אין דער מחנה פון חלוצים?

אין נחלת יעקב, די הײזער זײנען צוזאַמענגעקלאַפּט פון ברעטער, אָפּגעטײלט מיט װענט אױף עטלאַכע צימערן.

די אַמאָליקע אוהלים, די געצעלטן, װאָס די אידן האָבן אַמאָל אױפגעשטעלט בײם אָנקומען אין לאַנד.

מה טובו אוהליך!

װי גוט און װאונדערלאַך זײנען די געצעלטן פון נחלת יעקב! זײ זײנען די פאַרגעבונג פאַר אַלע יסורים און לײדען, װאָס אונזערע חסידים האָבן אָנגעטאָן צו דער יונגער ציוניסטישער מחנה.

און טאָמער וועלן מענשען איצט קומען צו די חסידים פון פוילען און זיי וועלן מקנטר זיין און זאָגן :

— וואָס טוט איר עפּעס פאַר „ארץ ישראל?"

וועלן זיי שוין ניט ברויכען צו שווייגען פאַרשעמט, נאָר ענטפערען:

— מיר האָבן דעם יאַבלאָנער רבי מיט זיינע חסידים. מיר האָבן בני ברק. מיר האָבן דעם קאָזניצער רבי, מיר וועלן האָבן נאָך און נאָך.

מיר זיינען אריין צווישן די געצעלטן. איך דערקען מיינע לאַנדסלייט, אידן פון פוילען. איך דערקען די פוילישע אידישע פרויען.

פאַבריקאַנטן פון לאָדזש, וואָס האָבן אַלץ איבערגעלאָזט און געקומען אין עמק. לאָדזשער דאַמען, זיינען געווען רייך, האָבען גע־האַט צו עטלאַכע דינסטן אין הויז, גערעט נאָר פויליש, גיין זיי אָנ־געטון דאָרפיש אין קרעטאָנענע קליידער מיט טיכלאַך פאַרבונדן די קעפּ, די קעפּ וואָס האָבען געטראָגען רייכע פּריזורען, ארבייטען שווער, שווער, געוואוינען זיך צו צום נייעם לעבען.

אַ יונגער בחור פון אַ יאָר צוואַנציק, אַ חסידישער בחור, וואָס איז שטענדיק געזעסן איבער דער גמרא, האָט אונז איבערגענומען אין זיין רשות צו ווייזען אונז נחלת יעקב.

ער איז אַ חלוץ, זאָגט ער. אָרעם געקליידט, ארבייטס־מלבושים. רעט נאָר העברעאיש, מאַמע מיינע ! איך האָב נאָך קיינמאָל ניט געהערט אַ מענטשן אַזוי רעדן !

אַ יונגער מענטש רעט אַלעמאָל פעסט, זיכער, פול האָפנונג, פול פייער. די פייערדיקע יוגנט. אַ מענטש וואָס טראָגט אַ וואונדערלאַכן גלויבן אין זיך, אַ הויכע אידעע אין זיין האַרץ, און ער אַרבעט פאַר דעם, רעט אויך זיכער, פעסט, פייערדיק, פול האָפנונג.

איך האָב באַגעגענט אַ סך יונגע מענשען מיט טיפן גלויבן און וואונדערלאַכע אידעען, איך האָב זיי געהערט רעדן. איך אַליין רעד אויך אַמאָל אין דעם זעלבן טאָן. אָבער קיינער האָט נאָך ניט גערעט אַזוי ווי דער יונגער חסידישער בחור־חלוץ פון נחלת יעקב, קיינער ניט.

א הויכער בחור, שוין ניט די היימישע חסידישע איינגעבויגנ־קייט, גייט ער רואיק, פעסט, גייט ניט נערוועז, רעט ניט נערוועז, רעדט רואיג, געציילט, אבער: וואו האט דער בחור גענומען אזא וואונדערליכע פרייד אין זיין הארץ? וואו האט ער געשעפט אזוי־פיל האפנונג, וואס קלינגט ארוים פון זיינע רייד?

ער רעט ניט פייערדיג, נאר די שטילע ווערטער גליען ווי אותיות פון פייער, די ווערטער ליכטן פאר מיינע אויגן און די קלאנגען — אזא וואונדערלאך געזאנג.

איך האב געלאזען דעם גלות, זאגט ער, איך בין געקומען אהער בויען, שווער, אבער איר ווייסט גארניט ווי גרינג עס איז, עס איז אזוי גרינג און גוט.

די ווערטער האב איך געהערט א סך מאל פון מענטשן. קיינעמס האבן ניט אזוי געקלונגען אין מיינע אויערן ווי דעם חסידישן בחור׳ס. דאס האט געזאגט א מענטש, וואס איז אנדערש פון אלעמען. ער רעדט אנדערש, ער גלויבט אנדערש. אזא גלויבן איז דער יסוד פאר דעם ריינעם דערהויבענעם, מיט׳ן אייגענעם ווילן אויסגעבעטענעם גיין על קידוש השם.

דער בחור האט אונז אריינגעפירט אין שטאל, וואו עס זיינען געשטאנען עטלאכע יונגע שטיק פיה, האט ער זיי ארומגענומען און גענלעט און רעדענדיק שטיל, האבן זיינע רייד מיר אנגעצונדן מיט הייליגע קנאה צום וואונדערלאכן גלויביקן בחור.

א חסידישער בחור פון א גרויסע פוילישע שטאט. ער האט זעלטן געזען א קעלבל, אודאי קיינמאל ניט אנגערירט. ווי קומט צו א בית־המדרש בחור ארומגיין מיט א קעלבל?

האלט ער ארומגענומען דאס קעלבל, גלעט דאס; מיט וויפיל ליבע, נאטירליכע, ניט אנגעשטרענגט, ניט געמאכט, גלעט ער דאס קעלבל, רעט שטיל מיט שטילע ווערטער, וואס בריען זיך ארייין אין הארץ אריין, און וויפיל גלויבען! וואו האט דער בחור דעם שטארקן גלויבן געקראגען?

אין עמק, אין ארץ ישראל.

ער האט אים אין פוילען ניט געקאנט האבן. זיין גלויביג בלוט האט אנגענומען שטארקען גלויבן אין עמק יזרעאל.

דער בחור האָט זיין פייעריקן גלויבן אין מיין בלוט אריינגעגאָסן.
און איך האָב זיך געלאָזט פירן פון דעם גלויביקן בחור.
מיר פאָרן אין עמק, אין עמק יזרעאל.

דער עמק איז געווען ליידיג, פוסט. פול מיט קדחת קרענק, דאָ און דאָרט אַביסל אַראַבער, אַ הייפל, זיינען זיי אויך געפאַלן ווי די פליגען פון קדחת.

איצט בליט דער עמק. אַלץ וואָס בליט אין אים, בליט פון און דורך אידישע הענט. דאָס וואָס בליט איז אידיש. דאָס וואָס איז גרין איז אידיש.

געשטאַנען אַ חרוב׳ער טאָל. אַ קראַנקער טאָל. זיינען געקומען אידן און האָבן אים געבויט, געמאַכט געזונט, אויסגעהיילט.

דאָס אַליין אַ לעגענדע. איז אין דער איינער דאָ אַ צווייטע לע־גענדע —

דער יאַבלאָנער רבי מיט זיינע חסידים אין עמק.

מיר געדענקען דאָך וואָס חסידים האָבן געטון צום ציוניזם. וויפיל צרות און פיין זיינען אויסגעשטאַנען ציוניסטן פון חסידים! טעג און נעכט איז דאָך וויניק אויסצודערציילן די מגילה פון די חסידישע רדיפות אויף ציוניזם און ציוניסטן.

און מיט אַמאָל — איז געקומען דער יאַבלאָנער רבי נאָך ארץ ישראל. האָט מיטגעבראַכט חסידים מיט זיך, און באַזעצט אין עמק. משיח׳ס צייטן. אויף יעדן שריט אַ נס, יעדע רגע אַ וואונדער

ו ו א ו נ ד ע ר ל י כ ע   פ ר י י ד

ח

— איר פאָרט באַשרייבן ?
— איר׳ט באַשרייבן ארץ ישראל ?
— איר׳ט שרייבן „איינדריקע“ ?

די פראַגען האָבען מיר געשטעלט אידען צוטשעפעניש אויף דער שיף און אויך אין ארץ ישראל.

און איך האָב אַלעמען געענטפערט דעם דאָזיקן איינציקן ענטפער :

לאָזט מיך צורו. איך פאָר נישט באַשרייבן. איך פאָר ז ע ן. איך גיי נישט אויסקוקן, אויסשפּירן כדי צו „באַשרייבן". נאָר ווי אַ איך פאָר איך זען דאָס לאַנד פון אונזער חלום, דאָס לאַנד פון אויפוואַכן. איך פאָר זען.

איך האָב דעריבער נישט געוואָלט נעמען „אינטערוויוס". איך האָב אויסגעמידן צו פרעגן זשורנאַליסטישע פראַגעס כדי אַרויסצו־צאַפּן ענטפערס. איך האָב נישט געזוכט קיין איינצלהייטן, נאָר דאָס גאַנצע צו זען און איינזאַפּן אין זיך דאָס ליכט פון גאַנצן.

ווען איך בין אַריינגעקומען צום יאַבלאָנער רבי, האָב איך זיך אָוועקגעזעצט אויף אַ שטול קעגנאיבער אים. אויסגערעט אַ וואָרט־צוויי און געקוקט אויף אים שווייגנדיקערהייט. געשוויגן, געקוקט און געזען.

איך האָב אַזוי געוואָלט זיצן שעה'ן לאַנג, טעג נאָך טעג זיצן כסדר און קוקן אין זיין פּנים, קוקן אין זיינע אויגן, קוקן און זען דאָס שטילע ליכט וואָס רוט אויף זיין אײדל־רבי'ש וואונדער ווייכע הויט.

רייד, פראַגן מיט ענטפערס שטערן, פאַרטומלען די אויגן, ציען־אָפּ די קאָנצענטרירטע אויפמערקזאַמקייט, לאָזן נישט זען טיף. איך האָב געוואָלט טרינקען די שיין פון זיינע אויגן, איינזאַפּן דאָס ליכט, עס איז געווען קלאָר פאַר מיר, אַז דאָס ליכט איז הייליג.

איך געדענק מעשה'ס פון בעל שם הקדוש ער האָט געגאַרט צו פאָרען נאָך ארץ ישראל. האָט ער זיך אויפגעזעצט אויף אַ וואָגען פאָרען, איז צעבראָכען געוואָרען אַן אַקס. האָט ער זיך אויפגע־זעצט אויף אַ שיף, איז זי אין אַ שטורם צופאַלען אויף שטיקער. האָט ער זיך אָנגעכאַפּט אָן אַ ברעט און געוואָלט שווימען, האָט מען אים מודיע געווען פון הימעל, אַז ער טאָר נישט פאָרען.

און דאָ — דער יאַבלאָנער רבי האָט גענומען זיינע חסידים נאָך ארץ ישראל און זיי באַאַרבייטן די ערד.

איך קוק אויף דעם יאַבלאָנער רבי. רב חיים יחזקל טויב הייסט ער. געמערכט איז די גמרא אַז אַ נאָמען פאַסט זיך צום מענטשן. אַ נאָמען דערציילט ווער איז דער מענש.

טויב הייסט ער. ווי אַ טויב האָב איך אים געזען. שטיל און

גליקליך ווי אַ טויב וואָס איז אַרויס פון געפענגניש, פון שטייג.

אַ יונגער מענש איז דער רבי. אַ שטיל פנים. אָבער עס רעדט מיט ליכט. אַ ליכט אויפ׳ן פנים, אַ וואונדערליכע וואַרימע, לייכ־טענדיגע זון שיינט פון זיין פנים אַרויס. אַ זיס ליכט, וואָס לייכט אויף דאָס הארץ ביי מיר מיט טויזענט פרייד און טויזענט ליכט.

און איך האָב פאַרשטאַנען וואָס עס מיינט אור הגנוז.

און איך האָב עס נאָר געזען איינס און איינציק. אין רבי׳נס חדר אין נחלת יעקב.

איך האָב געקוקט אויף נחלת יעקב און זיך דערשראָקן פאַר די מורא׳דיגע שווערינקייטען, וואָס דאָס לעבען טראָגט אין זיך, וואָס עס טראָגט די קאַלאָניע אין זיך. דאָס אָרט איז נאָך נישט אינגאַנצען געזונט, קדחת לויערט נאָך אין זיינע ווינקלען.

איך האָב מיך דערשראָקן פאַר דעם מורא׳דיקן עול, וואָס נחלת יעקב טראָגט אויף זיך.

אין רבין׳ס אויגן האָב איך אָבער באַמערקט אַזאַ שטילע איבער־צייגענדיגע רואיקייט, אַזאַ זיכערקייט פון אויסלייזונג און דער־גרייכונג.

איינער קען אַ וועלט. איינער קען אַן אַלטן, מאוים׳דיקן גלות. איינער אַן אויסגעלייזטער, וואָס ציט זיין עולם צו אויסלייזונג.

עס איז נישט די צענדליקע משפחות חסידי׳שע וואָס דער יאַבלאָנער רבי האָט אַרויסגעצויגען מיט זיך פון גלות. עס איז די וואָס ער וועט נאָך אַרויסציען. אַלע וואָס וועלען קומען שפּעטער, וועלן קומען געצויגן פון זיין קראַפט. זיין פאַרבאָרגענער ווילן, וועט ציען נאָך אים.

אין אַ מורא׳דיגער גלות צייט, ווען ס׳געפינען זיך רבי׳ס, וואָס שטערן דעם נייעם אויפבוי, איז דער יאַבלאָנער רבי געווען דער ערשטער, וואָס האָט געזאָגט און זאָגט מיט דעם קול פון אַ שבועה, אַ הייליקע שבועה צום לאַנד, אַז הייליק איז ארץ ישראל פון עק ביז עק, אַז הייליק איז יעדער איד, וואָס איז אין ארץ ישראל.

ער איז נישט בודק ארץ ישראל. ער האָט נישט מורא פאַר דער אויסראָטנדיקער קדחת, ער איז אויך נישט בודק דעם אידן אין ארץ

ישראל. ארץ ישראל רייניגט, לייטערט, הייליגט, אבי מען איז אין ארץ ישראל. אבי מען בוימ.

דער מענש קאן איבערקערען א וועלט. פון דעם ליים געקנאָטען, אין דעם פייער אויסגעברענט זיינען אמאל געוואָרען די מענשען מיט טויזענטער יאָרען צוריק. וואס האבען ניט מורא געהאט פאר די מלכים, נאָר זיי געברענט מיט פייערדיקע שטראף־רייד ווי מיט פייערדיגע ריטער.

ער איז געזעסען אין א יארמולקע אויף א שטול לעבן טיש אין זיין חדר, אין נחלת יעקב און גערעכענט די שווערע חשבונות פון דער קאָלאָניע. איך בין געזעסען קעגנאיבער אים און אים געזען.

אויף דער זעלבער ערד, אין עמק, וואו מיט יאָרען צוריק האבען אין ליימענע נארעס מיט שרעק געלעבט רעשטלאך אראבער; דאָרט וואו ס'זיינען געהערט געוואָרען די קלאָג־לידער פון די אראבער, וואָס האָבען באוואוינט זייערע טויט־געפאלענע פון קדחת, הערט זיך איצט דאָס אלטע זמירות געזאנג, הערט זיך דאָס טאנצערייי פון חסידישע ריקודים, הערט זיך דאָס נייע געזאנג פון אויפבוי, הערט זיך דאָס געזאנג פון לעבען, פון א ניי באפרייט לעבען.

מיין הארץ הערט די אלע געזאנגען. איך זיע לעבן רבי, דער וואונדערלאכער בחור שטייט פון ווייטנס און קוקט שטיל מיט אזא מעכטיגער פרייד, וואָס שאלט פון זיין בלוט ארויס.

איך קוק אויף דעם רבי. און זעה א בילד פון ערשט ניט לאנג צוריק:

מחנות חסידים ברענען מיט שנאה צום נייעם ארץ ישראל. זיי שליידערן אין חרם איטליכן וואס בהענגט ארץ ישראל אויף זיינע ליפּן.

וויפיל אזעלכע זיינען איצט דא אין נחלת יעקב? וויפיל האט דער יאבלאָנער רבי אויסגעלייזט פון דער דאזיגער שנאה און זיי אנגעפילט מיט ליבע. וויפיל סוחרים, וויפיל פאבריקאנטן האט ער פון דעם פרעמד־געמויזעכץ ארויסגעצויגן ? באפרייט פון דער שנאה אנגעפילט מיט אהבה איז אויסגעוואקסן א פרייד, וואס מאכט גרינג די שווערע משא אויף זייערע פלייצעס.

— העי! איר אַלע זאָטע, איבערזעטיגטע רייכע לייט, וואָס קיינמאָל האָט איר קיין פרייד נישט, קיין מאָל לייכט נישט אויף אַ שמייכל אויף אייערע פון זעטיקייט אויסגעטריקענטע ליפּן, פאָרט אַהין, אַהין, נאָך נחלת יעקב, שטעלט זיך אַוועק אויף אַ שעה קוקן אויף דעם רבי, קוקן אויף דעם בחור, קוקן אויף דעם עמק, קוקט אויף דער חסידישער קבוצה, און איר וועט דערזען פרייד, איר וועט זיך אַנטרינקען מיט פרייד און אַ נס וועט געשען מיט אייך, אייער לאַנג־ווייליגקייט וועט פאַרשווינדען, די זויערע ביטערקייט פון אייערע הערצער וועט צוגיין און אַראָפּגיין, און אַ שמייכל וועט אויפלייכטן אויף אייערע ליפּן און זיך פאַרשפּרייטן אין אייער בלוט.

אייער בלוט וועט זינגען פאַר פרייד.

נאָר דעמאָלט וועט דאָס זיין אַזוי, ווען איר וועט נישט נעמען רעכנען מיט אַ בליישטיפט אָדער מיט מאָדערנע רעכענמאַשינקעס, צי עס לוינט, צי עס ברייננגט רוחים.

קוקט מיט ריינע, נישט אויסשפּירערישע אויגן אויף דער אויסגעלייזטער פרייד און איר וועט זי זען, — זי וועט אַריין אין אייער בלוט.

ק ד ו ש ה

ט

איך בין אַריין אין עטליכע הייזער, האָב דאָרט געטראָפען מיטעל־יעריגע פרויען און דער עיקר — יונגע.

רעדען זיי צווישען זיך אַ סך פּויליש. מחמת געוואוינ־הייט פון זייער פּוילישער היים. זיי זיינען דאָך ערשט גע־קומען אַהער. זיי ווילען אָבער זיכער רעדען העברעאיש.

מיט עקשנות זיינען זיי געקומען אַהער, מיט עקשנות אַרבייטען זיי און בויען, מיט עקשנות פירען זיי איין העב־רעאיש. מיט זייער עקשנות קענען זיי מאַכען פון בערג טאָלען און פון טאָלען — בערג.

איך האָב גערעדט מיט מיינע לאַנדסלייט, די פּויליש־אידישע פרויען פון נחלת־יעקב. איך האָב געקוקט אויף

זיי מיט וואונדער : אידישע פרויען פון פוילישע שטעדט זיי־נען געקומען אהער טראגען דעם גרויסען יאך פון בויען דעם עמק ! דאס איז נאך מער וואונדער, ווי דאס וואונדער מיט די מענער.

איך האב געקענט פארשטיין די מענער. איך האב גע־קענט פארשטיין — אומפארהייראטע פרויען, מיידלאך, לא־זען איבער פוילען און פארען קיין ארץ־ישראל, אבער פרויען פארהייראטע, מאמעס פון קינדער, פרויען פון גרויסע סוחרים, פאבריקאנטקעס, גרויס־שטעדטישע דאמען, פויליש־רעדענדע — איז דאס משיח׳ס צייטען .

שטיל, שעמעוודיג, זיינען די פרויען פון נחלת־יעקב, חסידיש באשיידען. א וואונדערליכע רואיגקייט רוט אויף זייערע שיינע איידעלע פנים׳ער. די שווערע לאסט, די שווע־רע ארבייט האבען זיי נישט צובראכען, נישט געמאכט מיד. זיי זיינען פריש, יונג, הייטער ,לעבעדיג.

זיי האבען שטיל גערעדט צו מיר, דערציילט, אז זיי האבען איבערגעלאזט געשעפטען, רחבות אין די פוילישע שטעדט. עס טוט זיי נישט באנג. איך האב דאס געהערט אין זייערע רייד, איך האב דאס געזען אין זייערע אויגען.

זיי האבען געקוקט אויף מיר נייגעריג — א לאנדסמאן, א פוילישער איז געפארען נאך אמעריקא און איז געקומען אהער צו זיי, נאך ארץ־ישראל.

איך האב נישט געזען, זיי זאלען מיך מקנא זיין, וואס איך בין אין אמעריקא. נאר: נישט נאר פארט מען פון פוי־לען נאך ארץ־ישראל, נאר אויך פון אמעריקא.

איך האב געקוקט אויף זיי און געזען: זיי האבען געהאט דינסטען אין פוילען, א טייל פון זיי האט אפשר געהאט צו עטליכע דינסטען. געגאנגען אין זייד און אטלאס. און דא גייען זיי אנגעטאן אין פראסטע קליידער, ארבייטען אזוי שווער, אזוי שווער. און דאס אלץ האט זיי נישט געמאכט נערוועז, נישט אומגעדולדיג, שטיל און רואיג זיינען זיי, זיי

פיהלען די קדושה פון זייער קומען אהער, פון זייער וואוינען דאָ, פון זייער שווערער מי און ארבייט.

פון די הייזער בין איך אריין אין בית־המדרש. האָב גע־טראָפען דאָרט עטליכע אידען אין טליתים און אָהן טליתים. אידען מיט לאַנגע געדיכטע בערד, חסידישע פנים׳ער. האָב געקוקט אויף זיי מיט התפעלות, מיט התלהבות, מיט באוואונ־דערונג. די סוחרים, די הענדלער פון מיינע פוילישע שטעדט־לאַך זיינען געקומען אהער.

זיי האָבען, ווייזט אויס, געזען דאָס התלהבות אין מיינע בליקען און זיי האָבען זיך צוגעשטופט צו דער וואַנט, עפּעס ווי זיי וואָלטען זיך געוואָלט איינציען און איינקאָרטשען. אין זייער באַשיידענקייט האָב איך געהערט די דאָזיגע רייד:

וואָס קוקט איר אויף אונז אזוי? וואָס באוואונדערט איר אונז? מיר זיינען נישט ווערט מען זאָל אונז באוואונדערן. מיר זיינען פשוט׳ע מענשן. און אז מיר זיינען געקומען אהער נאָך ארץ ישראל, קומט שוין אונז מען זאָל אונז באוואונדערן? מיר זיינען פשוט׳ע אידן. מיר זיינען געקומען זוכן און געפינען אַ רואיק אָרט, אַ רואיק לעבן אין אונזער לאַנד, אין לאַנד פון אונזערע אבות. און אַז אַ זון קומט אהיים אין לאַנד פון זיינע פאָטערס, קומט אים באַ־וואונדערונג?

דאָס האָב איך אַרויסגעלייענט פון זייער איינפאַכער, באַשיי־דענער האַלטונג.

אין דעם אונטערשיידן זיי זיך פון דער יוגענט אין די קאָ־מוניסטישע קבוצות. דאָרט איז די יוגענד מער זעלבסטבאַוואוסט, מער אַרויספאָדעריש, זיי פילן שטאַרק די גרויסע אויפגאַבע, וואָס זיי דערפילן, זיי האָבן אין זיך די חוצפה פון וועלט־איבערקערער, פון וועלט־איבערבויער.

חסידים האָבן אין זיך פעסטקייט, חוצפה. זיי זיינען מבטל אַלעמען, וואָס זיינען נישט קיין חסידים.

אין נחלת יעקב האָב איך נישט געזען די חסידישע חוצפה. אדרבה, נאָר גרויס באַשיידענהייט. אפשר דערפאַר, וואָס

פאר זיי אליין איז דאס א וואונדער, זיי זיינען געקומען אהער, מיט יארן צוריק האבן זיי נישט גע'חלום'ט דערפון.

עס האט זיך ביי מיר ארויסגעריסן איין ווארט :

— נו ?

— געלויבט השם יתברך, מיר האפן דער אויבערשטער וועט אונז העלפן, מיר'ן לעבן בשלוה. מיר'ן לעבן רואיק ווי אידן, און מ'זעמיר דאך אין ארץ ישראל.

שטיל. באשיידען. אהן גאוה, אהן ארויספאדערונג.

איך בין אריין אין בית-ספר. אין דרויסען ווארט א מחנה קינדער — אינגלעך, מיידלעך. אין בית ספר שטייט דער לערער און לערנט מיט א קלאס. עברית בעברית. א גמרא קלאס, אויך אויף העברעאיש.

העברעאיש ווערט אריינגעשלאגן אין מוח, איינגעפלאנצט אין הארצן, די צונג ווערט העברעאיזירט.

איך האב זיך שוין דורכגעשמועסט מיט קינדער אויף העברעאיש. דאס ווארט וואס פעלט זיי פילן זיי אוים מיט אידיש אדער נאך מער מיט פויליש.

עס וועט נישט אוועק א גאנץ יאר און די קינדער וועלען רעדען נאר העברעאיש. שפעטער וועלן די מאמעס זיך אויך געוואוינען צום-העברעאיש. די טאטעס געוואוינען זיך, זיי רעדען אידיש, אבער דער העברעאישער פראצענט אין אידיש איז גרעסער ווי אידיש.

דער רבי וויל אז נחלת יעקב זאל זיין גאנץ און פולשטענדיק ארץ ישראל'דיק.

באארבייטען די ערד. רעדען העברעאיש. אלץ מיט קדושה, מיט טהרה.

באוואונדערען אים אין זיין דרך די חסידים, באוואונ־דערען אים אין זיין דרך די קאמוניסטען.

און ווען מען זעט די קליינע קינדערלאך מיט זייער פרייד, די פרייע פרייד אין נחלת יעקב און מען זעט דעם רבי, זאגט מען :

מעגן נאך זיין רבי'ס, וואס שטערן דעם נייעם אויפבוי פון ניי ארץ ישראל — דער יאבלאנער רבי מיט זיינע חסידים איז זיי

מטהר, ווישט אָפּ זייער שאַנד און דערהויבט דאָס חסידימטום פון היינט.

שטיינער

אין קיין לאַנד האָב איך נישט געזען אזוי פיל שטיינער ווי אין ארץ ישראל. אויף די בערג שטיינער. אין די טאָלען — שטיינער. אַ לאַנד באַדעקט מיט שטיינער.

ווען איך האָב דאָס געזען, האָב איך פארשטאַנען דעם פאַרגלייך אין מלכים. אַז „שלמה המלך האָט אָנגעבראַכט אזוי פיל זילבער נאָך ירושלים וויפיל שטיינער".

איך האָב אויך פאַרשטאַנען פאַרוואָס דער שטיין ווערט אזוי אָפט דערמאָנט אין תנ"ך. פאַרוואָס ביי איטליכע געלעגנהייט האָט מען זיך באַנוצט מיט שטיינער. עס איז געווען דער פּאָפּולערסטער אַרטיקעל אין לאַנד. האָט מען געבויט נאָר מיט שטיינער, געשטעלט מזבחות פון שטיין, און אַז יעקב האָט געוואָלט כאַפּען אַ דרימעל, נאָך פערצען יאָר נישט שלאָפען נעכט, ווייל ער האָט געלערענט אין שם ועבר'ס בית המדרש, האָט ער זיך געלייגט צוקאָפּענס שטיינער.

איז נישט אזוי גרינג צו גיין מיט אַמעריקאַנער האַלבע שיך איבער די שטיינער צווישען דעם ווייסען קאַלך־זאַמד, דרייט מען זיך אוים די פיס. פונדעסטוועגען האָף איך שוין אויף דעם טאָג וואָס דער אויבערשטער וועט מיר העלפען ווידער צו זיין אין ארץ ישראל.

מיר, די געסט אין ארץ ישראל, גייען צווישען די שטיינער און איבער זיי. די ארץ ישראל'דיגע צוטראַגען די שטיינער, קלייבען זיי אויף, רייניגען אָפּ די ערד, אַקערען זי, פלאַנצען זי — אונז איז גרינגער.

בערג

אין מיין שטעדטעל איז געווען אַ שטיקעל באַרג, אין אמת'ן — נאָר אַ בערגעל. אין מיינע אויגען איז דאָס דאָזיגע בערגעל געווען דער העכסטער באַרג, אַן אררט. איך בין געווען זיכער, אַז

אויף דעם באַרג וועט זיך שטעלן אליהו הנביא בלאָזן מיט'ן שופר פון גאולה.

אַזוי האָט געגלויבט איטליך אינגעל פון שטעדטעל. איז אַזוי געווען אין אַנדערע שטעדטלאַך אויך.

האָב איך אָבער דערזען די ארץ ישראל בערג, האָבן בערג־פּאַקעלען זיך אָנגעצונדען אין מיר. בערג פון חומש, פון פּסוק, האָבן אָנגעהויבן טאַנצן פאַר מיינע אויגען. ערשט האָב איך דערזען בערג, נאָענט, אייגענע — מיינע אַלטע, אַלטע בערג.

אָט — — דאָס — — איז — — דער — — תבור ?

גרויס און רונדיג, א ריזיגע יאַרמעלקע שטייט אין טאָל. קינד־ווייז פלעג איך זיך שפּילען מיט דער יאַרמעלקע, זי אַוועקשטעלען אויפ'ן טיש. אַ חסידיש קאַפּעל. אָט אַזוי האָט דער באַשעפער זיך אַמאָל געשפּילט מיט דעם קאַפּעל און אַוועקגעשטעלט — דאָס איז דער תבור.

איך קוק אויפ'ן תבור. און זע ליכטיג ווי דבורה די נביאה און ברק בן אבינועם האָבן פאַרזאַמעלט אַהער צען טויזענד אידען, פון די הרי נפתלי האָבן זיי איינגעזאַמעלט די קריגער. זיי באַדעקען דעם באַרג. פול איז דער באַרג מיט די בני ישראל. סיסרא קומט אַן אין טאָל מיט זיינע ניין הונדערט רייט וועגען. דבורה און ברק מיט צען טויזענד לאָזן זיך אַראָפּ פון תבור, איך זע דאָס געלויף פון באַרג אַראָפּ. סיסרא מיט זיינע העלדען ווערען צוטומעלט, צולויפען זיך, יאָגען זיי די צען טויזענד, צוטרייבען זיי אויף אַלע זייטען, פאַריאָגען פון עמק.

און אָט זיינען די הרי גלבוע.

איך האָב נישט געזען בלויז די נאַקעטע, פאַרשאָלטענע גלבוע בערג, איך האָב זיי געזען באַשאָטען מיט אידען. די מלחמה מיט די פּלשתים. די פּלשתים זיינען שטאַרקער.

א סך פון די בני ישראל זיינען געפאַלען דערשלאָגענע. שאול המלך איז אַרומגערינגעלט מיט די געפאַלענע. צווישען די חללים ליגען זיינע זין. ער זעט אַז זיין סוף איז נאָענט. בעט ער זיך ביים נושא כלים:

— צי אַרוים דיין שווערד און דערשטעך מיך, טאָמער וועלן קומען די ערלים און מיך דערשטעכען און שענדען מיין קערפּער.

דער נושא כּלים וויל אָבער נישט טויטען זיין מלך. פאַלט שאול אויף זיין שווערד. און דער נושא כּלים זעט אַז זיין מלך איז געפאַלען אויף דער שווערד, פאַלט ער אויך אויף זיין שווערד און שטאַרבט מיט אים אינאיינעם.

אַזוי האָב איך געזען די הרי גלבוע. דאָס בילד וואָס האָט אין דעם אינגעלע אַרויסגערופען אַזוי פיל ווייטאָג און צער, האָב איך איצט געזען באַשיינפּערליך פאַר די אויגען. און האָב אויפסניי איבערגעלעבט יענעם ווייטאָג און צער.

דער תּבור האָט מיר געוויזען נצחון. די הרי גלבוע — מפּלה. אָבערביידע זיינען אייגענע, אונזערע. עס איז נישט אַ מעשה פון אַן אַנדער פאָלק, אַ פרעמד פאָלק, עס איז אַ מעשה פון אונזער פאָלק, פון אונזער לאַנד. אַ מעשה פון אונזערם אַ מפּלה, אַ מעשה פון אונזערם אַ נצחון.

באַלד צוויי טויזענד יאָר זיינען מיר אַוועק פון יענע בערג. אָבער קיין באַרג פון קיין אַנדער לאַנד קען מיר נישט דערציילען אַזעלכע נאָענטע מעשות, ווי די בערג פון ארץ ישראל.

העברעאיש

ארץ ישראל לעבט אויף, העברעאיש לעבט אויף.

מען רעדט אויך אַנדערע לשונות אין ארץ ישראל. מען רעדט אַ סך אידיש, נו, איז וואָס? זאָל מען עס פּאָליצייאיש פאַרווערען? זאָל מען אויסשניידען די צינגער וואָס רעדען אידיש? מען רעדט אַ סך לשונות אין אַמעריקאַ, ווייזט דאָס אָבער אַז ענגליש איז נישט די הערשענדע?

ווען איך פאָר אויס אַ לאַנד און זע אויף איטליכען געשעפט, אויף יעדער אינסטיטוציע נאָר העברעאישע שילדען — איז העברעאיש נישט הערשענדיג? ווען דער גאַנצער יונגער דור רעדט נאָר העברעאיש — איז העברעאיש נישט הערשענדיג? ווען די אימיגראַציאָנס בעאַמטע רעדען מיט אונז העברעאיש — איז העברעאיש נישט הערשענדיג?

עס איז דאָ אַביסעל אַלט־מאָדישע לייט פון „אגודה" קאַליבר, וואָס האַלטען, אַז צו רעדען העברעאיש איז אַן עברה, נאָר דערפאַר ווייל דער פרייער עולם האַלט אויך פון העברעאיש. לאָמיר צו־געבען, אַז זיי לאָזען נישט זייערע קינדער רעדען העברעאיש. אָבער די קינדער קענען די שפּראַך און זיי רעדען זי אויך.

ביי פרומע אידען אַמאָל איז געווען אַ מצוה צו רעדען העב־רעאיש. זיינען דאָ היינט אַזעלכע איבערגעשפּיצטע פרומע, נישט קיין סך זיינען זיי, וואָס האַלטען העברעאיש רעדען פאַר אַן עברה. טאָ וואָס באַווייזט דאָס, אַז העברעאיש איז נישט הערשענ־דיג ?

מענער און פרויען, וואָס האָבען די שפּראַך אין זייערע פריערדיגע לענדער נישט געלערענט, קומען אַן נאָך ארץ ישראל, ווילען זיי קענען העברעאיש. אויב נישט איטליכער לערענט זיך אויס, לערענט זיך אויס איטליכער אָנגעקומענער נאָך אַמעריקאַ גוט ענגליש ?

שוואַכהאַרציגע

אויף דער שיף מיט מיר זיינען געפאָרען אידען מיט דער דעה זיך צו באַזעצען אין ארץ ישראל. אַ טייל פון זיי איז טאַקע פאַרבליבען. איך האָב זיי אין עטליכע טעג אַרום געטראָפען אין ירושלים און זיי האָבען מיר געזאָגט, אַז זיי בלייבען.

נאָר צוויי אידען וואָס האָבען געזאָגט, אַז זיי ווילען זיך באַ־זעצען, האָב איך צומאָרגענס נאָכ'ן אַראָפּגיין פון שיף געטראָפען אין חיפה. זיי האָבען נאָך חוץ חיפה גאָרנישט געהאַט געזען. און אומגעפרעגט האָבען זיי מיר געזאָגט אַזוי :

— מיר האָבען „געטשענדזשט" דעם „מיינד". מיר פאָרען צוריק. דאָ איז נישט פאַר אונז.

איך האָב זיי גאָרנישט געזאָגט. איך וויל דאָך נישט אונטער־נעמען זיך איינצורעדען די רייכע לייט פון אַמעריקאַ, זיי זאָלען דוקא יאָ זיך באַזעצען אין ארץ ישראל. זיי האָבען מיך אָבער אויך נישט אָפּגעשראָקען. איך האָב דאָך געלערענט אַזוי:

ווען מען האָט זיך געגרייט צו אַ קאַמף האָט מען אַלעמאָל

געזאָגט, אַז די שוואַכהאַרציגע זאָלען זיך אומקערען פון שלאַכט־פעלד. מיט די שטאַרק־האַרציגע וועט מען געווינען דעם קאַמף.

אויב די צוויי אַמעריקאַנער רייכע לייט און נאָך אַזעלכע ווי זיי זיינען שוואַכהאַרציג, איז דאָ גענוג שטאַרקהאַרציגע אין די אייראָפּעאישע לענדער, וואָס קומען אויף דעם שלאַכט־פעלד. מיט זיי וועט מען האָבען דעם נצחון.

זכרון יעקב

איך בין געווען אין צוויי פון די עלטסטע קאָלאָניעס. אין זכרון יעקב און אין פתח־תקוה. איך האָב זיך פלוצלינג דערזען אין צוויי היימישע קליינע שטעדטלאַך. אודאי איז דאָ אַן אונטערשיד צווישען דעם שטעדטעל פתח תקוה און אַ שטעדטעל אין פוילען אָדער ליטאַ. אָבער ווייט אַוועק זיינען זיי נישט.

איך בין נישט באַגייסטערט געוואָרען פון זיי און פאַר זיי. מוז דען יעדער שריט און טריט אין ארץ ישראל ארויסרופען באַגייסטערונג ביי מיר אָדער ביי אַ צווייטען איד, וואָס קומט פון גלות ? ווייניגער פון באַגייסטערונג שטייט אונז נישט אַן ? שמעקט נישט אונזער געצערטעלטען גלות־גומען ?

אויב מען זעט איצט נישט אין די אָדער די אַנדערע אַלטע קאָלאָניע דאָס מסירות נפש, וואָס מען זעט אין די קבוצות, טויג עס שוין נישט ?

האָבען די גרינדער, די ערשטע פון די אַלטע קאָלאָניעס, געהאַט אַזוי פיל מסירות נפש וויפיל עס האָבען די היינטיגע אין די קבוצות. די אַלטע זיינען געגאַנגען אויף קידוש השם ווי די **היינטיגע.**

פון זייער בויען האָבען מיר אָפּגעשפּאַרט באַזעצטע פונקטען, וואָס זיינען פריער געווען וויסט, און אין נישט אידישע הענד.

אַ צייכען פון מסירות נפש, פון קידוש השם, האָב איך געפונען אויך אין פתח־תקוה, אויסער די באַיאַרעס און די גאַסען מיט הייזלאַך, — דאָס קבר פון יונגען גיסין, וואָס איז געפאַלען אין קאַמף צו באַשיצען דאָס לאַנד.

איז דאָס ווייניג ?

די וואָס קרימען זיך נאָר זעענדיג אַזעלכע שטעדטלאַך אידישע אין ארץ ישראל — פאַר זיי איז דאָ איין ענטפער :

— דאָס איז אַן אַלטע גוי׳שע טענה. אַ טענה פון שונאי־ישראל. די גוים פאַדערען נאָר אַז אידען זאָלען זיין בעסער פון אַלעמען אויף דער וועלט. טאָמער טוט אַ גוי אַ זאַך און אַ איד טוט דיזעלבע זאַך, און עס איז דאָ אויסצווזעצען קעגען דעם, שרייען די גוים אויפ׳ן איד און לאָזען צורו דעם גוי.

אַזעלכע שטעדטלאַך זיינען דאָ אין אַלע לענדער אויף דער גאַנצער וועלט. אין פּוילען, אין ליטאַ, אין רומעניע און אין אַמעריקאַ. פאַרוואָס טאָרען נישט זיין אַזעלכע שטעדטלאַך אין ארץ ישראל ? מוז דאָס ארץ ישראל געבויט ווערען בלויז לויט איין אָנצייכנונג און מאָס ? ווי אַ איד בויט דאָס פאַרוויסטע לאַנד, געבענשט זאָל ער זיין, ווייל ער בענשט, ברענגט דערמיט אַ ברכה דעם לאַנד.

אין זכרון־יעקב בין איך געווען אין קעלטער און אין עטליכע קרעמלאַך, גענאַנגען איבער די גאַסען. געזען אידען אַרבעטער נאָך דער אַרבעט, האָרעפּאַשניקעס אָפּרוען, לייענען אַ צייטונג און שמועסען. האָב געזען קרעמער אויף די שוועלען שטיין וואַרטען אויף אַ קונה.

איך האָב ליב געקראָגען זכרון־יעקב. אידען וואוינען דאָ, אידען לעבען דאָ, אידען אַרבעטען דאָ, אידען האַנדלען דאָ, יאָ, איך שרעק מיך נישט, אידען האַנדלען. אַ גאַנצע וועלט האַנדעלט — די נשמה פון דער וועלט איז האַנדעל, פאַדערט מען, אַז דווקא אידען זאָלען אויפהערען האַנדלען.

הערט דאַך, גאָט איז מיט אייך, איר,בעלי־טענה ! די גוים שרייען וואָס אידען האַנדלען, מ׳שטופּט אַרויס דעם אידען פון האַנדעל, און איר קרימט זיך אויך, וואָס דער איד האַנדעלט. געגוג גוים גייען אויף זיין לעבען, דאַרף ער נאָך אידישע געגנער ?

איך בין אַריינגעגאַנגען אין אַ געוועלבעל. עס איז נישט צו אָרים. מען זעט אָרימערע אין די אידישע גאַסען פון ניו יאָרק. מיר פון דער רייזע האָב איך גענומען אַ גלעזעל ליקער, אַ גלאָז טיי מיט קיכלאַך און עס האָט מיך געקאָסט שטוינענד ביליג. אין ניו יאָרק וואָלט עס געקאָסט זעקס מאָל אַזוי פיל.

באַדינט האָבען אונז דער בעל הבית און זיינע קינדער. די

דערוואקסענע מיידלאך רעדען נאך רוסיש. אינגאנצען זיינען זיי דא דריי יאר. זיי קומען פון טיעף רוסלאנד. די קלענערע קינדער, זיי לערנען שוין אין שולע, רעדען שוין העברעאיש.

— ווי גייט דאס ?

— שווער. אבער נישט צו פארזינדיגען — ענטפערט דער איד.

ער איז אנטלאפען פון רוסלאנד מיט זיין הויזגעזינט, גע־עפענט א געוועלב און האט פרנסה — איז עס נישט גוט ?

איך האב גערעדט מיט א סך אידען פון זכרון־יעקב. קיינער האט זיך נישט באקלאגט אויף זיין גורל. קיינער האט נישט גע־פרעגט ווען וועט אמעריקא אריינלאזען פרעמדע ?

— וועלכע צייטונג ווערט דא צומייסט געלייענט ? — האב איך געפרעגט די קרעמער.

— דער „דבר“.

די ארבעטער צייטונג.

איך בין געגאנגען אין קעלטער.

אין דער גרויסער מאשינעריי, צווישען די ריזיגע פעסער דרייען זיך ארום אידען ארבעטער, אזוי ווי איך האב געזען אין פראנצויזישע קעלטערס די פראנצויזישע ארבעטער. איין פנים ווי ס'צווייטע אינטערעסאנט. די געזיכטער פערבאפען דיך. אין יעדען קנייטש, אין יעדען צייכען פון פנים דאס עקשנות פון נאטירליך צוגעוואוינטע שווערע מי.

גראד געווען די צייט פון עסען. דער עולם ארבייטער האט זיך אויסגעזעצט ביי א טיש און גענעסען פון טעפלאך. אזוי עסען ארבעטער אין די היימישע פאבריקען און אויף די פעלדער.

איך האב „באקוקט“ — ווי קען מען אנדערש — דעם גאנצען קעלטער, אויסגעוועזן אין אלע ווינקלען, פארזוכט אביסעל וויין און זיך הארציג, ווי א ברודער מיט ברידער, צוזעגענט מיט די ווייג־ארבייטער.

אויף דער שוועל, ביים ארויסגיין, זע איך אן אלטען אידען זיצען. ער טוט דא אויך עפעס און פארדינט זיין ברויט.

— פון אמעריקא ? — פרעגט ער.

— יאָ.

— איך האָב אַ טאָכטער אין אַמעריקאַ. זי איז אַ לערערין.

ווייזט זיך אַרויס אַז איך קען דאָ זיין טאָכטער, אַ העברעאישע לערערין.

— זאָגט איר, בעט מיך דער אַלטער, זי זאָל קומען נאָך ארץ ישראל, וואָס וועט זי דאָרט זיצען?

אַלטע טאַטעס אין די פּוילען־ליטאַ־רומעניע לענדער זיצען און האָפען, זייערע קינדער פון אַמעריקאַ זאָלען זיי אַריבערנעמען צו זיך. קיין פאָטער זאָגט נישט, אַז זיין קינד זאָל צוריקקומען אין די לענדער, אין ארץ ישראל זיצט אַ פאָטער און זאָגט:

— ווען קומט שוין מיין טאָכטער נאָך ארץ ישראל?

מיר פאָרען אויפ׳ן וועג, פון ביידע זייטען באַיאַרעס. בוימער און בוימער. פּאָמעראַנצען בוימער. גלייכע שורות, גרינע בוימלאַך. פּאָמעראַנצען וואַקסען אויף זיי. אידען האָבען זיי געפּלאַנצט. אי־דישע פּרדסים, אידישע כרמים, און — גלות אידען האָבען אַלץ טענות.

וואו עס איז געווען וויסט שטייט אַ פּרדס אַ אידישער, וואו עס איז געווען חרוב׳דיג לאַנד ציט זיך אַ כרם אַ אידישער, אידישע מי, אידישע אַרבעט, אידיש בלוט, אונזער מסירות נפש.

פאַר מיר איז דאָס גענוג, אַ סך. פאַר וועמען דאָס איז ווייניג — וואָס האָט ער אַליין געטון פאַר דעם?

פתח תקוה

אויפ׳ן וועג נאָך פּתח תקוה פון יפו האָב איך זיך געגנוג אָנ־געטרייסעלט, עס האָט מיך געוואָרפן הייזער הויך. אין פּתח תקוה, האָב איך געזען, וואָס אידען האָבען פון דער וויסטער ערד געמאַכט.

אויף דער זאַמדיג, גרוביגער ערד האָבען זיי געבויט אַ שטעד־טעל און געפלאַנצט פּרדסים. פון מדבר געמאַכט אַ ישוב.

איך גיי אַרום, זע די פּאָמעראַנצען גערטנער, שיינע, גרויסע גערטנער, רייען, רייען בוימער, אַ סך, אַ סך. אַנשטאָט בערג מיט שטיינער באַשאָטען. בוימער און בוימער.

פּתח תקוה איז ענליך צו מיין שטעדטעל פון פּוילען. אָבער ווי גרויס איז דאָך דער אונטערשיד צווישען זיי.

אין מיין שטעדטעל איז געווען איין גאָרטען, דער הויפישער סאָד, האָט מען אים גערופען, איז ער געווען דעם פּריץ׳ס. אין מיין שטעדטעל איז נישט געווען קיין אידישער גאָרטען.

אין פּתח תקוה, גערטנער און גערטנער — אידישע גערטנער.

נאָר איין זאַך מוז איך דערציילען פון פּתח־תקוה. אַ מעשה מיט מיינע לאַנדסלייט. איך האָב זיי געטראָפען אין פּתח תקוה.

אַ גאַנצע פאַמיליע. אַ מאַן מיט אַ פרוי און קינדער דערוואַק־סענע. זיי זיינען פון מיין שטעדטעל. איך קען זיי און זייערע פּע־טערס, מומעס, שוועסטער און ברידער, און זיי קענען אויך מיינע.

קום איך אריין אויף דער הויפּט גאַס פון פּתח תקוה און דערזע אַ קליין היימיש הייזעל מיט אַ גאַניקעל און שילד. אַ סאָדע פאַבריקעל. זיינען זיי מיינע לאַנדסלייט.

איך בין געקומען מיט עטליכע חברים. זיינען מיר אריינגע־קומען און זיך געהייסען געבען סאָדאַ וואַסער. אין דער היץ האָבען מיר זיך דערקוויקט מיט דעם קאַלטען טרונק. און איך האָב גע־פרעגט מיינע לאַנדסלייט:

— נו, ווי איז עס עפּעס דאָ? ווי גייט עס אייך?

ענטפערען זיי:

— געלויבט השם יתברך, גאָר נישט שלעכט, מ'האָט פּרנסה. מען האָט שוין דאָ חתונה געמאַכט אַ קינד, די עלטסטע טאָכטער חתונה געמאַכט, געטון אַ שיינעם שידוך און נישט נאָר פּרנסה — מיר האָבען אויך אָפּגעשפּאָרט אַביסעל געלד. מיר האָבען זיך אַליין נישט געריכט אָפּצושפּאָרען געלד דאָ, מיר זיינען געווען גרייט צו דאַנקען און לויבען זיין ליבען נאָמען, ווען מיר וואָלטען געהאַט נאָר צו עסען. ערשט איז גאָר נישט צו פאַרזינדיגען. מיר שפּאָרען אָפּ געלד.

אין שטעדטעל נישט געהאַט קיין פּרנסה. עס איז געוואָרען ערגער און ערגער, האָבען מיר זיך אַרויסגעריסען פון דאָרט, גע־וואָלט זיך ראַטעווען, אַבי אַ שטיקעל ברויט העלפט גאָט שפּאָרט נאָך געלד. זאָלען זיי קומען אַהער, וואָס פייניגען זיי זיך דאָרט אין שטעדטעל?

עטליכע יאָר זיינען זיי אין ארץ ישראל. דאָס זיינען מענשען, וואָס זיינען געווען מיט יאָרען צוריק ווייט פון ארץ ישראל געדאַנק, ווי איך פון סמבטיון. פיינע, אָרענטליכע, ערליכע אַרבעטזאַמע מענשען, אָבער אַזוי פראָסט, אַז מער האָבען זיי נישט געוואוסט פון ארץ ישראל, נאָר אַז משיח וועט קומען. עס איז פאַר זיי נישט געווען קיין לאַנד פון מציאות. משיח וועט קומען וועט ער אַראָפּברענגען ארץ ישראל פון הימעל.

אָבער צרות מאַכען קלוג, מאַכען וויסען. אין גרויסע צרות, נישט האָבענדיג וואו צו בלייבען, נישט וואו צו פאָרען, האָבען זיי דערהערט — ארץ ישראל, זיינען זיי אויף איינשטעלע־ניש אַוועק אַהין, געעפענט אַ סאָדע פאַבריקעל און האָבען פּרנסה און שפּאָרען נאָך אַ מטבע.

האָט מען אַ באַיאָרע אין פּתח תקוה — האָט מען פּרנסה. האָט מען אַ סאָדע פאַבריקעל, האָט מען פּרנסה, האָט מען אַ גע־וועלבעל, האָט מען פּרנסה.

ווען מען איז אין פּתח תקוה און מען זעט וויפיל לאַנד עס שטייט נאָך פּוסט און ליידיג, ווערט מען אויפגעציטערט פון יראת

הכבוד פאַר די העלדען, די שטילע העלדען, וואָס זיינען געקומען מיט יאָרען צוריק אויף דער וויסטער ערד און אויפגעבויט אַ ברכה פאַר זיך, פאַר'ן לאַנד און פאַר אונז.

אַ ברכה אויף די קעפּ און די הענד פון די בויער פון פתח תקוה!

מיין לאַנדסמאַן בונם אין בני ברק

— בונם איז אין בני ברק !

דאָס איז אַ נס !

דאָס נס האָט זיך אָנגעהויבען מיט אַ יאָר צוואַנציג צוריק.

איך, אַ יונג אינגעל, בין אַהיימגעקומען פון ישיבה און דער־ציילט מיינע חברים אינגלאַך פון בית המדרש, אַז ס'איז דאָ אַ ציוניזם, אַן ארץ ישראל.

און — מען האָט מיך אַריינגעלייגט אין חרם אַריין.

בונם איז געווען אַ בחור פון אונזער בית המדרש. עלטער פון מיר אַ יאָר אַכט.

ער האָט מיך שרעקליך גע'רודפ'ט — מער פון אַלע אַנדערע.

אַלע האָבען מיר נאָכגעשריגען :

— מסית, מדיח, אפיקורוס.

אָבער עס איז זיי דאָך מיאוס געוואָרען. בונם'ן איז נישט גע־וואָרען מיאוס.

ווען איך בין געקומען אַהיים אויף אַ שבת, האָט מיך בונם נישט געלאָזט אויף דער ליכטיגער שייז.

— משומד ! ביזט געקומען אָפּ'שמד'ען ס'שטעדטעל ! — האָט ער געשריגען — דו זאָגסט אַז ווילסט זיי פירען נאָך ארץ ישראל ? ביזט משיח ? ביזט אַ פאַלשער משיח, משיח השקר.

עס האָט מיר מורא'דיג וויי געטון. וואָס וויל ער פון מיר ?

דער פאַרדראָס איז געווען נאָך גרעסער — ער איז נישט גע־ווען קיין גרויסער למדן, איך האָב אים אויסגעשאָקעלט, איך, דאָס אינגעל, אים, דעם מיט אַכט יאָר עלטערן, און איך האָב אים דאָס געזאָגט אויך.

האָט ער זיך בייז צושריגען :

— וואָס טויג מיר דיין לערנען? אַלע מיסיאָנערען קענען לערנען!

יאָרען זיינען אַוועק. אַ סך וועגען בין איך אויסגעפאָרען, אַ סך וואַסערען בין איך אַריבערגעשוואומען און פאַרגעסען בונם'ן מיט זיינע פאַרפאָלגונגען.

אַ שטיקעל צייט פריער איידער איך בין געפאָרען נאָך ארץ ישראל, האָב איך געוואָר געוואָרען, אַז, הערט און שפרינגט אויף פאַר וואונדער, גרויס וואונדער — בונם איז אין ארץ ישראל, ער איז אין בני ברק.

איך בין אויפגעשפרונגען פאַר פרייד. אַזוי ווייט האַלטען מיר שוין? ברויך מען דאָך טאַקע מאַכען אַ שהחיינו! בונם דער „גרויס אינקוויזיטאָר פון מיין קליין שטעדטעל" איז שוין אויך אין ארץ ישראל, איז עס דאָך שוין ווי אין פסוק שטייט: „בנערינו ובזקנינו נלך" — אַלע, אַלע גייען.

עס האָט מיך אָבער אויך פאַרדראָסען. אויב ער איז יעצט גע־פאָרען נאָך ארץ ישראל, טאָ פאַרוואָס האָט ער מיך מיט אַ יאָר צוואַנציג צוריק אַזוי פאַרפאָלגט איבער ארץ ישראל.

און איך האָב באַשלאָסען:

אַז דער אויבערשטער וועט מיר העלפען און איך וועל זוכה זיין צו פאָרען נאָך ארץ ישראל, פאָר איך צו בונם'ען און וועל אים זאָגען אַזוי:

— בונם מנוול, רשע דו, בליעל־זון איינער, אויסוואורף, פאַרוואָס האָסטו מיך אַזוי גע'רודפ'ט? שייגעץ, פושע ישראל! וואָס האָסטו מיך מיט צוואַנציג יאָר צוריק נישט געלאָזט אויף דער ליכטיגער שיין? איבער'ן ציוניזם? איבער ארץ ישראל? ביזט דאָך געפאָרען נאָך ארץ ישראל נאָך פריער פאַר מיר!

און איך בין געקומען נאָך ארץ ישראל.

פריער האָב איך שוין געהערט נפלאות און וואונדער פון בני ברק.

חסידים פון פוילען זיינען אַוועק נאָך ארץ ישראל. האָבען געקויפט לאַנד צווישען תל אביב און פתח תקוה, האָבען מיט זייערע איידעלע, אויסגעאיידעלטע הענד, צוטראָגען דעם באַרג.

הייזער אויפגעבויט און זיך דאָרט באַזעצט. זיי זיינען געקומען צו לייטזעליגען ארץ ישראל׳ס ערד און איבערבעטען אירע שטיינער.

די שטיבעל־אידען פון מיינע היימישע שטעדט און שטעדטלאַך האַקען און שניידען די פעלזען און גיבען „אבעראָק״. און פּאַשע זייערע בהמות, וואָס זיי האָבען זיך איינגעשאַפט. די לייט וואָס האָבען ביי אונז אַריינגעקוקט אין זוהר, קוקען איצט אין ארץ ישראל אין די קאַריטעס פון זייער פּי, צי זיי האָבען גענוג שפּייז, באַאַרבייטען די ערד, האָרעווען אין שטאָל און בויען די אידישע היים.

איך האָב געהערט אַז די קדושה פון שטיבעל האָבען זיי נישט פאַרוואָרפען נאָר מיטגעבראַכט מיט זיך נאָך ארץ ישראל.

וואָס איך האָב זיך אַלץ אָנגעהערט וועגען בני ברק! און בין אודאי געווען נייגעריג דאָס צו זען מיט מיינע אויגען.

פונדעסטוועגען בין איך מודה אַז דער עיקר בין איך געפאָרען נאָך בני ברק צו זען מיין אַמאָליגען פאַרפאַלגער — בונם׳ען, אים מוז איך זען און אויסגיסען מיין גאַנץ בייז האַרץ אויף זיין קאָפּ.

— פאַרוואָס האָט ער מיך אַמאָל אַזוי שטאַרק גע׳רודפ׳ט?

איך נעם אַן אַטאַמאָביל צו פאָרען זען בונם׳ען. איך בין אין בני ברק.

עס האָט אַ שיין געטון פאַר מיינע אויגען דאָס סדר בילד פון מיינע קינדער יאָרען.

פסח. יום טוב אין שטוב, יום טוב אין גאַס. יום טוב׳דיג, פסח׳דיג די גאַנצע וועלט. מיין שטעדטעל איז דאָך די גאַנצע וועלט. אונזער שטוב אַ ליכטיגע, אַ מלכות׳דיגע. דער טאַטע אויפ׳ן היסב בעט אין קיטעל. איך, דער פּרינץ, האָב שוין געפרעגט די קשיות, מיר זאָגען די הגדה און —

מעשה, ס׳איז געווען אַ מעשה מיט רבי אליעזר׳ן און מיט רבי יהושע׳ן און מיט רבי עקיבא׳ן און מיט רבי טרפון׳ען, שהיו מסובין, וואָס זיינען געווען אָנגעלענט בבני ברק אין בני ברק...

איך דאָס קינד, האָב זיי אַמאָל געזען לעבעדיגע, זיצען און דערציילען די ניסים פון יציאת מצרים די גאַנצע נאַכט, זייערע

תלמידים, טויזענדער און צענטויזענדער, קומען צוגיין און זאגן:

רבותי, ס'איז שוין צייט צו שטעלן זיך דאווענען שחרית!

שיינענדיגע פסח נעכט האבען אויפגעלויכטען, און איך האב געקוקט און געזוכט:

מעשה, ס'איז געווען א מעשה ברבי אליעזר...

דאס הארץ האט געזונגען אין מיר:

נישט גלאט ווערטער, סתם נעמען ר־בי אלי־עזר!

רבי אליעזר... רבי יהושע... רבי עקיבא... רבי טרפון...

דריי הונדערט און צען וועלטען איטליכער פון זיי, אלע וועלטען מיינע, מיינע!

איך האב זיי איינגעזויגען מיט מיין מאמע'ס מילך. זיי זינגען אין מיין בלוט. טויזענדער יארען שטייען זיי אין אונזערע ספרים שאפעס, אין די שאפעס פון אונזערע הערצער. דור צו דור גיט זיי איבער א ירושה. איך בין געקומען אהער, אויף דעם ארט פון דער ירושה.

גמרות בלעטערען זיך פון זיך אליין. פליען אן די רייד פון די רבי'ס, איך זע זיי, איך זע זיי, גאט!

דא איז בני ברק! — גיט מיר א זאג דער שאופער און פארטרייבט די אותיות־פייגעל פון מיינע אויגען.

יא, איך וויל דאך זען בונם'ען!

איך פרעג א בני ברק'ער וואו עסוואוינט בונם. א האנט ציט זיך אוים אינדערהויך. א קול זאגט מיר מיט א פויליש זינגענדיג צוצויגענקייט:

— אינ־דער־היי־עך!

איך געפין דאס הייזעל בונם'ס. דערזע זיין ווייב.

— גוטנ'אווענט

זי ענפערט מיר:

— שלום!

ניסים ונפלאות! בונם'ס ווייב זאגט „שלום". משיח'ס צייטען!

— וואו איז בונם? — פרעג איך.

— אוי, וויי, ווער זענען זי? — פרעגט זי.

— זי דערקענען מיך נישט ?
— אוי ווי, ניין, איך דערקען איהן נישט.
אז איך האָב איר געזאָגט מיין נאָמען, האָט זי אויסגעשריגען :
— אוי, ווי, טאַ־אַ־קע ?! יאָ, אוי, ווי !
— וואו איז בונם ?
— אוי ווי, ער איז אין תל אביב.

גאָט'ס וואונדער ! געלויבט ביזטו, גאָט ! דערלעבט אַז בונם'ס ווייב זאָגט מיר, אַז בונם איז אין תל אביב ! בונם, בונם אין תל אביב ! דאָס איז נישט קיין חלום !

— ווען קומט בונם ?
— אוי ווי, וואָס ווייס איך ? ער האָט שוין געברויכט דאָ צו זיין. ער'ט זיין אין אַ שעה אַרום.

זאָג איך איר אַז איך פאָר אַוועק אין אַן אַנדער קאָלאָניע. וועל זיין צוריק אין אַ פּאָר שעה אַרום. זאָל בונם וואַרטען אויף מיר.

— אוי ווי, זי ברויכען ערשט דאָס אָנזאָגען ? ער'ט שוין וואַרטען.

אין אַ פּאָר שעה אַרום קום איך ווידער, בונם איז נאָך נישטאָ.

— וואו איז בונם ?
— אוי ווי כ'ווייס נישט, ער איז נאָך נישטאָ — זאָגט ס'ווייב. און שטייענדיג אַזוי אויפ'ן באַרג, גיט זי אַ געשריי : — אוי ווי, אָט גייט ער, ער גייט, יאָ, איך זאָל אַזוי לעבען, ער גייט גאָר צופוס !

פון באַרג זע איך עס שוואַרצט זיך פון ווייטען אויף דעם ווייסען זאַמד אין טאָל, דאָס שוואַרצע רירט זיך, דערנענטערט זיך. היים איך דעם שאָופער ער זאָל פאָרען אַנטקעגען און ברענגען.

דער שאָופער פליט באַרג אַראָפּ. שטעלט זיך אָפּ לעבען דעם גייענדיגען און יענער אַנטלויפט. פאָרט אים דער שאָופער נאָך און יענער אַנטלויפט. און דער שאָופער פאָרט נאָך.

איך זע דאָס געיעג און לויף אַראָפּ. איך הער ווי דער שאָופער שרייט :

— זעצט זיך אַריין.

און דער איד טענה'ט האלב וויינענדיג:

— וואס וויל ער פון מיין לעבען האבען?

איך האב איבערגעלאזט בונם'ען אין שטעדטעל א קרעפטיגען יונגענמאן מיט א שווארצבערענענדיגען קאפ האר און א שווארצ־ברענענדיג רונדיג בערדיל, און דא דערזע איך פאר זיך —

אן אלטער מאן. א לאנגע גרויע בארד, א קאפ א גרויער, גע־בויגען דער גאנצען גוף, דאס פנים פול ליידען, אומבעקאנט, דער אלטער שלעפט פעקלאך.

דאס איז נישט בונם! דאס איז אן אלטער, אלטער וואנדע־רער, אזוי האב איך מיר אמאל פארגעשטעלט די גבעונים, ווען זיי זיינען געקומען צו יהושע בן נון, איצט שטעל איך מיר פאר אז אזוי זעט אוים אהאסוועראס, דער אייביג וואנדערנדיגער איד. דאס איז נישט בונם. נאר א איד וואס וואנדערט שוין טויזענדער יארען, גרוי, געבויגען מיט קליינע פעקלאך בעלאדענט.

איך שטיי אזוי צוטומעלט און דער אלטער הויבט אויף די אויגען האלב דערשראקען און גיט א געשריי:

— שלום עליכם, שמ־־שון!

— עליכם שלום, בונם, ביזטו טאקע בונם, דו, בונם, הא? וואס זעצטו זיך נישט אין מאשין?

— ס'איז דיינע? גוט, וועל איך זיך זעצען.

דער שאופער דערציילט מיר ווי ער האט זיך געיאגט נאך אים און בונם דערקלערט מיר דעם ענין אזוי:

דו געדיינקסט דאך ביי אונז איז מען זיך נוהג, מען נעמט אויף אויפ'ן וואגען א פוסגייער, אפילו א פויער נעמט אויך אויף. דא איז נישט דער שטייגער אזוי. פלוצלונג לויפט אן אן אטאמאביל און הייסט מיך אויפזעצען זיך. מיין איך, אז ער מאכט פון מיר ס'געלעכטער. זעט א אידען ווי איך, וויל ער מאכען ס'געשפעט לויף איך אוועק. ערשט ער יאגט מיך נאך נאך. טראכט איך, נאדיר אזא צדיק איז ער גאר? עס גייט אים אין לעבען ער זאל מיך אויפנעמען? ער מאכט חוזק! און איך אנטלויף. לויפט ער מיר וויטער נאך. רבונו של עולם! וואס וויל ער פון מיר? עס קען דאך נישט זיין אז זיין גוט הארץ ברענט אזוי אין אים, ער וויל

נישט איך זאָל גיין צופוס! מיין וועלט איז מיר ענג געוואָרען. איך לויף און ער לויפט מיר נאָך. גיי, יאָג זיך מיט אַ מחבל, אַן אַטאַמאַביל! ביזטו געקומען, פאַרשטיי איך שוין, נו, געלויבט השם יתברך, וואָס מאַכסטו? קומסטו פון אַמעריקאַ?

מיר זיינען אַריין אין שטוב און איך האָב אים געוואָלט זאָגען אַלץ וואָס איז אויף מיין האַרצען. אָבער געגרייט האָב איך זיך צו זאָגען דעם יונגען בונם. איך זע דאָך גאָר אַ זקן, אַ גרויסען, אַ געבויגענעם. דאָס האַרץ לאָזט מיך נישט אַזוי ריידען. איך קען אָבער נישט שווייגען אויך און איך זאָג:

— הער, בונם! דו געדענקסט דאָך ווי דו האָסט מיך גע׳רודפ׳ט איבער ציוניזם, ווי דו האָסט מיך געפּייניגט. האָב איך געוואָלט דיר זאָגען אַזוי:

מנוול, רשע, אויסוואורף, פּושע ישראל, דו ביזט געקומען פריער פאַר מיר נאָך ארץ ישראל, טאָ וואָס האָסטו מיך דעמאָלט אַזוי געיאָגט און געפּלאָגט? נאָר אַז דו זעסט אַזוי אויס, ביזט גרוי און געבויגען, קען איך דיר די שאַרפע רייד נישט זאָגען. איך פרעג דיך נאָר:

— גזלן, רוצח, פאַרוואָס האָסטו מיך גע׳רודפ׳ט? דו ביזט דאָך סוף־סוף פריער פאַר מיר געפאָרען נאָך ארץ ישראל!

הייבט זיך אויף בונם און מיט פייערדיגע בליקען קוקט ער אויף מיר און זאָגט:

— וואָס מיינסטו, וואָס? איך בין געוואָרען אַ ציוניסט? ניין! איך בין היינט אויך קעגען ציוניזם. איך בין געקומען נאָך ארץ ישראל, נאָך ארץ ישראל, הערסט!

— חוזק! בונם, מאַכסט זיך וויטער נאַריש — האָב איך אים געזאָגט — ווילסט דיר איינריידען אַז דו ביזט ניט קיין ציוניסט. דו ביזט עס! און ווייסטו פאַרוואָס דו ביזט היינט אין ארץ ישראל? ווייל מיר האָבען עס אָנגעהויבען. מיט צוואַנציג יאָר צוריק האָסטו מיך טאַקע געיאָגט איבער ארץ ישראל, אָבער איך בין שטאַרקער פאַר דיר. איך האָב דיך מנצח געווען. מיינע פּיין פון אַמאָל האָבען דיך געטריבען אַהער.

בונם האָט געשמייכעלט און זיך באַקלאָגט די אויסגעדראָשענע

קלאַנגענישען אַז דאָ און דאָרט אין ארץ ישראל איז מען נישט געגנוג פרום.

הערסטו, בונם, אין לובין האָסטו געוואָלט זיין אַ ממונה אויף אידישקייט און דו האָסט פאַרלוירען. ווילסטו דאָ, אין אידישען לאַנד, אין לאַנד פון קדושה וטהרה, זיין אַ ממונה אויף אידישקייט? ווּעסט דאָך פאַרלירען, דו וועסט דאָך בלייבען מיט אַ נאָז ! אויב איך האָב דיך מנצח געווען, וועט דיך ארץ ישראל נישט מנצח זיין? מאך זיך נישט נאַריש, ארץ ישראל ברויך דיך נישט פאַר אַ ממונה איבער אידישקייט.

מיר האָבען זיך לאַנג מתוכח געווען, האָבען מיר געענדיגט דעם ויכוח אָהן רדיפות, אָהן זידלערייען, נאָר מיט אַ גלעזעל וויין.

— לחיים !

— לחיים !

אויף גלעזלאך ארץ ישראל וויין.

מיר האָבען געגעסען וויינטרויבען, ארץ ישראל ענבים. און אַז איך האָב זיך אויפגעהויבען אוועקצוגיין, האָט בונם מיך געבעטען:

— זיי נאָך דאָ, וואָס אַנטלויפסטו שוין אַזוי גיך ?

בונם, מיין רודף, איז מיר געוואָרען אַזוי ליב, אַזוי אייגען, אַזוי נאָענט.

אין לובין זיינען מיר געווען שונאים. בונם האָט געמיינט אַז איך וויל אים אָפּ׳שמד׳ען. נאָר ער איז געקומען נאָך ארץ ישראל. האָט ער מיך ליב געקראָגען און איך האָב אים ליב געקראָגען.

בונם זאָל דיר נישט באַנג טון וואָס דו האָסט מיך אַמאָל גע׳רודפ׳ט. דו ביזט דאָך שוין אין ארץ ישראל. דורך דיינע רדיפות אויף מיר, איז דיין זיין אין ארץ ישראל מיר טויזענד מאָל טייערער.

און דו, איך אין גלות, קום און זע דעם וואונדערליכען כח פון ארץ ישראל.

בונם איז אין ארץ ישראל !

תל אביב

אזוי דערציילט מען די מעשה :

אמאל איז געווען א חסיד. און דער אויבערשטער האט אים געשטראפט מיט גרויס ארימקייט און געבענשט מיט א ווייב און זיבען קינדער. ביים חסיד אין שטוב איז נישט געווען קיין שטיקעל ברויט, האבען די קינדער געוויינט, אז עס הונגערט זיי.

דער חסיד איז ארויס אויפ'ן מארק אפשר וועט דער אויבערשטער אים באשערען א גליק און ער וועט פארדינען אויף א ברויט פאר די קינדער.

א גאנצען טאג איז דער חסיד ארומגעגאנגען אויפ'ן מארק און נישט פארדינט קיין איינציגע פרוטה. עס איז שוין געווארען פארנאכט. די מארקלייט זיינען זיך צוגאנגען און אז דער חסיד האט געזען, אז ער וועט זיך אומקערען אין שטוב אריין אהן א ברויט, האט ער זיך ביטער צעוויינט.

דעמאלט האט זיך באוויזען צו אים אליהו הנביא און גע־פרעגט :

— וואס וויינסטו ?

נעמט דער חסיד און דערציילט אים, וואס ער וויינט. טרייסט אים דער גוטער טרייסטער און זאגט :

— וויין נישט, וועסט האבען ברויט פאר דיינע קינדער.

ווערט פרייליך דער חסיד : אליהו הנביא זאגט אים, אז ער וועט האבען ברויט.

באלד איז אנגעקומען א גרויסער שר אויפ'ן מארק און געזאגט, אז ער זוכט א קנעכט צו קויפען.

— פארקויף מיך פאר א קנעכט — האט אליהו הנביא געזאגט צום חסיד.

איז אודאי באפאלען אן אימה דעם חסיד, ווי הייסט, פאר־

קויפען אליהו הנביא׳ן פאר א קנעכט? נאר מען מוז פאלגען אליהו הנביא׳ן. האט ער אים פארקויפט פאר א קנעכט. אויף זיבען יאר.

דער שר האט געבראכט אליהו הנביא׳ן אויף זיין גוט און אים געהייסען ארבעטען. וועט דאך אליהו הנביא נישט שטיין זיבען יאר א קנעכט ביי עפעס א שר. גיט ער זיך אן עצה.

ער האט געזען ווי ארבייטער שטייען און מויערען א גרויס מויער. פרעגט ער דעם שר:

— וואס בויען די מענשען ?

— א פאלאץ.

— ווי לאנג בויען זיי שוין ?

— דריי יאר.

— ווי לאנג דארפען זיי נאך בויען ?

— נאך זיבען יאר.

— און אז איך וועל דיר אויפבויען דעם פאלאץ, וועסט דו מיך ארויסלאזען פריי ?

— יא.

איבערנאכט האט אליהו הנביא אויפגעבויט דעם פאלאץ און אינדערפרי האט אים דער שר ארויסגעלאזט פריי.

און אליהו הנביא איז אוועק ווייטער העלפען ארימע חסידים.

די מעשה האב איך מיך דערמאנט אין תל אביב.

איך בין געגאנגען אין די טיפע זאמדען לעבען תל אביב, אין די זאמדען פון תל אביב, טיף אין זאמד אריין טרעט איך און איך וואונדער זיך :

גאט, דו גרויסער, גאט, דו וואונדערליכער ! איבער נאכט איז דאך די וואונדער שטאדט געבויט !

איך, א יונגערמאן נאך, וואס האב שוין געפונען דעם ציוניזם א גרייטען, איך געדענק דאך נאך, ווען עס איז קיין תל אביב נישט געווען. און היינט — א שטאדט א גרויסע, הייזער, הייזער, האט זיי אליהו הנביא איבערנאכט אויסגעבויט ?

אידען פון אלע עקען וועלט זיינען געקומען אהער און אויף׳ן זאמד ביים ים אויסגעבויט די שטאדט.

מיין שטאלץ מיט דער איינציגער אידישער וואונדער־שטאדט

— תל אביב, איז געוואָרען גרעסער, ווען כ׳האָב געזען, אַז צווישען די פלינקע, נערוועזע בויער, זיינען דאָ אַ סך, אַ סך פון מיינע פוילישע אידען, די וואָס האָבען מיט פופצען־צוואַנציג יאָר צוריק נישט געקלערט פון ארץ ישראל. איצט קומען זיי און בויען פי־בערהאַפט נייע גאַסען אין דער אידישער וואונדערשטאָדט.

ווען איך האָב געפונען אַ גאַנצען מנין פון מיין שטעדטעל אין תל אביב, איז צו מיין פרייד נישט געווען קיין גרענעץ ; צען נפשות פון מיין שטעדטעל אין תל אביב !

און איך האָב געהערט אַז נאָך אַ מנין גרייט זיך צו קומען.

פון שיינע משפחות קומען זיי. מיט איינעם, אַ טאַטע פון פינף קינדער, אַ חסידישער איד מיט אַ שיינע, לאַנגע, ברייטע באָרד, האָב איך געלערנט אין בית המדרש. מער ווי איין מאָל האָבען מיר זיך צוקיילט און צובייזט אין בית המדרש. ער אַרבייט אין תל אביב. ביים בויען איז ער אַן אַרבעטער. ער שלעפּט ליים און ציגעל.

מיינע פוילישע „שפּעקולאַנטען" אין תל אביב. איינער שפּע־קולירט צו האָבען אַרבעט אַלס טרעגער ביים בויען הייזער. און איינער שפּעקולירט צו קריגען פּאַסאַזשירען אויף זיין בריטשקעלע.

נו, זאָגט אַליין, איר וואָס האָט טענות צו תל אביב :

פילט איר זיך נישט שפּל׳דיג כעפרא דארעא, ווען איר פאַר־מאַכט די אויגען און שטעלט זיך פאָר ווי די צוויי געוועזענע בית־המדרש־לייט „שפּעקולירען" אין תל אביב ? ווי איינער טראָגט אַז עמער צעמענט און דער צווייטער טרייבט זיין פערדל? דאָס זיינען אידען שטאַטנע, מיט ברייטע, לאַנגע בערד, קענט איר בלייבען רואיג, ווען איר זעט דאָס?

ביי איינעם פון מיין שטעדטעל האָב איך געפרעגט אויפ׳ן צווייטען וואו איך קען אים געפינען. און ער האָט מיר געזאָגט איך זאָל אים זען אין דעם „שטיבעל". דאָרט דאַוועט ער מנחה מעריב, וועסטו אים דאָרט געפינען.

איר מיינט, אַז תל אביב האָט איין „שטיבעל" ? מיינע פוילישע אידען האָבען שוין דאָרט אַריינגעבראַכט אפשר אַ האַלב טוץ „שטיבלאַך". אין צוויי שטיבלאַך בין איך געווען, האָב געטראָפען

דאָרט אַן עולם, מיין עולם פון אונזערע שטעדטלאַך און איך האָב נאָר געטראַכט, אַז דאָס אַלץ מוז האָבען אליהו הנביא אויפגעבויט. אַנישט ווי קומט דאָס אַלץ אַזוי גיך אַהער ? ווי קומען אַהער אַזוי פיל הייזער און אַזוי פיל חסידיש באַלעבאַטישע אידען פון פוילען ?

אמת, תל אביב איז פול מיט קראָמען און נאָך מער מיט סאָדע וואַסער ביידלאַך. די גאַסען זיינען באַדעקט און פאַרפלייצט מיט סאָדע וואַסער ביידלאַך. כ'האָב אויף אַ נוי יאָרקער איסט־סייד גאַס נישט געזען אַזוי פיל סאָדע געצעלטען. „גאַזאַז“ און „גאַזאַז“ אויף שריט און טריט. איינער לעבען אַנדערען, איינער אויפ'ן אַנדערען.

עס האָט מיך געוואונדערט. אָבער עס איז מיר אויך געפעלען. איינמאָל זיינען די ביידלאַך זייער שיין. איז אָוונט, עלעקטריש באַלויכטען, מאַכען זיי אַן אילומינירענדען איינדרוק. און צווייטענס. — פאַרוואָס זאָל עס מיר נישט געפעלען ? וואָס איז אַ חילוק פון וואָס אידען האָבען פרנסה ? איך האָב זיי צו געבען אַנדערע פרנסות, איך זאָל מיך קרימען אויף זיי מיט אַ גלות־שפעקולאַנטיגע נאָז ?

עס זיינען אויך דאָ אַ סך קאַוויאַרניעס. מען זעט זיי אין אַ גרויסער צאָל. אַנדערע אָרט דאָס. מיך ניט, איך זע אַ באַנק נאָך אַ באַנק. איך זע אויך שיינע פריוואַט הייזער. די פאָסט, אַ אידישע פאָסט. די „עיריה“, דעם אידישען „סיטי האָל“, די גימנאַזיע. אידען, אידען, אידען. אין אַ גרויסער צאָל גייען אויף און אָפּ, לויפען אַהין און אַהער, שטייען קופּקעלאַך, רעדען, שפּאַרען זיך, האַנדלען. איך דערמאָן זיך, אַז קענען די דאָזיגע אידען רעדט מען אַ סך אין די זאַטע הייזער פון חוץ לארץ.

ווער רעדט ?

מענשען וואָס זיינען אַליין שפעקולאַנטען. שאַרען געלד פון שפעקולאַציעס, רעדען פאַרוואָס מען שפעקולירט מיט „לאָטס“ אין תל אביב.

אַ בייזער צאָרן פילט מיך אַן אויף די אַלע „מוציאי דבה“ שלעכטע, פאַרדאָרבענע מענשען, וואָס רעדען בייזע רייד אויף ארץ ישראל און אירע בויער !

עס קען זיין, אַז עס זיינען דאָ אידען אין תל אביב, וואָס האנדלען מיט „לאָטס" פאַר שפעקולאַציע. איך האָב געטראָפען אנדערע אידען אין תל אביב. עטליכע וואָס האָבען זיך געבויט הייזער און בויען נאָך, האָב איך באַגעגענט.

איינס, אַ פּאָר פאָלק. ביידע ארבעטען. זיי שפּאָרען פון ביסען. האָבען מיט אַ צייט צוריק געקויפט אַ פּלאַץ, אַ מגרש, אין אַ נייעם קוואַרטאַל און בויען זיך אַ הויז.

צוויי. אַ פרוי מיט קינדער אין תל אביב. זי האָט קינדער אין חוץ לארץ. איינעם אין אַמעריקאַ, אַ צווייטען אין ליטאַ. שיקען זיי איר געלד און זי בויט זיך אַ הויז. די קינדער שפּעקולירען נישט אין חוץ לארץ אויך נישט.

דריי. אַ דאָקטאָר האָט זיך געבויט אַ הויז.

אַזוי כסדר און כסדר. וואָס מער מענשען קומען שטייגט דאָס לאַנד. פאַרדינען די, וואָס האָבען דאָס. מאַכט מען געוואַלדען. איז מען פּלוצלינג קענען פאַרדינסט. אַבי מוציא לעז צו זיין אויף ארץ ישראל און אויף די וואָס קומען אהין בויען.

אין חוץ לארץ איז מען פול מיט שפּעקולאַציע. די וואָס שפּעקולירען נישט, זיינען מקנא די שפּעקולאַנטען, האָפען אויף דער רגע, זיי זאָלען קענען שפּעקולירען. נאָר די אידען פון ארץ ישראל טאָרען עס נישט טאָן.

וואָס שרייען די שרייערס.

עס פּאַסט נישט? פאַרוואָס פּאַסט עס נישט? אַ נייע מיסיע מוזען אידען ברענגען אויף דער וועלט? בויען אַ לאַנד אנדערש ווי אַלע פעלקער אין אַלע אנדערע לענדער? עס הויבט זיך נישט אָן. אידען ברויכען נישט קיין שום מיסיעס פאַר דער וועלט. פאַר זיך אַליין האָבען אידען אַ מיסיע, זאָלען אנדערע פעלקער, רייכערע, ווייניגער געפּייניגטע, זיך מיען אַ ביסעל מיט מיסיעס.

וואָס, עס וועט שטערען דעם אויפבוי? בויט מען דאָך דוקא מער און מער, געשווינדער און געשווינדער?

איז ארץ ישראל געווען אַ לאַנד פון בלויז חלוקה אידען, האָט מען גערעדט אויפ'ן לאַנד.

זיינען איצט דאָ אידען אין אַ גרויסע צאָל, וואָס מיען זיך צו פאַרדינען זייער ברויט, באַערדט מען זיי.

זיצעו אידען אין חוץ לארץ און טוען נישט אַ האַנד אין קאַלט וואַסער פאַר ארץ ישראל און זיי זיינען מוציא דבה אויף תל אביב, אַ שטאָדט, וואָס אידען האָבען וואונדערליך געשאַפען איבער נאַכט און האַלטען אין שאַפען זי גרעסער און גרעסער !

איך בין געווען אין נצרת, אַן אַלטע קריסטליכע שטאָדט, און האָב געוואָלט שיקען אַ טעלעגראַמע נאָך ירושלים, איז עס מיר אָנגעקומען שווער ווי קריעת ים סוף, אַ ביסעל אַן אָרדנונג דאָרט. און אין תל אביב, די יונגע אידישע שטאָדט, איז עס געווען אַזוי געשיקט און שנעל ווי אין ניו יאָרק. און אָט רעד איך אויפ׳ן טעלעפאָן פון תל אביב מיט ירושלים.

אויף העברעאיש.

האָב איך אַפילו אַ פּאַרק אין תל אביב. און אַז ער איז נישט אַזוי גרויס ווי סענטראַל פּאַרק ? אָבער אַ שיין פּאַרקעל מיט בוי־מער און בלומען, בענק צום זיצען. און איך שפּאַציר אין פּאַרק.

איך גיי אויפ׳ן רוף גאַרדען. איך הער שיינע מוזיק געשפּילט פון אויסגעצייכענטע מוזיקער. צו נעמען אין מויל אַריין איז דאָ נישט ערגער ווי אין רוף גאַרדענס אין אַנדערע לענדער.

מען זאָגט מיר, אַז דאָס האָט אַן אַמעריקאַנער איד געבויט. און מען גיט אים מי יודע וויפיל ריוח.

איך שטיי אין אַ האָטעל, האָט ער שיינע צימערען מיט אַלע באַקוועמליכקייטען. איך זע נאָך אַ האָטעל, איז ער פּונקט אַזוי שיין.

איך גיי אויף דעם טראָטואַר און גיי אַראָפּ אין זאַמד אַריין פון די ערשט אַרויסשפּראַצענדע גאַסען און געגענדען, קריך אַריין טיף אין זאַמד אַריין, און איך זע — מיט אַכצען צוואַנציג יאָר צוריק איז דאָס געווען בלויז זאַמד. היינט איז דאָ אַ וואונדער־שטאָדט.

זעסטו דאָס, הערסטו אַפילו נאָר פון דעם, ברויך דיין האַרץ אַנצוקוועלען פאַר פרייד !

איך פאָר אויף באָסעס אין תל אביב. פאָרט מען שוין אויף באָסעס אין תל אביב.

איך בין אין יפו. און זע די אַלטע שטאָדט. שמוציק, אָפּגע־לאָזט. אַלץ וואָס איז לעבעדיג, רירעוודיג אין יפו, איז דאָס אידיש, דאָס פארשלאָפענע, פארגליווערטע — איז נישט אידיש.

און דערנעבען לעבט, האָוועט, לאַכט, פרייט זיך, פיבערט, נערוועזירט אַ שטאָדט, אַ לעגענדאַרע און רעאַלע אינאיינעם — תל אביב. אויף זאַמד געבויט, אָבער שטאַנדהאַפטיג, ווייל קיין שטורם קען עס נישט אומוואַרפען. עס איז דאָך אידיש און אידיש. אַ אידישע מלוכה.

קומען מענשען און מעשה גוטע פריינד, דריקען זיי אויס אַ מורא, טאָמער וועט נישט שטענדיג זיין גוט תל אביב. טאָמער וועט קומען אַ קראַך, טאָמער אַזוי, טאָמער אַנדערש.

אין יעדער שטאָדט איז געווען מער ווי איין קראַך. אין איט־ליבע מדינה זיינען שוין געווען ווער קען איבערציילען וויפיל קראַכען. אָבער מען בויט, מען לעבט. שטעדט ווערען אָפּגע־ווישט דורך וואולקאַנען, באַלד קומען מענשען און בויען אויף צוריק די שטעדט.

און דאָ — אַ שטאָדט האָט מען געבויט. מען האַלט אין בויען ווייטער. קומען מענשען, וואָס האָבען אַ נאָגעל נים פארשניצט דערבייַ און זאָרגען זיך פאַר די בויער, טאָמער אַזוי, טאָמער אַנדערש, לייגען אייז אויף דער גליענדיגער ענערגיע.

ווי קען איך, וואָס איך בין נאָר געווען אויף אַ פאַרגעניגען וויזיט אין ארץ ישראל און די וואָס זיינען דאָרט אפילו אויף דעם נישט געווען — ווי קענען מיר האָבען די העזה אויסצורעדען אַ קרום וואָרט קעגען ארץ ישראל.

אַלץ וואָס מיר קענען טאָן איז — של נעלך, מיט באַוואונדע־רונג קוקען אויף דעם גרויסען וואונדער, וואָס ווערט געשאַפען איבער נאַכט אין ארץ ישראל. צויבערהאַפט ווערט די חרוב'ע ערד באַזעצט, צויבערהאַפט וואַקסען אויס קאָלאָניעס און שטעדט.

תל אביב, די שיינע אידישע וואונדער־שטאָדט מיט אירע שיינע הייזער אויפ'ן ברעג ים — איז אַ גרויס נס, וואָס דער גאָט

פון די אידען מיט די אידען טוען פאר די אויגען פון אלע פעלקער.

אן עדות איז דער ים. טויזענדער יארען האט זיך דא גע־שפרייט זאמד און זאמד און איצט שטייט דא א אידישע וואונדער־שטאדט, אויף די זאמדען, וואס האבען נאר געהערט די כוואליעס מורמלען, הערט זיך א קול פון צענער טויזענטער אידען, אידען שטיבעלדיגע, אידען ליים־און־ציגעל־טרעגער, אידען סוחרים, אי־דען טרוימער — א פאלק, א אידיש פאלק.

און איך, וואס קען איך זאגען אויף דעם ? איך מאך א ברכה :

ברוך שעשה לנו ניסים.

* * *

מיט תל אביב שלים איך מיין רייזע אין ארץ ישראל, און, כ'לעבען, עס איז מיר געווארען אומעטיג, זעצענדיג זיך שרייבען דאס שלום־קאפיטעל וועגען ארץ ישראל. א ים פון פרייד האט גע־פלייצט אין מיין הארץ זייענדיג אין ארץ ישראל און די זעלבע פרייד האט מיך אנגעפילט יעדעס מאל, ווען איך האב זיך גזעצט שרייבען א קאפיטעל וועגען ארץ ישראל.

אייביג, אייביג וועט לעבען אין מיין בלוט די פרייד און באַ־גייסטערונג, וואס איך האב מיט אן אפען הארץ איינגעזאפט אין מיר זייענדיג אין אונזער וואונדערליך, הייליג לאנד.

מיט פארדראס, מיט א שטארק בענקשאפט אין הארצען האב איך פארלאזען ארץ ישראל. אבער ווען כ'האב זיך געזעגענט מיט פריינד, האבען זיי מיך געפרעגט :

— ווען וועסטו ווידער קומען אהער ?

און געענטפערט האב איך זיי גיך, געשריגען ווי א שבועה :

— אינגיכען, אם ירצה השם, אינגיכען קום איך ווידער נאך ארץ ישראל.

אמן.

מי בכם מכל עמו ד׳ אלהיו עמו ויעל.

אויף דער שיף פארענדיג נאך ארץ ישראל איז מיר קלאר געווארען א זאך, וואס איך האב פריער נישט פארשטאנען.

פאַרוואָס ענדיגט זיך דער תנ"ך מיט דברי הימים און נישט מיט עזרא נחמיה? תנ"ך ענדיגט זיך, מיט די מגלה פון כורש מלך פרס:

„כה, אזוי, אמר, האָט געזאָגט, כורש מלך פרס, כל ממלכות הארץ, אַלע קעניגרייכען פון דער וועלט, נתן לי ד' אלהי השמים, האָט מיר איבערגעגעבען דער גאָט פון הימעל, והוא פקד עלי, און ער האָט מיך באַפוילען, לבנות לו בית, איך זאָל פאַר אים בויען אַ הויז, בירושלים אשר ביהודה, מי בכם בכל עמו, ווער צווישען אייך פון זיין פאָלק, ד' אלהיו עמו, זאָל זיין גאָט זיין מיט אים. ויעל, און ער זאָל אויפגיין!"

עזרא נחמיה ענדיגען זיך דאָך מיט שפּעטערע פּאַסירונגען, ווען די אידען זיינען אויפגעגאַנגען, האָבען שוין אויפגעבויט דאָס בית המקדש, און געבויט הייזער. פאַרוואָס ענדיגט עס זיך מיט כורש'ס מגלה?

אויף דער רייזע איז מיר געוואָרען קלאָר:

ווען אַ איד וועט האַלטען ביים לעצטען בלעטעל פון תנ"ך וועט ער לייענען: „מי בכם מכל עמו, ד' אלהיו עמו — ויעל! אויפגיין, אויפגיין נאָך ארץ ישראל!

דאָס הייליגע ספר לאָזט זיך אויס מיט דעם באַפעל:

ו י ע ל!

אויפגיין נאָך ארץ ישראל.

אידען האָבען קיינמאָל נישט אויפגעהערט אויפגיין נאָך ארץ ישראל.

מיר אַלע דאַרפען איינס האָבען אין זינען:

מ י ב כ ם מ כ ל ע מ ו, ווער עס געהער צו גאָט'ס פאָלק, ד' א ל ה י ו ע מ ו, ו י ע ל.

יעדער איד מוז גיין נאָך ארץ ישראל. אויב נישט איטלי־כער קען זיך דאָרט באַזעצען, זען דאָס לאַנד מוז אָבער יעדער איד. איך בין איבערצייגט, אַז דער איד וואָס האָט ניט געזען ארץ ישראל,

האט אין זיין לעבען נישט געזען, נישט געפילט דערהויבענקייט, געטליכקייט.

ו י ע ל !

אויפגיין נאָך ארץ ישראל! אין בלויז גיין פיהלט מען שוין דעם טעם פון גאולה.

מצרים

א

אַמאָל זיינען די אידען געגאַנגען פון מצרים נאָך ארץ ישראל און היינט פאָר איך פון ארץ ישראל נאָך מצרים. כ'האָב זיך אויפ־געזעצט אין תל אביב אויף דער באַן.

פאָר איך זען דאָס לאַנד, וואו אידען האָבען געאַרבייט בחומר ובלבנים.

א ש ד ו ד !

איך לייען איבער מיט גרויסע, קלאָרע, העברעאישע אותיות: אשדוד. אַ באַן־סטאַנציע. די אַלטע פלשתים שטאָדט. דאָ איז געווען „ולא נחם", משה האָט נישט געפירט די אידען אויף דעם קורצען וועג, וואָס איך פאָר איצט, טאָמער וועלען זיי וועלען זיך אומקערען.

קוק איך אויף אשדוד, זוך אונזערע בייזסטע שונאים, די פלשתים. וואו איז ערגעץ אַ פלשתי ? איך זע נאָר אַ וויסטע־ניש, צים זיך אַ ווייס־געלע וויסטע. נאָר אַ הייזקע שטייט לע־בען דעם שילד „אשדוד". עטליכע אַראַבער אָפּגעריסענע, האַלב נאַקעטע, מיט קראַנקע אויגען, דרייען זיך דאָ אַרום.

אשדוד. די מצבה אויף יענער פלשתים שטאָדט, וואָס האָט אידען אַזוי פיל צרות אָנגעטאַן.

דער צוג איז אוועקגעפלויגען פון אשדוד. דאָס וואָרט איז געבליבען פאַר מיינע אויגען און מיטגעשלעפט מיט זיך תנ"ך בילדער.

אינמיטען וועג איז אַרויף אַ אינגעל פון אַ דרייצען־פערצען יאָר. אַנגעטאַן אייראָפּעאיש, אָבער אַן אַראַביש פנים. אַז איך מיט מיין חבר האָבען גערעדט אידיש, האָט ער געשוויגען. ווי

מיר האבען אנגעהויבען רעדען העברעאיש, האט ער זיך גלייך אריינגעמישט. א אידיש איינגעל פון סיריע. ער רעדט העברעאיש. ער פירט מיט זיך א זילבערן שיידעל פאר א סידור. ער פארט פון דמשק נאך אלעקסאנדריע. ער ווייזט אונז דאס שיידעל, א זעלטען שטיק קינסטלערישע ארבייט. דאס איז א מתנה וואס א חתן גייט געבען זיין כלה צו דער חתונה. פירט ער דאס צום חתן. און אפשר איז ער אליין דער חתן?

אט זיינען מיר ביים סועץ קאנאל. ארום אים דרייט זיך וועלט פאליטיק. באלד וועלען מיר אים אריבערפארען. דערווייל קומען צו אידישע בחורים. זיי זיינען דא אנגעשטעלטע פון קאמפאניס צו העלפען די רייזענדע אריבערגיין דעם קאנאל און די גרעניץ. איז איינער פון זיי א ליטוואק, א צווייטער — א גאליציאנער, א דריטער — א פוילישער און א רומענישער איז אויך דא. האבען מיר געפונען „לאנדסלייט" ביים סועץ קאנאל אויך.

איז עס נישט קיין וואונדער. האט דאך אונזערס א לאנדסמאן, דיזראעלי, זיך אויך געדרייט ארום דעם קאנאל און אריינגעדרייט אים אין ענגלאנד'ס הענט אריין.

איך געפין אויך א אידישען בחור, וואס פארקויפט דארט די העברעאישע צייטונגען פון ארץ ישראל. אלץ ביים סועץ קאנאל.

איז אונז געווען זעהר גרינג אריבערצוכאפען זיך פון אזיע נאך אפריקא, עס איז אבער געווען זעהר שווער איבערצוקומען די זוכענישען אויף דער גרעניץ.

ווי פייל פון בויגען איז די באן פארבייגעפלויגען דעם שרים ערד, די גרעניץ צווישען ארץ ישראל און עגיפטען. מיר זיינען פארבייגעפארען באוואקסענע, געבענטשטע פלוינען, דורכגעריסען זיך א וויסטע, זאמדיג לאנגע מדבר — גרינג. שטייט א שילד מיט גרויסע אותיות: פאלעסטינא. א טריט ווייטער, א שילד — עגיפטען. דאס הארץ גיט א שפרונג: ארויס פון ארץ ישראל!

מען ווערט צורודערט, נערוועז, נאר אויף דער גרעניץ רעוויזיע פארגעסט מען אן אלצדינג.

אויף ארץ ישראל האט ענגלאנד דעם מאנדאט. אין עגיפ־

מען האָט ענגלאַנד אויך אַ שטיקעל דעה. פונדעסטוועגען רעד־ווידירט מען אויף דער גרעניץ צווישען די צוויי לענדער אונ־טער ענגלאַנד'ס הערשאַפט, נישט נאָר דיין באַגאַזש, נאָר מען באַטאַפּט דיך אַזוי גרוים ווי דו ביזט. אויף קיין גרעניץ האָב איך נישט געזען אַזאַ שטרענגקייט ווי אויף דער עגיפּטישער. נאָך שטרענגער ווי אַ מאָל אויף דער רוסישער גרעניץ. איידעלקייט, העפליכקייט האָט אַ רוסישער אביעשטשיק געהאַט מער ווי דער עגיפּטישער גרעניץ־סאָלדאַט.

נאָך שווערער איז געווען צו קריגען אַ וויזע פון ארץ ישראל נאָך מצרים. עגיפּטען ציטערט פאַר באָלשעוויקעס, און עס איז געווען אַן איינציגער אַנזאָג: נישט צו געבען קיין וויזעס צו נישט־געבאָרענע אין אַמעריקאַ. זיינען רייזענדע טאַקע פאַרהאַלטען געוואָרען אין ארץ ישראל און זיי האָבען נישט געקענט פאָרען אַ היים דורך עגיפּטען.

מיר זיינען שוין איבערגעקומען אַלע רעוויזיעס און מאַטער־נישען, אריבער אויך די דינגענישען מיט די אַראַבישע טרעגער. וואָס וויפיל מען גיט זיי נישט, שרייען זיי אַלץ באַקשיש, זי־צען מיר ווידער אין באַן און פאָרען.

די וואַגאָנעס זיינען געווען פול. נאָר געווען אָרט צו שטיין. עומדים צפופים, ווי הערינג אין פעסעל.

איך מיט מיין חבר זיינען שוין אין וואַגאָן און וואַרטען די טרעגער זאָלען אונז אריינוואַרפען די זאַכען. דאָרט טראָגט מען נישט אריין די זאַכען, נאָר מען וואַרפט זיי אריין דורכ'ן פענסטער. זיי וואַרפען נישט און די באַן פייפט און פאָרט.

בלייבען מיר אָהן זאַכען. נעבען אונז שטייען דריי גלחים פון אַמעריקאַ. אַרט עס זיי נישט, נאָר זיי שמייכלען גאָר. אויפ'ן הימעל אַ ירידן! אַראַבער ביים סועץ קאַנאַל מיט דיינע זאַכען!

צו להכעיס די גלחים פאָרט די באַן צוריק, געדאַרפט אַנשלי־סען נאָך אַ וואַגאָן, און יאָ, די אַראַבער וואַרטען מיט די וואַלי־זעס. וואַרפען זיי אריין.

דאַנקען מיר דאַך דעם אויבערשטען און פאַרגעסען נישט די אַראַבער, מיר וואַרפען זיי צו אַ מטבע צען מאָל אַזוי פיל ווי

עס קומט זיי. בלייבען זיי א רגע געפּלעפט, אבער באלד שטרע־קען זיי אויס די הענט און פאָדערען:

— באַקשיש! באַקשיש!

אין דעם ענגשאַפט האָט מען געדאַנקט דעם אייבערשטען וואָס עס איז דאָ אָרט צו שטיין אויף איין פוס. ווערט מען מיד — שטעלט מען זיך אויף'ן צווייטען. אין א קופּע זיצען אכט פּאַרשוין אַראַבער. א טייל קוקט גאָר נישט אויף אונז, אַנ־דערע קוקען דווקא יאָ, נישט מיט צו פיל ליבשאַפט.

איינער פון די אַראַבער זיצט זיך אין א ווינקעל באַזונדער. ער וואַרפט זיך דורך מיט די איבעריגע מיט א וואָרט, אבער ער איז נישט מיט זיי אַזוי היימיש ווי די איבעריגע צווישען זיך.

מיט אַמאָל נעמט ער אַרויס א ספר'ל, קוקט אַריין אין דעם. איך זע, אַז עס איז א קבלה ספר. איך זאָג מיין חבר, אַז איך וואָלט געוועזען א בעלן צו זען דאָס ספר'ל.

דער „אַראַבער" הערט דאָס און ער דערלאַנגט מיר דאָס ספר'ל.

— אידען? גוט, קוקט אַריין.

ער הויבט זיך אויף און טרעט אָפּ פּאַר אונז זיין אָרט.

— איר זייט דאָך מיד, זעצט זיך, איך בין שוין געזעסען.

ער רעדט א רייכען העברעאיש. א איד פון מצרים, א סוחר. ער פאָרט אונטערוועגענס, נעמט ער מיט זיך א ספר אַריינצו־קוקען.

ביי אונז אין שטעטעל איז געוועזען א איד, א למדן, וואָס האָט געהאַנדעלט מיט שררים. פלעגט ער לאָזען איינשפּאַנען זיין ברישקע, געהאַט אַ אַנטרייבער, און פאָרען צו די פּריצים אין די הויפען וועגען מסחר.

ער איז קיינמאָל נישט געפאָרען אָהן א גמרא. אין דער ברישקע האָט ער אַריינגענומען די גמרא און אַהינצו־און־צוריק־צו־וועגס האָט ער אַריינגעקוקט אין דער גמרא.

דאָ, — א איד פון מצרים אַנגעטאָן אין א פעסקע ווי אַז

אראַבער. פאַרט אין באַן וועגען מסחר און פירט מיט זיך אַ קבלה ספר׳ל. און ער קוקט אריין אין דעם.

איין וועג האָבען זייביידע — דער איד פון פוילען און דער איד פון מצרים. נאָר אין די מלבושים איז דאָ אַן אונטערשיד.

דער פוילישער איד האָט געהאַט די גמרא אויפ׳ן קאָפּ און דער מצרים־איד זאָגט מיר גאַנצע שטיקער פון קבלה ספר אויף אויסווייניג.

איך האָב געטראַכט:

אַ איד קען נישט גיין פאַרלוירען. קום איך צום סועץ קאַנאַל טרעף איך לאַנדסלייט. קריג איך געקויפט אַן ארץ ישראל העברעאישע צייטונג. טרעף איך אויף דער באַן אַ דמשק׳ער אידיש יונגעל פירען אַ זילבערן שיידעל פאַר אַ סידור. און אין מצרים שוין אויף דער באַן — אַ איד מיט אַ פעסקע, אַ מקובל.

און נאָך האָב איך געטראַכט:

איך בין געפאָרען פון אַמעריקאַ, דורכגעפאָרען אייראָפּאַ, געקומען נאָך אַזיע, בין איצט אין אַפריקאַ. אויף דער באַן אין אַפריקאַ קוק איך מיר אריין אין אַ קבלה ספר. וואָס עס גיט מיר מיין ברודער פון מצרים.

איך קום נאָך קאַירא, די שטאָדט לאַכט און לייכט מיר אַקעגען מיט עלעקטריש ליכט.

ווערט מיר נאָך ליכטיגער — איך פאָר אריין אין צענטראַל האָטעל, דער איינציגער אידישער האָטעל פון קאַירא און איך טרעף אַ לאַנדסמאַן, אַ איד פון זשיראַרדאָוו, אַ שטעטעל אין פוילען, בלום, הייסט ער, דער בעל־הבית פון האָטעל.

נאַ, גאָט׳ס וואונדער האָבען ניט קיין גרעניץ. מיינער אַ זשיראַרדאָווער איד האַלט אַ אידישען האָטעל אין קאַירא.

דאָס איז נישט גלאַט אַ לאַנדסמאַן, ער איז נאָר פון די וואוילע אידען. ער רעדט זעכצען שפּראַכען. און אפשר מער. מיט מיר האָט ער ראשית גערעדט העברעאיש. ווי דען? אַ ציוניסט. און נישט גלאַט אַ ציוניסט, אַ ציוניסטישער פירער אין מצרים, דער פּרעזידענט פון די קאַירא׳ר ציוניסטען.

חוץ דעם איז ער דאָך אַ איד, רעדט אויך אידיש, דעם זאַפּ־

טיגען זשיראַרדאָווער אידיש. ער איז דאָך עפּעס אַ פּוילישער, רעדט ער אַ גלענצענדען פּויליש. אַלס צוגאָב איז אין זיינע צייטען געווען דער רוס אין פּוילען, שמועסט ער מיט מיר אויף רוסיש. ענגליש ? אודאי רעדט ער אויך ענגליש. אַראַביש רעדט ער מיט די אַראַבער, זע איך, פלינק ווי זיי.

אַזוי גייט דאָס ביי אים מיט אַלע לשונות, וואָס איר קענט אָנכאַפּען. דערצו איז ער הויך, ברייט — אַ ריז. וואָס דאַרפט איר מער ? אַ לאַנדסמאַן — להתפּאר בו.

ער איז שוין אַ צוואַנציג יאָר אין קאַירא. קיין צו גרויסער גביר איז ער נישט. אָבער ווי ברייט עס זיינען זיינע פּלייצעס, האָט ער נאָך אַ ברייטערע נשמה. אַי, ווען אַלע לאַנדסלייט, כאָטש אַ צענטעל פון זיי, אין אַמעריקאַ, וואָלטען געווען ווי מיין זשיראַרדאָווער מצרי, בלום פון קאַירא, וואָלט עס דאָך געווען: טע, טע, טע.

מיין לאַנדסמאַן גלעט און לאַשטשעט מיך און פּונקט אַזוי דעם ספרד'ישען יונגען מאַן פון ארץ ישראל, וואָס איז געקור־מען נאָך מצרים אַגיטירען פאַר'ן נאַציאָנאַלפאָנד. ער רעכענט אונז שפּאָט־ביליג, גייט מיט אונז צו ווייזען די שטאָדט, עס זאָל אונז נישט קאָסטען אַ וועגווייזער און ער בעט מיך אַ טובה:

הערר אַזוי און אַזוי, פון שיקאַגאָ, איז דאָ געווען און האָט געמאַכט אַ טעות אין חשבון אויף דריטהאַלבען דאָלאַר. דעם שיקאַגאָ'ר קומט אַרוים די דאָזיגע סומעטשקע. ער האָט נישט זיין אַדרעס. ער איז דאָך אַ באַקאַנטער ציוניסט, וועל איך איז ניו יאָרק אויסגעפינען יענעמס אַדרעס, זאָל איך אַזוי גוט זיין און מיטנעמען דאָס געלט און יענעם אָפּגעבען.

ווי געפעלט אייך מיין לאַנדסמאַן פון קאַירא ?

אין לאַנד פון פּיראַמידן

ב

איך גיי אין קאַירא, אין דער ניי שטאָדט און טראַכט: איז דאָס אַפריקאַ ? אַמאָל, אין די קינדער יאָרען, ווען איך האָב געלייענט די „שבילי עולם“, האָב איך געמיינט, אַז אַפריקאַ

האָט הערנער. שפּעטער האָב איך אויך געהאַט אַנדערע פאָר־שטעלונגען פון קאירא. און עס איז דאָך אַן אייראָפּעאישע שטאָדט!

אין דעם נייעם טייל שטאָדט האָב איך געקענט מיינען, אַז איך בין אין אייראָפּאַ. ווי איך בין אָבער צוגעפאָרען צו דער „טויטער שטאָדט" און צו די פּיראַמידען — האָב איך שוין געזען, אַז עס איז טאַקע אַפריקא און איך האָב אַלס אינגעל גאָרנישט געגרייזט, ווען איך האָב געמיינט, אַז אַפריקא האָט הערנער.

מיר פאָרען צו די פּיראַמידען. אַזוי לאַנג ווי מיר פאָרען מיט אַן אויטאָמאָביל, איז דאָס אַ געוויינליכע רייזע. דער אַראַבי־שער שאָופער פליט פייל־פון־בויגען, מיר זעען רייכע, שיינע ווי־לעס אין גרינס איינגעטונקט, אינטערעסאַנט אָבער נישט אויס־טערליש.

פון וויטענס, פון גאַנץ ווייט, אין דער קלאָרער לופט שפּיצען זיך אַרויס שפּיציגע טומאַנען. די פּיראַמידען. וואָס נעענטער מיר קומען, ווערען די טומאַנען געדיכטער, שאַרפער די שפּיצען.

שטעלט זיך אָפּ דער אויטאָמאָביל. שטייען דאָ פון פריער נאָך אויטאָמאָבילען. פינף קעמלען געדולדיג האַלטען די אויגען אינדערהויך, רירען זיך נישט, וואַרטען אויף אונז. אונזער גרופּע פון פינף זאָל זיך אויפזעצען אויף זיי.

פונקט אַזוי געדולדיג שטייען די קעמעל־פירער. גלייך ווי זיילען, רירען זיך נישט, וואַרטען.

מיר האָבען מיטגענומען אַן אַראַבער פון האָטעל, ער זאָל אונז באַגלייטען אומעטום. זאָגט ער אונז אָן:

— וואו איר גייט, וואו איר שטייט, טאָרט איר אַליין גאָר־נישט צאָלען. אַז איר וועט נעמען צאָלען, וועט איר זיך נישט אויסצאָלען. מען וועט אייך באַרייסען. באַקשיש! באַקשיש!

— קרימט ער נאָך, ווי אַלע וועלען זיך צוקלעפּען — וועט מען אייך וועלען פאַרקויפען „סואוועניר". קויפט נישט. טאָמער קויפט איר ביי איינעם, וועלען די אַנדערע אייך באַהענגען ווי בינען. וועט מען אייך וועלען לייענען אייער צוקונפט פון

האַנט, לאָזט נישט, עס איז בלאָף, אויסצונאַרען אייערע פאַר פּיאַסטער. ווען אימיצער וועט אייך הייסן ווייזן אייער האַנט, ווייזט נישט; טאָמער יאָ, וועט איר זיך שוין נישט אַרויסדרייען פון אים. איר'ט מוזען צאָלען דערפאַר. איך וועל צאָלען פאַר אייך. איר'ט זען וויפיל איך צאָל און וויסען אַ חשבון.

אַ פיינער, אַ ליטישער אַראַבער.

מיר זיצען שוין אויף די קעמלען. איך רייט אויף אַ קע־מעל. ווי געפעלט אייך דער עסק? מיר איז ער שטאַרק גע־פעלען. און ווי מיר רייטען אויף די קעמלען, פאַרט אונזער אַראַבער־באַגלייטער פאַראויס אויף אַן אייזעלע. אַ טשיקאַווע בילד.

ציט דער קאַראַוואַן איבער דער מדבר. איך — אין דעם קאַראַוואַן. מדבר. זאַמד, זאַמד, זאַמד, וואו ס'אויג פאַלט. גייט דער קאַראַוואַן באַרג אַרויף, שרייען די פירער, מיר זאָלען זיך האַלטען פעסט, מען קען אַרונטערפאַלען און ברעכען ס'גע־ניק; גייט דער קאַראַוואַן באַרג אַראָפּ, קען מען אַריבערפאַלען איבער'ן קעמעל־קאָפּ און אויך ברעכען ס'געניק. האַלטען מיר זיך אָן.

די קעמלען גייען פּאַמעליך, גערולדיג, הוידעט אויף־און־אָפּ, טרייסעלט גאָר נישקשה. ווערט נודנע, גיט מען שוין אַ זעץ דעם קעמעל, זאָל ער ווערען אַ ביסעל אומגערולדיג און זיך טראָגען אַ ביסעל גיכער.

צובייזערט זיך דער קעמעל. צובייזערען זיך די קעמלען, ברומען עפּעס, און אויסשטרעקענדיג די קאָפּ נאָך העכער, הויבען זיי אָן גיין גיכער. מיר האָט זיך גערדאַכט, אַז נאָך יעדען זעץ, וואָס דער קעמעל האָט געקראָגען, פאַרשטייט זיך, פון פי־רער, האָט ער אַ ברום געטאָן מסתמא אַזוי:

— איך בין דער שטאָלץ פון דער מדבר — און אויסשטרע־קען העכער דעם קאָפּ.

— גיב מיר דיין האַנט — זאָגט מיר מיין קעמעל־טריי־בער.

מיין איך, אַז דאָס וויל ער מיך אָנהאַלטען, כ'זאָל נישט

אראַפּפאַלען. און ווי איך בין נישט קיין פּחדן, ווילט זיך דאָך אָבער נישט צעשאָטען ווערען אויף דער מדבר דאָ. גיב איך אים מיין האַנט.

אַ פּייערעל צינדט זיך אָן אין זיינע אויגען.

— איך וועל דיר זאָגען די צוקונפט און די פאַרגאַנגענהייט אויך.

דאָס האָב איך שוין נישט געוואָלט. איך האַלט נישט דערפון, האָב איך געענטפערט. איך האָב אָבער געמוזט געבען אַ פינף פּיאַסטער שטיק. איך האָב דאָך אים שוין געהאַט געגעבען די האַנט.

באַלד האָב איך געזען, אַז מיינע מיטפאָרער האָבען אויך געהאַט דאָס זעלבע. נאָר די דאָמע צווישען אונז האָט נישט געוואָלט געבען געלט אומזיסט. אויב שוין יאָ צאָלען, טאָ זאָל ער איר זאָגען איר צוקונפט.

אַ כאַפּטע אַראַבער איז אונז נאָכגעלאָפען. דער גיט אַ געשריי אויף אַ קעמעל, דער פאַרריכט דעם זאָטעל, איינער פאַרקויפט „פּיראַמידעלאַך“, אַן אַנדערער — מטבעות פון פרעה׳ס צייטען.

יעדער וואָרט אויף זיין באַקשיש. קליינע אַראַבערלאַך דערלאַנגען דיר אַלערליי היינטיגע מטבעות: אַמעריקאַנער, איטאַליענישע, פראַנצויזישע, בעלגישע, — בייט זיי אויס אויף פּיאַסטערס.

מען רייסט דיך רעכטס און לינקס. אפילו ווען דו ווילסט פאָלגען די אַנזאָגענישען, וואָס דער באַגלייטער האָט דיר אָנגעזאָגט, קענסטו אויך נישט. מוזט געבען געלד. די פּיראַמידען־אַראַבער קענען די מלאכה גלענצענד.

איך פאָר ענדליך צו צו די פּיראַמידען. איך זיץ אויפ׳ן קעמעל און שטיי לעבען גרעסטען פּיראַמיד. וואָס איז דאָס? גאָרנישט איז עס. שטיינער גרויסע אָנגעלייגט איינער אויפ׳ן אַנדערען, גייען שמעלער, שמעלער, ביז פאַרענדיגט מיט אַ שפּיץ.

אָבער עס פאַלט אָן אויף מיר אַ מורא: טויזענדער יאָרען שטייען די שטיינער, עדות פון חרוב׳ע וועלטען, פון געוואָרענע

וועלטען. און איך — איך זיץ אויף א קעמעל, קוק אויף דעם פחד־וואַרפענדען מאָנומענט, דער טויזענדער יאָרען אַלטער.

האָבען אונזערע עלטערען׳ס עלטערען געבויט פּיראַמידען? האָבען זיי געבויט די דאָזיגע פּיראַמידען? אַז משה איז געגאַנגען זען די פּיין פון זיינע ברידער און זייער שווערע אַרבייט, איז ער דאָ אַהער געקומען? טרעט מיין קעמעל דאָ אין די טריט פון משה׳ן?

זע איך אידען טראָגען די גרויסע שטיינער, שלעפּען זיי אויף די פּיראַמידען, לייגען זיי העכער, העכער, — רוקט זיך אונטער צו מיר אַן אַראַבער און זאָגט מיר אַזוי:

— איר וועט מיר געבען צו צען פּיאַסטער אַ פּאַרשוין, קריך איך אַרויף אויף דעם גרעסטען פּיראַמיד ביז׳ן שפּיץ און צוריק אַראָפּ אין אַכט מינוט. אויב עס וועט דויערען לענגער, וועט איר מיר גאָרנישט באַצאָלען.

מיר זיינען געווען פיר מענשען צום צאָלען. האָבען צוויי מסכים געווען גלייך. צוויי אַנדערע, אַ יונג פּאָר־פּאָלק, האָבען נישט געוואָלט געבען אַפילו אַ פּיאַסטער. עס לוינט זיי נישט, זאָגען זיי, אויסצוגעבען געלד אויף דעם, זיי קענען זיך באַגיין אָהן דעם.

זאָגט דער אַראַבער, אַז ער וואָלט עס געטאָן פאַר די צוואַנציג פּיאַסטער, וואָס מיר צוויי וועלען אים צאָלען, אָבער די אַנדערע צוויי וועלען עס דאַך זען אומזיסט, דאָס טאָר נישט זיין.

איז געבליבען, אַז די קעמעל־טרייבער זאָלען אויסדרייען די קעמלען מיט די הינטערשטע פיס צום פּיראַמיד, וועט דאָס פּאָר־פּאָלק נישט קענען זען, ווי דער אַראַבער קלעטערט.

און וואָס טוען נישט מענשען צו שפּאָרען זיך צוואַנציג פּיאַסטער — לאָזען זיי זיך אויסדרייען. איך האָב אָבער געזען, ווי זיי האָבען בגנבה אויסגעדרייט די קעפּ צו קענען כאַפּען אַ קוק אויף דעם קלעטערענדען אַראַבער.

אין אַ רגע איז דער אַראַבער אַרויף אויף דער פּיראַמידע. געשפּרונגען פלינק פון שטיין אויף שטיין, העכער, העכער, אַזוי

הויך, איך האָב אים געזען ווי אַ וועווערקע. שפּעטער — אַ פינ־טעלע הויבט זיך העכער, העכער.

מיר האָט געשווינדעלט פאַר די אויגען דאָס צוצוקוקען. דער אראַבער איז פאַר אַ דאָלאַר אין אַכט מינוט געווען אַרויף און אַראָפּ. וואָס אָרימע מענשען טוען נישט פאַר אַ קליינע מטבע. איין פאַלשער דריי, וואָלט ער זיך געקייקעלט שטיי־נער אַראָפּ און ביז צו דער ערד וואָלט דאָך קיין גאַנצער ביין נישט געבליבען אין אים.

ווען מיר האָבען אים געגעבען די צוואַנציג פּיאַסטער, האָט ער זיי אַריינגעלעגט אין קעשענע און ווידער אויסגעשטרעקט די האַנט:

— באַקשיש! באַקשיש!

מיר האָבען אים דערלאַנגט אַ מטבע.

און דער ספינקס איז דאָ. אין אַ מאָל שטייט דער ספינקס. ווי אין אַן עקסטרא אויסגעגראָבענער גרוב. וואַקסט אַרויס פון בויך פון דער ערד אַ שטיינערנע מורא׳דיגע חיה. האָבען דאָס געמאַכט מענשען? איז דאָס אַ פאַרשטיינערט באַשעפעניש פון פאַר׳ן מבול. אַ וואונדער און אַ פּחד.

דער ספינקס פּלאַצט שויז. מיר זעען אַ גרויסען שפּאַלט. וואָס ציט זיך איבער זיין ריזיגען פעלז־קערפּער, אָפּגעריבען פון אַלטקייט, שטיקער אָפּגעשפּרונגען.

טויזענדער יאָרען רוען אין דעם שטיין. יאָרען־לאַנג, וואָס דו קענסט זיי נישט תופס זיין. שטייען די פּיראַמידען מיט דעם ספינקס און לאַכען פון מיר, פון אונז אַלע. לאַכען אַלט, קלוג, זיי זאָגען צו אונז:

— וואָס זייט איר ווערט אַקעגען אונז? מיר האָבען דאָך אַלץ געזען. דאָס וואָס איר ווייסט און אפילו דאָס וואָס איר ווייסט נישט. דאָס וואָס עס איז אָפּגעווישט געוואָרען פון זכרון פון דער וועלט.

קליין און דערשלאָגען בין איך געשטאַנען אַקעגען זיי, פאַר־נומען זייער געלעכטער און האָב זיי געוואָלט אָפּצאָלען מיט שפּאָט, איך האָב געשטעלט מיין קעמעל אין פראַנט פון העכסטען

פיראַמיד און ספינקס און געהייסען אַ פאָטאָגראַפיסט, ער זאָל מיך אַזוי פאָטאָגראַפירען.

איין דאָלאַר מיט אַ פיאַסטער האָב איך באַצאָלט פאַר דעם פאָטאָגראַפירען, אַ ביליגער פרייז פאַר דעם שפּאַט־אויפּטו איבער די פיראַמידען און ספינקס.

זעט איר, טויזענדער יאָרען זייט איר אַלט, לאַכט איר פון אונז, נו, פאָטאָגראַפיר איך זיך מיט אייך זקנים אויף איין בילד, פיר טויזענד, פינף טויזענד, זעקס טויזענד, זיבען טויזענד יאָרען מיט מיר אויף איין בילד.

אויפ׳ן נילוס

ג

— ווילסטו זען דאָס אָרט אין נילוס, וואו פרעה׳ס טאָכטער האָט געפונען משה׳ן ?

אַזוי האָט מיך געפרעגט דער אַראַבישער וועגווייזער.

— אודאי.

פאָרען מיר צו צום נילוס. איך זע אים און טראַכט מיר, אַז עס איז אַ שטיקעל טרייסט, ער איז נישט ברייטער פון ירדן. די צוויי טייכען האָבען געשפּילט אַ גרויסע ראָלע אין דעם לעבען פון אינגעל. ער האָט געמיינט, אַז די צוויי טייכען זיינען די גרעסטע ים׳ען אויף דער וועלט.

און אויב דער ירדן האָט זיך מיר באַוויזען אין קליינעם געשטאַלט, בין איך צופרידען, וואָס דער נילוס האָט נישט פאַרשעמט דעם ירדן. ער איז אויך נישט צו־ברייט. ער איז שמעלער פון דעם יעדזשער פון מיין שטעדטעל.

זעט אויס רואיג דער נילוס, אָבער דינינקע וועלעכלעך, ליימיגע, יאָגען זיך שטיל איינס אויף דאָס אַנדערע. ער איז נישט רואיג דער נילוס. מען ווייזט מיר אָן אויף ערטער, וואָס כאָטש זיי זעען אויס גאַנץ שטיל, איז דאָך אַ סכנה צו באָדען זיך אין זיי. דאָס וואַסער דרייט זיך דאָרט אין אַ ווילדען ווירוואַר און ציט אַריין און שלינגט איין איטליכען.

ביים נילוס. אַן אַראַבער מיט אַ שיפעל, וואָס זעט אויס

ווי אַ פלאַך ברעט, שטייט גרייט. איבער'ן נילוס איז אַנגעצויגענע אַ שטריק און ציט מיט דאָס שיפעל און מיר זיינען אין עטליכע סעקונדען אויפ'ן אַנדערען ברעג.

מען פירט אונז דורך אַ גאָרטען און אַט הייסט מען אונז זיך אָפּשטעלען לעבען טייך אונטער אַ בוים. דער אַראַבער ווייזט אונז אָן אויפ'ן טייך:

— דאָ האָט פּרעה'ס טאָכטער געפונען משה'ן אין קעסטעלע.

איך זע וואַסער — עס קען זיין, אַז טאַקע דאָ איז דאָס אָרט. עס קען אָבער אויך זיין, אַז דאָ זיינען אברהם מיט שרה'ן אריבערגעפאָרען, ווען ער האָט דאָס ערשטע מאָל אין קאַרגע הונדערט יאָר דערזען, אַז שרה איז אַ יפת־תואר און אַ יפת־מראה. מאַלע וואָס דאָרט האָט זיך אַזוינס אָפּגעטאָן! איר מוזט שמייכלען ווען איר זעט ווי מען נאַרט טוריסטען. מען פירט זיי צו צום טייך, מען הייסט זיי אַרונטערקוקען אין וואַסער און מיט'ן פינגער ווייזט מען אייך, אַז דאָ האָט בתיה בת פרעה געפונען משה'ן. גיי זיי אַ חכם און לייקען עס אָפּ אַז דאָ איז נישט דאָס אָרט.

אויף אַ גרויסען שטח, לעבען נילוס, זיינען געשטאַנען גרויסע בוידען אויסגעפּוצט מיט פענער און לעמפלאַך. דאָס האָט מצרים זיך געגרייט צו פייערען דעם נילוס יום־טוב. אַלע יאָר ווען דער נילוס ווערט פול, איז דאָס אַ גרויסער יום־טוב פאַר מצרים. דער נילוס איז זייער שפייזער. אַמאָל האָבען זיי געדינט צום נילוס. היינט פאַרגעטערען זיי אים נאָך אויך. אַמאָל פלעגען זיי אריינוואַרפען אַ קרבן, אַ פרוי אין טייך אריין. היינט וואַרפען זיי שוין נישט אריין קיין לעבעדיגע מענשען, נאָר אַ סטאַטוע. אין קאַירא איז עטליכע טעג פאַר דעם יום־טוב שוין געווען שטאַרק קענטיג די פרייד פון דעם פייערטאָג.

— די תפיסה, וואו יוסף איז געווען פאַרשפאַרט, ווילט איר זען?

— זיכער!

אַן אַלטער אַראַבער שטייט ביים צוגאַנג אַלס שומר און

נעמט אן אפצאל פאר'ן אריינגאנג. אונזער אראבישער וועג־ווייזער האט אים געזאגט, אז ער וועט אים באצאלען ביים ארויס־גיין.

מיר קריכען אויף פעלזען און קומען צו א מורא'דיגע טיפע גרוב — א שטיינערנע גרוב אין א שטיינערנעם טאל. עס שווינ־דעלט אין די אויגען אראפקוקענדיג. מען זעט לעבער אין די ווענט, וואו די פארשפארטע זיינען געווען אנגעשלאסען מיט קיי־טען.

קיין צווייפעל, אז דאס איז געווען א תפיסה. קען זיין, אז יוסף הצדיק איז טאקע דא געווען פארשפארט. נאר טאמער נישט — פרעגט זיך: וואו האט פוטיפר געקענט געפינען אין קאירא א שטרענגערע תפיסה פאר יוסף'ן?

האט מען דא איינעם אריינגעווארפען, זייט זיכער, האט ער נישט געקענט ארויסגיין פון דארט. די רוסישע טורמעס זיינען געווען פאלאצען אקעגען דער דאזיגער תפיסה.

ביים ארויסגיין גיט דער וועגווייזער א קליינע מטבע דעם שומר. וויל נישט דער שומר, וויל איך אים דערלאנגען א מטבע, דערלאזט ניט דער וועגווייזער, ווערט גאר א געשלעג, די צווי אראבער דערלאנגען זיך קלעפ — איך זע אראבער קענען זיך שלאגען אויסגעצייכענט.

זיינען אנגעלאפען פון אונטער דער ערד אראבער, נאך אראַ־בער, עס האבען זיך געשאפען צדדים — א מלחמה. בלוט איז אויך געלאפען. מען האט שוין געזען מעסערלאך אויך. איך האב נישט געהאט קיין גרוים הנאה דערפון.

נאר וואס האב איך געקענט טאן? נישט געבען, איז דער שומר אין כעס, יא געבען, איז דער וועגווייזער בייז. אבער עס איז ווי־עס־איז פארענדיגט געווארען בשלום. די אראבער זיינען נאריש און צובלוטיגען זיך איבער מיינס א פיאסטער, איבער א ניקעל. נאראנים.

וועלען מיר א קוק טאן ווי עס זעט אויס דעם אבן עזרא'ס שול.

מיר גייען דורך ענגע געסלאך. אראבער און אראבקעס, בא־

האַנגען מיט צירונג זיצען אין דרויסען און שיקען אונז נאָך זייערע קליינע קינדער רייסען באַקשיש. צענדליגע, צענדליגע אראַבער־קינדער רינגלען אונז אַרום, פאַרשטעלען דעם וועג, לויפען נאָך, שטרעקען אויס שמוציגע הענטלעך:

— באַקשיש! באַקשיש!

אויפ'ן הויף פון דער שול טרעפען מיר דעם אַלטען שמש מיט זיינע קינדער פאַרברייננגען פריינדליך מיט שכנים אַראַבער. דער שמש רעדט עטליכע העברעאישע ווערטער און פירט אונז אַריין אינווייניג.

אַן אַלטע שול. מען האַלט זי אין רעפּארירען, צוגרייטען אויף די ימים־נוראים. דער שמש זאָגט:

— דאָ האָט ער געדאַווענט, דער אבן עזרא.

נו, האָט ער געדאַווענט! איך בין נישט געווען איבער־ראַשט. נאָר דאָ איז צוגעגאַנגען אַ יונגערמאַן און האָט אַ שלעפּ געטאָן אַ פּלושענע דעק פון אַ פאַרדעקטען בעלעמער. איך האָב אַ ציטער געטאָן. אַ צאָן האָט געקלאַפּט אָן אַ צאָן.

אויף דעם אויפגעדעקטען בעלעמער איז דאָ אַ טאַוועל. איך לייען איבער די דאָזיגע ווערטער:

„האגדה מספרת כי במקום הזה עמד משה רבנו והתפלל אל ד' כמו שכתוב „ויצא משה מעם פרעה את העיר ויפרש כפיו אל ד'".

דאָס איז דער טייטש: „די לעגענדע דערציילט אַז אויף דעם אָרט איז געשטאַנען משה רבנו און געטאָן תפילה צו גאָט, ווי עס שטייט געשריבען: „משה איז אַרויסגעגאַנגען פון פאַר פרעה'ן פון שטאָדט אַרויס און האָט זיינע הענט אויסגעשטרעקט צו גאָט".

אַ פּחד וואָס איך האָב קיינמאָל נישט איבערגעלעבט, אַן אימה וואָס איך האָב קיינמאָל נישט געפיהלט, אַ ציטערניש, אַן אומדערוואַרטעטע, אַן אומגלויביגע פאַר מיר אַליין — האָב איך דורכגעלעבט אין די עטליכע מינוט, וואָס איך בין געשטאַנען אויף דעם אָרט.

אָהן אַ וואָרט אויסצורײדען בין איך געשטאַנען און דער בעלעמער האָט גערעדט צו מיר:

— דאָ איז געשטאַנען משה רבנו און תּפילה געטאָן צו גאָט.

איך האָב אין מײַן ציטערניש געזען ווי עס שטייט אַ וואונדערליך ווייסע פיגור, אַ ווײַס־ליכטיגע מיט אויסגעשטרעקטע הענט צום הימעל.

און איך — איך שטיי דאָ אויף דעם אָרט. איך ציטער און דאָס ציטערניש איז אַזוי זיס, אַזוי גוט פאַר מיר.

איך האָב נישט געטראַכט אַז טאָמער איז דאָס נישט דאָס אָרט. מײַן בלוט האָט געזונגען אין מיר:

דאָ איז משה געשטאַנען מיט אויסגעשטרעקטע הענט צו גאָט.

דאָ שטיי איך מיט אַן אַראָפּגעלאָזטען קאָפּ, אין גרויס ציטערניש.

צוווישן די פּרעה׳ס

ד

אין קאַירא האָט איר די לעבען־שטאָדט און טויטע־שטאָדט איינס לעבען אַנדערען. טויזענטער יאָרען אַלטע חורבות און רײַכע פּרעכטיגע ווילעס ווי אין פראַנקרײַך, איטאַליע און עסטרײַך.

די טויטע שטאָדט איז אַן אַלטער בית־עולם. איז דאָס אַ מדבר, זאַמד, פעלזען. דאָרט ליגען באַהאַלטען טויטע דורות. פון אויבען איז אויך שטיל, — אַ טויטע שטאָדט.

אַ שווערען אײַנדרוק מאַכט די טויטע שטאָדט.

קומט מען אָבער אין די קבֿרות־המלכים, דאָרט וואו די קעניגען פון מצרים ליגען באַהאַלטען, איז דאָס שוין אַ פּאַלאַץ. מצרים איז נישט ווײַט אַוועק פון איר מומיע־צײַט. דעמאָלט האָבען זיי אוצרות אויסגעגעבען אויף קעניגליכע לויה׳ס און אויך איצט האָבען זיי שפּענדירט אוצרות אויף די קבֿרים פון די קעניגע פון די לעצטע פאַר הונדערט יאָר.

יעדעס קבֿר איז אַ קונסט־אַרבייט. יאָרען האָבען געמוזט

דויערען ביז די קינסטלער האָבען אויסגעשניצט אין האָלץ די וואונדערליכע שניצערייען אויף די קברים־געצעלטען, גאָלד אויסגעהאַקט אין די שענסטע פאָרמען. אוצרות גאָלד און אוצרות מאַרד און מי ליגען דאָרט. און פאַר וועמען? פאַר טויטע מענשען, וואָס זיינען געווען ביים לעבען קעניגען.

וועגען איין קבר געצעלט — אבראהים הייסט דער באַגראַבענער — האָט מען מיר דערציילט, אַז עס האָט געדויערט פינף און זעכציג יאָר צו בויען. דער קינסטלער האָט אָנגעהויבען די אַרבייט, ווען ער איז געווען אַ אינגעל פון זיבעצען יאָר. און ווען ער איז שוין געווען אַ זקן פון איבער אכציג יאָר, האָט דער קעניג מורא געהאַט, אַז אַ רייכער מאַן וועט אים דינגען צו מאַכען פאַר אים פונקט אַזאַ קבר, האָט ער אים אָפּגעהאַקט די פינגער פון די הענט, ער זאָל מער נישט קענען בויען אַזאַ קבר.

דער קעניג, ווי זיין קינסטלער, ליגען סוף־סוף ביידע אין דער זעלבער ערד.

דער וואונדערליכער ברונען

ה

אויפ'ן הויף פון מחמד עלי'ס מעטשעט איז דאַ אַ וואונדערליכער ברונען. טיף, מי יודע, וויפיל פוס און שמאָל, קוים פאַר אַן עמער הורכצוגיין. דער ברונען און דאָס געשטעל — פון טייערען מאַרמאָר. קיין וואַסער נעמט מען נישט פון ברונען. אָבער מען בויגט אַריין דאָס מויל אין דער עפענונג און מען לאָזט אַריין אַ געשריי, קייקעלט זיך דאָס געשריי אַראָפּ־אַראָפּ, דרייט זיך גיך־גיך און עס דויערט אַ צייט ביז דאָס געשריי ווערט שטיל.

וואָס איז אַ געשריי? עס ווערט פאַרלוירען, יאָ? אָבער ניין, עס ווערט נישט פאַרלוירען. האָב איך אַריינגעוואָרפען אַ געשריי אין ברונען, ביז אָוועקגעגאַנגען און דאָס געשריי האָט געלעבט פאַר זיך, עס האָט געשריגען דאָס געשריי נאָך אַ היבשע

צייט. קייקעלט זיך, קייקעלט זיך אן ארויסגעריסענער קלאנג פון מיין האלז ארוים אין דעם ברונען פון קאירא.

און נאך א וואונדער: יעדעס קול קלינגט אנדערש. הער איך מיין שטימע אין ברונען קלינגען אנדערש ווי די שטימע פון מיין חבר. און אויב די טיפקייט פון ברונען ציט זיך ביז צום תהום, קען זיין, אז נאך איצט קייקלען זיך אראפ־אראפ אונ־זערע ארויסגעריסענע קלאנגען. אזוי קייקלען זיך מיליאנען קלאנ־גען אין דעם ברונען, מיליאנען קולות פון מיליאנען מענשען, וואס האבען הונדערטער יארען דארט ארייגעשריגען.

א י ן ע ג י פ ט י ש ע ן מ ו ז ע א ו ם

ו

מיר קומען אריין אין עגיפטישען מוזעאום און איך געפין זיך אין א וועלט מיט פיר טויזענד יאר צוריק. פרעה'ס און פרעה'ס אין איטליבען ווינקעל. זייערע בעטען, שטולען, אלע זייערע כלים — ארויסגעגראבענע פון קברים.

די כלים, דאס ווייבערשע צירונג — ווי קליין איז דער אונ־טערשייד צווישען פיר טויזענד יאר צוריק און היינט!

מען זעט דארט דאס צירונג, וואס מען האט געפונען אין די קברים, ארמען און פלאטעס אויסגעשניטען פון האלץ, דאס אלץ האבען די מצריים מיטגעגעבען זייערע הערשער אין קבר אריין, און איצט גראבט מען אויס די פרעה'ס מיט זייערע אוצרות.

אט איז טוט־ען־כאמען'ס קליינע יונגעלישע פיגור מיט א קליין בעטעל, א שטול און א פוס־ביינקעל, וואס מען האט ארויס־גענומען. און אט איז דער פרעה, וואס האט זיך געבאדען אין בלוט פון אידישע קינדער. און אט איז פרעה, וואס האט נאכ־געיאגט די אידען.

שטייט מיין חבר לעבען דאס ביסעל שמאטעס, וואס איז געבליבען פון די ביידע פרעה'ס און ער זאגט:

— איר האט געפייניגט די אידען און איצט ליגט איר איינ־געמארינירט.

האָט זיך אַ צווייטער אָנגערופֿן:

— די אידען וואָס ער האָט געפּייניגט זיינען דאָך אויך שוין נישטאָ... זיינען אויך געשטאָרבען. דער פּייניגער און דער געפּייניגטער.

— וואָסערע אוצרות איר האָט דאָ אין מוזעאום! — האָב איך געזאָגט צו אַ באַאַמטען פון מוזעאום.

— דאָס איז גאָרנישט. דאָס איז נאָר ברעקלאַך — האָט ער געזאָגט מיט פאַרדרוס — די אמת'ע אוצרות נעמט ענגלאַנד. דאָס בעסטע און שענסטע נעמען זיי צו פון אונז.

אַ פ פ אַ ל

ז

די גאַס פון אַפּפאַל, די גאַס פון מענשענס שאַנד און שענד־ליכען מענש איז נישט טיף אין דער ערד, נישט פאַרבאָרגען און פאַרהוילען, נאָר אָפענבאַר און נאָך העכער פון דער ערד, טרעפּליך אַרויפצוגיין.

מ'רופט די דאָזיגע גאַס דער פישמאַרק. און דאָס איז אַ בזיון פאַר די פיש. קומען זיי דאָך אויפ'ן אידישען שבת־און־יום־טוב טיש. האָט די שמוץ־גאַס אַ נאָמען נאָך די פיש.

מ'גייט טרעפּלאַך אַרויף. שמאָל, אַן ענגע מזרח גאַס. און ברוד ציט זיך ביז'ן אָפּגרונד. ווי מיאוס איז דאָ די זינד! אַזוי עקעלהאַפט און פּייניגענדיג. פאַרפוילטע לעבענס צוזאַמענגעשלעפּ־טע פון אַלע לענדער וואַלגערען זיך דאָ ביי די שוועלען פון די ווערעמדיגע הייזער. ווילדפלייש קופעס גאַנצע רייסען די אויגען דיינע און פאַרקוויטיגען דיין געמיט. מיידלאַך וואָס האָבען געזאָלט זיין כשר'ע כלה'ס, געטרייע מאַמעס זיינען דאָ אהער פאַרטריבען געוואָרען פאַר דער שאַנד פון שענדליכען בן אדם.

אין אונזער גרופּע וואָס איז געווען אין קאַירא איז געווען אַ יונגע פרוי. ערשט נאָך דער חתונה. אז מיר האָבען געוואָלט גיין זען די „גאַס פון שענדליכען מענש“, האָבען מיר זי געוואָלט איבערלאָזען אין האָטעל.

— ניין, איך גיי מיט! — האָט זי זיך איינגעשפּאַרט.

אַ מאַן אויף אַ האַניגרייזע זאָגט נישט אָפּ זיין ווייב. און זי איז מיטגעגאַנגען מיט אונז. און ווי מיר זיינען געגאַנגען איז צוגעשפּרונגען „איינע פון יענע" און מיט ווילדען כעס איר געוואָרפען אין פנים אריין דאָס דאָזיגע געשריי:

— איהר שעמט זיך נישט צו קומען זען אונזער שאַנד!

דאָס האַניג־רייזע ווייבעל האָט אויפגעציטערט. און מיר מיט איר. און ווי געיאָגט פון צעהנטויזענט יאָר זינד זיינען מיר אַנטלאָפען.

אין שענקען

ח

די וועלט קלינגט מיט די קאַירא'ר שענקען און קאַבאַרעטען. אין די טעאַטערס און מואַווים ווייזט מען אונז די אַראַבישע טענצערקעס. זיי ברענגען אַ וועלט. לאָמיר זען ווי זיי זעען אויס.

און דאָ האָט איר אַן עצה:

ווילט איר זען אַראַבישע טענצערקעס, זעט זיי אין די מואַווים, וואָס מען מאַכט אין האָליוואָוד. אין קאַירא זעט מען זיי נישט.

מיר קומען אריין אין דעם גרעסטען קאַבאַרעט. אַ שמוציגע קרעטשמע. אַראַבער זיצען אויסגעזעצט שטיל און וואַרטען. די בינע אַן אָפּענע, באַזעצט מיט אַ צענדליג מענער, וואָס שלאָפען און צימבלען איינטאָניג אויף דראַטענע כלים. נאָכאַמאָל דאָס זעלבע און נאָכאַמאָל. זיי שלאָפען צימבלענדיג.

און די פּרימאַדאָנאַ, קומט אַרויס אַן אַראַבקע, אַהן גוזמא פון אַ פינף הונדערט פונט, זעצט זיך צווישען די שלאָפענדיגע מענער און קוויטשעט, עס רייסט אין אויער. אָבער די אַראַבער פּאַטשען און הירזשען. שפּרינגען פון די ערטער.

טאָמער איז דאָס נאָך ווייניג, נעמט נאָך די פינף־הונדערט־

פונטיגע פרימאַדאָנאַ טאַנצען, נאַ, דאָס האָב איך שוין נישט גע־קענט צוזען. איך בין אַרויסגעלאָפען און אַריין אין אַ צווייטען.

— דער איז דער געפערליכסטער קאַבאַרעט אין קאַירא — האָט מען מיר געזאָגט.

שטעלען מיר זיך איין און גייען אַריין.

נאָך שמוציגער. דאָרט זיינען דאָ דריי זינגערקעס־טענצער־קעס. ווען מען שטעלט אַוועק קלעצער אויף דער בינע, וואָל־טען זיי געשיקטער געטאַנצט פון די דריי „פרימאַדאָנאַס“. זיי האָבען קוים געקענט אויפהויבען אַ פוס און געמאַכט גרימאַסען האָבען זיי, אַז מען האָט געמוזט כאַפּען אַ שטיק לימענע אין מויל אַריין.

אַראַבישע טענצערקערס אין קאַירא.

ווען איך בין געגאַנגען אַוועק פון מצרים, האָט אַ איד אין אַלעקסאַנדריא מיר געהאָלפען באַזאָרגען פאַרשידענע זאַכען. איידער איך בין אַרויף אויפ'ן שיף, פרעג איך אים וואָס עס קומט אים פאַר זיין טרחה? זאָגט ער מיר, און איך גיב אים.

— נו, און באַקשיש ? — פרעגט ער מיך.

— האָט איהר דאָך גלייך געקענט זאָגען, אַז איהר ווילט מער, וואָלט איך דאָך אייך געווען געגעבען ?

— דאָס האָט נישט צו טאָן מיט באַקשיש — זאָגט ער מיר, — נאָכדעם ווי איהר האָט מיר געגעבען מיין פרייז, דאַרפט איהר מיר געבען באַקשיש.

איך האָב אים געגעבען באַקשיש. ער איז געווען דער איינ־ציגער איד, וואָס האָט געבעטען באַקשיש.

ער איז דוקא געבוירען געוואָרען אין ארץ ישראל ; נאָר ער איז שוין זעקס און צוואַנציג יאָר אין עגיפּטען. איז ער שוין אַראַביש פאַרבאַקשישט.

לעבען שיף שטייען מענער מיט אַלערליי געלדער אין די הענט, די חלפנים, זיי וועקסלען געלט. לויפען צו אַ חברה וועקסלער צו מיר, זיי ווילען וועקסלען געלט. נעם איך דעם ערשטען מאַן און וויל אים שוין לאָזען טאָן „ביזנעס“, כאַפּט זיך איינער און זאָגט אויף העברעאיש :

— גיט אַ אידען צו פאַרדינען!

אויפ׳ן אַלעקסאַנדריער ברעג, צווישען די וועקסלער, געפין איך אויך אַ אידען.

און אַז איך האָב געוועקסעלט ביי אים, איז יעדער צוגעלאָפען צו מיר:

— אויב איר גיט אונז נישט צו פאַרדינען, טאָ גיט אונז באַקשיש!

באַקשיש! באַקשיש, באַקשיש! — דאָס האָט מיר גע־זונגען אין די אויערען.

און אַזוי בין איך אַוועק פון אַפריקאַ נאָך אייראָפּאַ.

איטאליע

נעאַפּאָל

א

איטאַליע! איטאַליע! ווער גאַרט דאָס נישט צו זען איטאַליע.

איר ווילט זעהן איטאַליע און איר קומט טאַקע אַהין. זייט איר דאַך צופרידען. טאַ שטעלט אייך פאָר, אַז איר קומט נאָך איטאַליע נאָך אַ שלעפּעדיגע ים־רייזע פון ניינצען טעג, ווי צופרידען זייט איר!

נאָך ניינצען נודנע טעג אויפ'ן ים זייט איר גליקליך, ווען איר שטעלט אַ פוס אויף יעדע יבשה, אַפילו אַ ווילד אינזעל, און אַז די יבשה איז איטאַליע, נעאַפּאָל פון איטאַליע, איז טאַקע קיין וואונדער נישט, וואָס עטליכע אימפּולסיווע פּאַסאַזשירען האָבען זיך אַרומגעכאַפּט און געקושט אַזוי נאָר ווי זיי זיינען אַראָפּ פון שיף נאָך נעאַפּאָל.

נעאַפּאָל איז אַ שיינע שטאָדט, און אינטערעסאַנט. אָבער אַ גרויס נאַרישקייט האָט געזאָגט דער, וואָס האָט געזאָגט: „זע נעאַפּאָל און שטאַרב“.

עס זיינען דאָ אַ סך שענערע שטעדט ווי נעאַפּאָל. און ווען אַפילו נעאַפּאָל וואָלט טאַקע געווען די שענסטע שטאָדט, לוינט זיך אַלץ נישט צו שטאַרבען פאַר איר.

נאָר מען לייקענט גאָר די גאַנצע געשיכטע. קיינער האָט נישט געזאָגט, אַז: „זע נעאַפּאָל און שטאַרב“. נאָר די מעשה איז אַזוי:

נעבען נעאַפּאָל איז דאָ אַ דערפעל, וואָס האָט אַ נאָמען פון צוויי טייטשען. מען קען טייטשען: גלאַט אַ נאָמען און מען קען טייטשען: שטאַרב.

דער, וואָס האָט דאָס געזאָגט, האָט געמיינט, מען זאָל זען נעאַפּאָל און דאָס דערפּעל, וועט מען זען דעם חילוק. איז געקומען אַן איבערזעצער און דאָס איבערזעצט — שטאַרב. און אַזוי האָט זיך פאַרשפּרייט דער גרייז.

מיר זיינען אַריין אין איינעם פון די גרעסטע טרינק־הייזער פון נעאַפּאָל. אַלע האָבן זיך דערפרייט מיט אונז. אַמעריקאַנער.

האָט די קאַפּעליע גלייך אויפגעשפּילט דעם איטאַליענישען הימן. אַלע געסט האָבן זיך אויפגעשטעלט און צוגעפּאַטשט. נישט ווי מען אַפּלאָדירט, נאָר האַסטיג, עקסטאַטיש, צוגעקלאַפּט.

מיר האָבן אויך געמוזט צוקלאַפּען.

באַלד האָבן זיי געשפּילט דעם אַמעריקאַנער הימן און — פּאַטשט ווייטער. מוזען מיר דאָך אודאי מיטפּאַטשען.

אַזוי איז דער מנהג אין איטאַליע, האָט מען מיר געזאָגט. ווען מען שפּילט אַ הימן, מוז מען צופּאַטשען.

צוויי יונגע, שלאַנקע איטאַליענער, אין שוואַרצע העמדלאַך, מיט רעוואָלווערן ביי דער זייט, זיינען צוגעגאַנגען צו אונזער טיש. זיי ווילען פאַרברענגען מיט די אַמעריקאַנער. זיי זיינען לייטענאַנטען־פאַשיסטען.

געטרונקען האָבן די פאַשיסטען נים פון אַ פלאַש, נאָר פון אַ גלעזערן פעסעל. געלויבט אַמעריקאַ און מיט בייז פייער אין די ברענענדע איטאַליענער־אויגען גערעדט וועגן נישט־פאַשיסטען.

אַזוי ווי איך בין דאָך נישט קיין פאַשיסט, האָב איך געדאַנקט גאָט, וואָס איך בין נישט קיין איטאַליענער, נאָר אַן אַמעריקאַנער. ווען איך וואָלט געווען אַן איטאַליענער, וואָלטען די פאַשיסטען זיכער מיר געגעבען אַ פאַרציע ריצענאַייל.

אָבער אַזוי ווי איך בין דאָך אַן אַמעריקאַנער, גיסען זיי מיר אַן איין גלאָז נאָכ׳ן אַנדערען און זיי ווילען זיך זען מיט מיר מאָרגען נאָך אַמאָל.

פונדעסטוועגען האָב איך זיי צומאָרגענס נישט געוואָלט

באַגעגענען און געפיהלט רואיגער, ווען זיי זיינען אַוועק פון אונז.

וואו מען גייט און מען שטייט זעט מען די שווארצע העמ־דעלדיגע. נעאַפּאָל איז פארפלייצט פון זיי.

איז גאַנץ איטאַליע פאַשיסטיש?

איך האָב דאָך געפונען צוויי נישט־פאַשיסטען. זיי האָבען מיר דאָס דערקלערט פּראָסט פשוט:

אַ סך זיינען פאַשיסטען צוליב פרנסה. דער פאַשיסט קריגט אַ שטעלע ביי דער רעגירונג, אין די שטאַדטישע אינסטיטוציעס, אויף די באַנען. זיינען דאריבער דאָ אַזוי פיל פאַשיסטען. וואָל־טען זיי געווען זיכער, אַז זיי וועלען קריגען אַ שטעלע אָדער גלאַט ארבייט אַנדערשוואו, וואָלטען א סך פון זיי אויסגעטאָן די שווארצע העמדלאַך.

אָבער די גרויסע צאָל יונגעליים אין שווארצע העמדלאַך — אַ שוואַרצע יוגענד.

אַ שטיקעל טובה האָבען מיר דאָך געהאַט פון די פאַשיס־טען: זיי זיינען געגאַנגען מיט אונז ביז צו דער שיף. מען גייט דורך אַ געפערליכער געגענד, אַ שענקען־געגענד.

טרעפט טאַקע באַלד אַזאַ מעשה:

אַן איטאַליענער לויפט אריין אין אַ שענק, כאַפּט אַ פלאַש ביר און לויפט ארויס. מ'לויפט אים נאָך, און אין אַ רגע קנאַ־לען רעוואָלווערס און מעסערס בלישטשען.

ביי אַזאַ טומעל איז געווען אַ גליק וואָס די פאַשיסטען אָפּי־צערען האָבען אונז דורכגעפירט דורך דער סכנה.

אויף דער גאַס האָט זיך צוגעקלעפּט צו אונז אַ זעלטען־שיינער יונגערמאַן, מיט אַ צעריסענע רעקעל און שיך מיט אָפענע מיילער. ער האָט גערעדט חוץ איטאַליעניש אויך פראַנצויזיש, ענגליש און דייטש, און ער האָט מיר געוויזען אַ מיטגליד־קאַרט פון דער איטאַליענישער אַקטיאָרען־געזעלשאַפט. קיין ארבייט האָט ער נישט. וויל מיט אונז מיטגיין. ער וועט אונז ווייזען אַלצדינג, וואָס מען דאַרף זען.

פּראָפעסיאָנעלע וועגווייזערס זיינען אונז באַפאַלען. זיי ווי־

לען פארדינען א לירע. און דערזעהענדיג דעם ארימען אקטיאר מיט אונז, האט געפעלט א רגע, וואלטען זיי אים צעריסען. ער גייט זיי אין דער פרנסה אריין, אבער מיר, די אמעריקאנער, האבען אריינגענומען דעם אקטיאר אינמיטען און אים געראטעוועט. ער איז טאקע געווען איינער פון די צוויי נישט-פארשיסטען, וואס מיר איז אויסגעקומען צו געפינען אין פיר איטאליענישע שטעדט — אין נעאפאל, אין ברינדיזי, אין טריעסט און ווענעציע.

צוויי טעג האט ער געקלעפט אן אונז. קיין טרייערען וועגווייזער ברויך מען נישט. ער איז געגאנגען מיט אונז אין געשעפטען און האט זיך געהאנדעלט פאר אונז מיט די סוחרים. ער האט זיך געהיצט, מיר האבען געציטערט, אט צושלאגען זיי זיך, אבער ער האט אויסגעפירט — ער האט אונז געראטעוועט א סך לירעס.

אין די צוויי טעג האט ער באקומען א געזונטערע פארב אין פנים, ער האט געגעסען צו זאט און נאך אפגעשפארט א פאר שיך.

מיר זיינען געפארען זען די קליינע שטעדטלאך ארום נעאפאל. נעמען מיר אן אטאמאביל און יעדע רגע בענשען מיר גומל. אזא אומפאראנטווארטליך פארען ווי אין איטאליע האב איך אין ערגעץ נישט געזען.

זיי האבען נישט קיין טראפיק-געזעצען. מען פארט רעכטס, לינקס, אינמיטען, אנטקעגען דיר און אויף דיר. איטליכע מינוט מיינסטו, אז דיין אטאמאביל פליט אריין אין אן אנדערען. אן אנדערער פליט אריין אין דיר, פינף אטאמאבילען פליען ארויף אויף דיר און צופיצלען דיך. פארסט כסדר אין גרוים שרעק. די איטאליענער זיינען אבער גרויסע מזיקים, דו שרעקסט זיך און זיי לאכען.

איטאליע איז מורא'דיג ארים. דאס ארימקייט שטעכט די אויגען. גאסען גאנצע זעט איר אין איטאליע מיט הייזער-חורבות ווי שטאלען און ווער ווייס וויפיל נפשות עם לעבען צו-

זאַמען אין איין חורבה־שטוב. אָרים, שמוציג, הונגעריג — שטערט גאַנצע.

דאָס אָרימקייט איז נאָך גרעסער אין די קליינע שטעדטלאַך ארום נעאפּאל. מען זעט אַבער דאָרט אויך שיינע ווילעס, רייכע פּאַלאַצען, דאָרט וואוינען איטאַליענישע פּריצים און לעבען זיי ציען זיך אָרימע, אָרימע הייזלאַך, נעסטען פון אָרימקייט.

אין איין דאָרפיש הויז בין איך אַריינגעגאַנגען. באַשטייט דאָס פון איין גרויסען צימער. אין דעם צימער איז דאָ אַ הויכע פּלאַטפאָרם, שטייט אַ בעט אין דער הויך און מען קריכט אַרויף אויף אַ לייטער. אונטען שטייט נאָך אַ בעט און אין ווינקעל שטייט אַ קוה.

איך בין איבערראַשט געוואָרען. די אָרימסטע פּוילישע פּוי־ערען האָבען נישט געהאַלטען די בהמות אין שטוב, נאָר געהאַט אַ שטאַל פאַר זיי.

האָב איך געמיינט, אַז דאָס איז אַן אויסנאַם דאָס דאָזיגע הויז. אַבער מען האָט מיך געפירט שפּעטער אין אַ סך הייזער און איך האָב אין איין שטוב געפונען לעבען בעט אַציג, אין אַ צווייטער — אַן אייזעלע.

אַ קלאָרער, ליכטיגער הימעל, אַ וואונדערשיין לאַנד, אַ לאַנד פון קונסט, אַ לאַנד פון געזאַנג און מענשען וואוינען אין איין צימער מיט דער קו, מיט דער ציג, און מיט'ן אייזעל.

בין איך געווען אין אַ רייכען רעסטאָראַן. שפּילט דאָרט אַן אויסגעצייכענטע קאַפּעליע. זיי האָבען וואונדערשיין גע־שפּילט. איך זיץ אַז אַנטציקטער און הער אין איטאַליע איטאַ־ליענער שפּילען.

פּלוצלונג דערזע איך איינעם פון די פידלער, וואָס אָט ערשט האָט ער פאַרצויגען בענקענדיג אַ ניגון, ווי עס רייסט זיך אויף מורא'דיג זיין מויל און ציט זיך אין אַ לאַנגען, לאַנגען גענייץ.

איך בין אַנגעפילט געוואָרען מיט בענקשאַפט פון זיין בענ־קענדיג שפּילען און איך האָב גאָרנישט געוואוסט, אַז ער האָט נישט געבענקט נאָך דער מוזיק, נאָר נאָך אַ ביסעל שלאָף.

דער מידער, דער ארימער, מיר קוועלען אַז פון זיין שפּי־לען. אָבער עס שלעפּערט אים. אוי, ווי ער וויל שלאָפען!

פּאַרשטעלטע חלוצים

ב

באַלד ווי די שיף האָט זיך אָפּגעשטעלט אין נעאַפּאָל, און מיר זיינען אַראָפּ אויף דער יבשה, איז אונז אַנטקעגען געקומען א גרופּע יונגעליים און געזאָגט:

— מיר זיינען חלוצים!

אָפּגעריסענע, פאַרדאַרטע, פאַרוואַרלויזטע, אַרומבלאָנדזשענ־דע, ווי פאַרשאַלטענע מענשען צו נע־ונד'ן יאַרענלאַנג.

אַזוי האָבען אויסגעזען די אַכט יונגעליים.

נאָכדעם ווי מען האָט זיי געגעבען אָפּצועסען, האָט מען זיי געפרעגט, ווי אַזוי זיי קומען דאָ אהער.

און זיי האָבען דערציילט אַזאַ מעשה:

זיי האָבען זיך אַרויסגעריסען פון זייערע שטעדטלאך, ווער פון פּוילען, ווער פון גאַליציע, ווער פון אוקראַינא און זיך אַוועקגעלאָזט אין ארץ ישראל. ביז נעאַפּאָל זיינען זיי דערפּאַ־רען און דערגאַנגען און ווייטער קענען זיי נישט, זיי האָבען נישט אויף שיפסקאַרטען און זיי קריגען נישט קיין וויזעס.

נו, אויב חלוצים, איז דאָך קיין ספק נישט, אַז מען מוז זיי העלפען און מיטנעמען נאָך ארץ־ישראל. צושמועסט מען זיך מיט זיי, זעט מען, אַז נאָר פינף רעדען, דריי שווייגען.

רעד איך דוקא צו איינעם פון די שווייגענדיגע און באַלד ווער איך געוואויר, אַז די דריי „שטומע חלוצים“ זיינען דייטשע קריסטען. זיי וואַנדערען, טרעמפּס, האָבען זיי זיך געטראָפען מיט די פינף אידישע, און פּלוצלונג זיינען זיי געוואָרען אַכט חלוצים.

שמועסט מען א ביסעל מער און מען ווערט געוואויר, אַז איינער פון די אידישע בחורים איז שוין געווען עטליכע יאָר

אין ארץ־ישראל, נאָר „דער קלימאַט האָט אים נישט געדינט“.
איז ער אַוועקגעפאָרען, נאָר ער וויל איצט פאָרען צוריק.

כאַפּט זיך אָבער אַרויס אַן אַנדערער און זאָגט אַזוי:

— ארץ־ישראל איז לאו דוקא. ווען מען פועל'ט ביים שיפס־קאַפּיטאַן, ער זאָל זיי אַרויפנעמען אַלס אַרבייטער אויף דער שיף, וואָלט געווען דאָס בעסטע.

— איך האָב שוין געאַרבייט דריי יאָר אויף אַ שיף — זאָגט נאָך איינער.

— ווי לאַנג וואַלגערט איר זיך שוין דאָ אין נעאַפּאָל? — פרעגט מען זיי.

— אַ דריי חדשים.

— וואו האַלט איר זיך אויף?

— מיר שלאָפן אין דרויסען. און אַז מיר פאַרדינען אַ לירע, עסט מען. אָבער עס איז נישטאָ וואָס צו טאָן, די היגע פאַרדינען אויך נישט, טאָ ווי קענען מיר פאַרדינען?

מיר האָבן געזען, אַז די „חלוצים“ זיינען נישט קיין חלוצים. עס זיינען וואַנדערענדיגע בחורים, וואָס שלעפּן זיך אַרום איבער דער וועלט, „ארץ־ישראל איז ביי זיי לאו דוקא“, נאָר אַזוי ווי חלוצים זיינען זעהר פּאָפּולער, זאָגן זיי, אַז זיי זיינען חלוצים, און מען וועט זיי שוין נישט אַוועקלאָזן מיט ליידיגע הענט.

פאַרדריסט. וואָס בחורים טרעמפּס זאָגן, אַז זיי זיינען חלוצים. זיי טוען שאַדען די אמת'ע. פונדעסטוועגן דאַרף מען זיי העלפן. אָרימע יונגען זיינען זיי, מוז מען דאָך תמיד העלפן אַ אָרימאַן.

גייט מען צום שיפס־קאַפּיטאַן און מען בעט אים, ער זאָל זיי אַרויפנעמען. די שיף־פאַרוואַלטונג וויל, מען זאָל באַצאָלן פאַר זיי נאָך ארץ־ישראל און איינלעגען געלד אויף שיפסקאַרטען צוריק, טאָמער וועלען זיי מוזען פאָרען צוריק.

האָבן מיר שוין געוואָלט נעמען אויף זיך די ריזיקע. האָבען אָבער די „משטיינס געזאָגטע חלוצים“ געזאָגט, אַז דאָס איז נישט נויטיג, מען זאָל זיי געבען געלד אויף וויזעס, שיפס־

קארטען און אויף צום לעבען א מאנאט צייט, וועלען זיי שוין אליין קריגען וויזעס. אין פיר וואכען צייט, זיינען זיי זיכער, וועלען זיי קריגען וויזעס.

אי, וואס זיי זיינען שוין דא דריי מאנאטען, וואס דאס איז שוין דריי מאל פיר וואכען און זיי האבען נישט געקראגען קיין וויזעס? אויף דעם האבען זיי טאקע נישט וואס צו ענטפערען. זיי זידלען די נעאפאלער אידישע קהלה מיט איר ראבינער. מען האט זיי דא באהאנדעלט מעשה סדום, ארויסגעטריבען פון הויז.

האבען מיר זיך געזען מיט'ן ראבינער. אן עלטערער שיי־נער הויכער איד, ער רעדט א גלענצענדען העברעאיש מיט'ן ספרדישען דיאלעקט, א ספרדישער איד. ער האט אונז דער־ציילט נאר אן אנדער געשיכטע. די קהלה האט זיי דוקא יא גע־האלפען, געשטיצט זיי מיט הונדערטער לירעס. אמת, הונדערטער לירעס זיינען אויף אמעריקאנער לשון נישט קיין היבשע מטבע, אבער אין איטאליע איז א לירע א היבשע מטבע. מיר ווע־רען געוואר, אז אן ארבייטער, וואס פארדינט צוואנציג לירעס א טאג, דאס איז נישט קיין אכציג סענט, איז א גרויסער פאר־דינער און ער האלט אויס א ווייב מיט זעקס קינדער און אן אלטע שוויגער דערצו.

דער ראבינער האט זיך דוקא פריער באמיט פאר זיי. מיט אונז אינאיינעם האט ער זיך אויך געמיט. מען האט איבער־געלאזט ביים ראבינער א סומע געלד, וואס זאל זיין גענוג פאר די יונגע לייט אויף א חודש לעבען, אויף שיפסקארטען און ווי־זעס.

זיי זיינען געווען אומצופרידען. זיי האבען געוואלט, מען זאל די דאלארס זיי געבען אין האנט אריין. זיי האבען אבער געמוזט מסכים זיין אויף אונזער פארלאנג. דער ראבינער דארף זיי געבען דאס געלד אויף לעבען יעדע וואך. דאס געלד אויף וויזעס אויך. און אז זיי וועלען אים ברענגען וויזעס, זאל ער קויפען שיפסקארטען פאר זיי.

נאכדעם ווי מען האט זיי נאך געגעבען קליידער, וועש און

שיף, האָט מען זיך געזעגענט מיט זיי און פּטור געוואָרן פון דער חברה.

מיר האָבן אַ וואונדערליכע ערשיינונג — חלוצים. יונגע־לייט קומען אין הייליגען לאַנד און גיבען אַוועק זייער יונגען לעבען אויפצובויען די חורבות. אַ פאָלק קוקט אויף זיי מיט באַוואונדערונג, קומען צוגיין יונגע לייט טרעמפּס און זאָגען אייך, אַז זיי זיינען חלוצים.

אָט אַזוי איז דאָס, אַפילו דער חלוץ־נאָמען, זיין מסירות־נפש, ווערט שוין אויסגענוצט פון פאַלשע ברואים. האָבען מיר שוין פאַרשטעלטע חלוצים אויך.

נאָר קאָמיש איז אויך געווען דאָס געלד זאַמלען פאַר די דאָזיגע לייט. ווייבער האָבען געשטורמט, אַז מען זאָל נישט שפּאָרען קיין געלד, אַבי מען זאָל זיי גלייך אַרויפנעמען אויף דער שיף. נאָר געבען צושטייער עטליכע דאָלאַר האָבען זיי נישט געוואָלט. מ׳האָט געהאַט אָנגעקליבען אַ גרויסע סומע געלד פאַר׳ן נאַציאָנאַלפאָנד, האָבען די שרייערישע ווייבער געזאָגט, מען זאָל נעמען נאָר דאָס גאַנצע געלט.

און נאָך איינער האָט זיך אויסגעצייכענט. אויף קיין זאַך האָט ער נישט געוואָלט געבען קיין פּעני. אָבער פאַר די חלוצים האָט ער געשריגען דער ערשטער, גיט ער פינף דאָלאַר.

איז דאָס געווען אַן איבערראַשונג. ער גיט פינף דאָלאַר? נאָר אַז ער גיט, גיט ער דאָך! ער האָט געמיינט, האָט ער געזאָגט, אַז מ׳וועט זיי גלייך אַרויפנעמען, נאָר אַז זיי זאָלען ערשט פאָרען מיט אַ חודש שפּעטער, גיט ער קיין פּעני נישט.

און ער האָט טאַקע נישט געגעבען.

אַ ג ע י ע ג

ג

זיצען אידען אויף אַ שיף, וואָס פירט זיי נאָך ארץ־ישראל און זיי שפּילען אַ פּינאָקעל. נישט אַלע האָבען געשפּילט, אָבער די טישלאַך זיינען געווען גוט באַזעצט.

נעמען דריי אידען, וואס האבען נישט געשפּילט און גייען קלייבען געלד פאר דעם נאציאנאלפאנד.

א האלבען דאלאר, א דאלאר.

קומען זיי צו צו א טישעל א שפּילענדיגס און זיי קריגען צו דאלארס. איינער פון די געבער רופט זיך אן:

— וואס קלייבט איר דאלארס? מען קען דאך קריגען הונדערטער

— מיר קענען נישט — ענטפערען זיי — אויב איר קענט קריגען הונדערטערס, טא קריגט.

דער יונגערמאן איז געגאנגען קריגען הונדערטערס פאר'ן נאציאנאלפאנד.

די שיף איז פארוואנדעלט געווארען אין א שלאכטפעלד, א מלחמה און א געיעג.

איינער. ער קומט פון דער וויטער וועסט. א רייכער איד. אויף דער עלטער. ביי זיך איז שטעדטיל באלאנגט ער צום רעפארם טעמפּעל. דא איז ער געווארען פרום און רעדט אויף ציוניסטען.

פריער האט ער נישט גערעדט אויף ציוניסטען, נאר ווען מען האט אנגעהויבען קלייבען געלד, האט ער געזאגט, אז ציוניסטען זיינען באלשעוויקעס.

אז א איד אן אלטער רעדט און ווייס נישט, וואס ער רעדט, וויל מען אים לאזען וויסען דאס וואס ער ווייסט ניט. הויבט זיך אויף א מנין אידען, צווישען זיי: רבנים, דאקטוירים, סוחרים, באנקירען, גייען צו אים צו און דערקלערען אים, וואס ס'איז דער נאציאנאלפאנד און אז ציוניסטען זיינען נישט קיין באלשעוויקעס.

— אלרייט — זאגט ער — אבער מער פון א דאלאר גיב איך נישט.

— פארוואס?

— איך האב שוין פיינט ארץ־ישראל! — שרייט ער — איבער אייך איז עס מיר מיאוס געווארען נאך איידער איך בין דארט געווען, אין חיפה וועל איך גלייך כאפּען א שיף אויף צוריק,

איך וויל נישט מיינע פיס זאָלען טרעטען אויף דעם דאָזיגען לאַנד! ער האָט טאַקע נישט געגעבען.

האָבען מיר זיך אַלע דערוואויטערט פון אים און אים נישט גע־ענטפערט אויף זיין גוט־מאָרגען.

אין חיפה, איידער ער איז אראָפּ פון שיף, איז ער צוגעגאַנגען צו דעם יונגענמאַן, וואָס האָט געקליבען דאָס געלד, און געזאָגט:

— נו, לאָמיר „שייקען הענדס!“

דרייט זיך אוים דער יונגערמאַן מיט׳ן רוקען צו אים.

— וועל, יו׳ר אַ קרוק עניהאו! — האָט דער אַלטער אויסגע־פּאַשעטער הויך אויפ׳ן קול אויסגעשריען און געבליבען מיט זיין אויסגעשטרעקטער האַנט אין דער לופטען.

איינער. ער איז געפאָרען מיט זיין פאַמיליע אויף אַ לוסטרייזע ער איז רייך. זיין רייכקייט מאַכט ער פון פּושקעס. אַלע פּוש־קעס ווערען געמאַכט אין זיין פאַבריק. האָט ער נישט געוואָלט געבען. און נישט גלאָט נישט געוואָלט, — ער האָט זיך אויך גוט אָנגעבייזערט. און נישט נאָר ער, זיין זון און טאָכטער האָבען זיך אויך געבייזערט.

— אַז איר גיט נישט, וואָס בייזערט איר זיך?

— וואָס האָט איר אונז צו זאָגען מיר זאָלען געבען? — עס קאָסט אונז אַ סך געלד די רייזע, קענען מיר נישט געבען נאָך „דאָ־ניישאָנס“ אויך.

און נאָך איינער:

ער האָט געקראָגען אַ פרייע רייזע. ער האָט געוואונען די פרייע רייזע. יעדען טאָג האָט ער פאַרשפּילט אַ צוואַנציג־דריי־סיג דאָלאַר אין קאָרטען. ער האָט אויך נישט געוואָלט געבען.

— זאָל אייך דוכטען, אַז איר צאָלט פאַר דער רייזע — טענה׳ט מען מיט אים — גיט עטליכע דאָלאַר.

— איך פאַרשפּיל גענוג אין קאָרטען, האָב נישט קיין מזל — זאָגט ער — וועל איך נאָך געבען געלד, בלייב איך דאָך אָהן אַ ניקעל.

ווידער איינער. ער האָט צוגעזאָגט צו געבען אַ סך. נאָר אַז ער האָט דערהערט ווי דער וועסטערנער האָט געזאָגט, אַז ציר־

ניסטען זיינען באַלשעוויקעס, האָט ער נישט געוואָלט געבען. ער איז אַן אַמעריקאַנער, האָט ער זיך געהיצט און די „אַמעריקאַנער גאַווערנמענט" איז ,קעגען באַלשעוויקעס. און, „ביסיידס דעם", טענה'ט ער, האָט ער איינעם פון די קלייבער נישט געפונען נעכ־טען אין שול צו מנחה, ווייל ער נישט געבען.

און ער האָט טאַקע נישט געגעבען.

און איינע אַ פרוי. זי איז זעהר רייך. זי איז געווען באַהאַנ־גען מיט אַ צירונג־געשעפט. זי האָט געבלישצעט און געבלאַנקט מיט דימאַנטען. זי וויל דוקא יאָ געבען, האָט זי געזאָגט, נאָר איר מאַן איז קעגען די ציוניסטען, און אַזוי ווי איר געלד געהערט צו איר מאַן, האָט זי נישט קיין רעכט, לויט דעם דין, צו געבען געלד פאַר'ן נאַציאָנאַלפאַנד.

אַ פרומע איז זי און זי רעדט פון דין, איז מען אַוועק צו רבנים און געפרעגט אַ שאלה. די רבנים האָבען גע'פסק'נט, אַז זי מעג יאָ געבען. זי האָט, נעביך, שוין נישט געקענט האָבען קיין אַנדערען אויסרייד. זי האָט יאָ געגעבען עטליכע דאָלאַר.

נאָך איינער. ער איז געזעסען אַן אַ זייט, נישט געמישט זיך מיט'ן עולם. גייט מען צו צו אים און איינער זאָגט:

— איר'ט געבען פאַר'ן נאַציאָנאַלפאַנד?

גיט ער אַ פינפעריל.

— איר קענט געבען מער?

גיט ער אַ צענעריל.

— איר קענט אפשר געבען אַ הונדערטער?

—יאָ, איך קען געבען, — זאָגט ער, — איך וועל נישט ווערען אָרימער. איך וועל אַליין געבען מער אין ארץ־ישראל.

אַ אינגעלע אַ יתום. ער איז געפאָרען אַליין צו קרובים. ער האָט געבראַכט אַ „דיים" און געזאָגט:

— איך האָב נישט מער, נעמט דאָס ביי מיר.

און ווידער איינער. ער האָט נאָך ניט געהאַט געגעבען. זיי־נען עטליכע מענשען געגאַנגען אים זעהן. האָט ער געזעהן ווי זיי גייען, איז ער אַנטלאָפען אויף דער צווייטער זייט, איז מען אים

געקומען אָקעגען פון דער צווייטער זייט, איז ער אַנטלאָפען צוריק אויף דער ערשטער זייט.

עס איז געוואָרען אַ געיעג. יעגער יאָגען זיך נאָך אַ האָז און דער האָז אַנטלויפט אַ דערשראָקענער. עטליכע טעג איז אָנגע־גאַנגען דאָס געיעג. מען האָט אים גאָר נישט געזאָגט, נאָר ווי ער האָט דערזעהן צוויי מענשען גייען אינאיינעם, איז ער אַנטלאָפען ווי אַן אונטערגעשאָסענער.

ענדליך האָט ער שוין ניט אויסגעהאַלטען און ער האָט זיך צושריען:

— וואָס יאָגט איר מיך ? וואָס האָב איך געטאָן ?

— ווער יאָגט אייך, ווער ? — האָט מען אים געזאָגט.

ער האָט טאַקי אויך נישט געגעבען.

און נאָך איינער. ער איז געווען איינער פון די ערשטע דריי קלייבער, וואָס האָבען געוואָלט נעמען צו האַלבע דאָלאַר און צו דאָלאַר. פאַרמאָגען פאַרמאָגט ער אַ הונדערט טויזענד דאָלאַר. וויל מען פון אים פינף־און־צוואַנציג דאָלאַר, וויל ער נישט געבען. ביז איינער, וואָס קען נישט געבען, האָט געגעבען אַ פינף־און־צוואַנציגער, האָט ער זיך צוואָויינט און האָט אויך געגעבען. ער איז אָבער געוואָרען אַ שונא אַן אייביגער דעם, וואָס האָט געגעבען געלד צו צווינגען אים צו געבען.

ווען דאָס גאַנצע געלד איז שוין געווען געזאַמעלט, האָט מען געמאַכט אַ באַנקעט. איז דאָס געווען אַן אמת'ער יום־טוב. ביז פאַרטאָג איז מען געזעסען.

די וואָס האָבען נישט געגעבען, זיינען נישט געווען אויפ'ן באַנקעט. פאַרשטויסענע פון דער מחנה, האָבען זיי זיך אַרומ־געדרייט אין דרויסען. דער דעק איז געווען ליידיג, דאָס קאַרטען־שטיבעל ליידיג. האָבען זיך נישט־געבער געטראָפען איינער מיט'ן אַנדערען אויפ'ן דעק שפּאַצירענדיג, און זיי האָבען געוואוסט, אַז זיי זיינען די איינציגע, וואָס האָבען נישט געגעבען.

זיי האָבען זיך געשעמט איינער פאַר'ן אַנדערען.

— איך האָב נישט געגעבען.

— דו האסט נישט געגעבן ?

פון אינווייניג האט זיך ארויסגעצויגן א פרייליך געזאנג פון דעם עולם, וואס איז געפארן קיין ארץ־ישראל און געגעבן געלד אויסצולייזן די אידישע ערד.

דער באנקעט האט זיך געענדיגט. דער עולם, אן אויפגעלייגטער, איז ארויס אויפ'ן דעק, זיינען די נישט־געבער אנטלאפן פארשעמטע אין זייערע קאיוטעס, אוועק פארטריבענע, ווי אין חרם.

נ י ס י ם ו נ פ ל א ו ת

ד

גאט'ס וואונדער זיינען גרויס און אהן א צאל: די וואונדער זעהט מען נישט בלויז צווישען די פאסאזשירען, די ערשט און צווייט־קלאסיגע פון דער אידישער שיף, נאר אויך צווישען די ארבייטער פון דער שיף.

איך הויב אן גיין אין די קאמערען פון דער שיף. עס איז, ווי עס שטייט אין פסוק: תחתים, שנים ושלישים. קריך און קלעטער.

זיינען די ארבייטער א קיבוץ־גליות פון דער וועלט. שווארצע און ווייסע, פיליפינער און איטאליענער, דייטשען און פראנצויזען. פרייזפייטערס און סטודענטען. איך קום אריין אין קיך.

א אידישער קוכער, א שיינער יונגערמאן אנגעטאן אין ווייסען, שטייט ביים אויווען. עס ברענט א פייער ווי אין א גיהנם, קוים וואס איך קען איינשטיין. אזוי שטייט ער מיט זיינע חברים פון פארטאג ביז אין אוונד, קאכט פאר אונז עסען און ווערט אליין אפגעקאכט; באקט פאר אונז געבעקס און ווערט אליין אפגעבאקען.

א רב זאגט עפעס צום משגיח וועגען די גוי'שע קוכערס. און דער אידישער קוכער רופט זיך אן:

— איהר דארפט נישט מורא האבן פאר בישול עכו"ם, איך פארהיט דאס.

אז דער רב וויל איהם ערקלערען, ווי ער דארף זיך נוהג זיין

לויט דעם דין, פאַרכאַפּט פריער דער קוכער, און זאָגט איהם דעם דין, און אין א לומד׳ישער שפּראַך, ער רעדט ווי אַ למדן.

— וואָס איז דאָס ? אַ איד אַ למדן, אַ קוכער ?

דער קוכער הויבט אָן רעדען אַ העברעאיש, הלואי אויף אַלע העברעאיש־רעדענדיגע געזאָגט געוואָרען !

איך צורעד זיך מיט דעם קוכער.

ער איז אַן אונגארישער יונגערמאַן, האָט געלערנט אין ישיבות, האָט סמיכה, האָט אויך געענדיגט אַ סעמינאַר, איז געוועזן אַן אָפיציר אין דער אַרמיי, האָט אַ פרוי מיט צוויי קינדער —

— פאַרוואָס זייט איהר עפּעס אַ קוכער ?

— דאָס איז דער איינציגער וועג, ווי איך זאָל זיך קענען באַזעצען אין ארץ ישראל — ענטפערט ער מיר.

ער איז אָרים, אויף הוצאות האָט ער נישט. פאַרדינט ער דאָ אביסעל געלד. זיין ווייב און קינדער זיינען שוין אין נעאַפּל און וואַרטען אויף איהם. ער וועט, האָפט ער, זיי אַרויפנעמען אויף דער שיף און אַרונטערלאָזען אין ארץ ישראל און אינגיכען וועט ער אויך קומען און זיך באַזעצען.

איך קוק אויף איהם. אַ יונגערמאַן ווי אַ טאָפּאָל, גלייך און שטאָלץ, אַ גראַפיש יחוס׳דיגע פיגור. אַן אַמעריקאַנער יורש׳טע וואָלט איהם געפּאַלען צו די פיס און מיטגעבראַכט אַ נדן פון אַ הונדערט מיליאָן. און ער איז גאָר אַ קוכער.

איך האָב געטראָפען זיין פרוי און קינדער. אַ רוסיש מיידעל, פון די רוסיש־אידישע געבילדעטע מיידלעך, וואָס האָבען יאָהרען־לאַנג געלערנט און געלייענט. זי רעדט אַ וואונדערליכען העברעאיש און מיט די קינדער רעדט זי נאָר העברעאיש, נאָך איידער זיי זיי־נען אין ארץ ישראל רעדען די קינדער אַ לעבעדיגען העברעאיש מיט דער ספרד׳ישער הברה.

יאָהרען־לאַנג האָט דאָס פּאָר פּאָלק געטרוימט צו באַזעצען זיך אין ארץ ישראל. ביידע — אינטעליגענטע אידען. ער אַ למדן, קען עטליכע שפּראַכען. — זי אַ געלערנטע, האָבען זיי זיך און

די קינדער געגרייט פאַר ארץ ישראל, און זייער איינציגער וועג איז געווען — ער האָט געמוזט ווערן אַ קוכער אויף דער שיף.

פאַרבלאָנדזשעט אַ איד אַ למדן צווישן מאַטראָזן און שיף־אַרבייטער פיליפּינער, גרעקען און איטאַליענער. ער אַרבייט מיט זיי אינאיינעם, פאַרברענגט מיט זיי, חבר'ט זיך מיט זיי, עסט מיט זיי — ער איז דאָך דאָ איינער פון זיי. אָבער ער איז נישט ווי זיי. ער טראָגט אַ חלום אין האַרצן און איבער דעם חלום איז ער אַראָפּ אונטער דער דעק צווישן אַ גרופּע מענשען, וואָס אַ לעבן איז ביי זיי קיין זיפּץ נישט ווערט.

פאַר מיינע אויגן איז דאָס געשען:

צוויי אַרבייטער פון דער שיף, פיליפּינער, האָבן זיך צעוועדטעלט און גרינגער ווי עס פליען ביי אונז ווערטער־אַרגומענטן, האָבן אָנגעהויבן פליען מעסערס.

אַזוי גרינג, אַזוי זעלבסטפאַרשטענדליך, אָהן שום טראַכטן אויף אַ רגע, האָט אַ בליאַסק געטאָן אַ מעסער און נאָך איינעם — גאַרנישט.

באַלד האָט אַ שפּריץ־געטאָן בלוט. און עס איז מסתמא נאָר געווען אַ צופאַל, וואָס נישט אַ האַלז איז איבערגעשניטן געוואָרן, נאָר בלויז אַ האַנט.

צווישן אַזאַ עולם שטייט און אַרבייט דער אידישער יונגער־מאַן, דער שמאַלצער, דער למדן, דער מוסמך, דער געוועזענער סעמינאַריסט, דער געוועזענער אָפיציר, און ער אַרבייט מיט זיי אינאיינעם. איז זייער חבר, איינער פון זיי.

אָבער ער איז עס נישט. אַזוי פיהרט איהם דער וועג אין אי־דישען לאַנד. פאַרשידען זיינען די וועגן נאָך ארץ ישראל. דאָס איז זיין וועג.

ווען אַ פּרינץ ווערט פאַרטריבען פון זיין לאַנד און וואַנגעלט איבער מדינות און לענדער, ווייל ער דאַרף אָבער אַלץ קומען אַהיים.

און אויב ער האָט נישט קיין אַנדערן וועג צו קומען אַהיים, גאָר צו פאַרקויפען זיך פאַר אַ קנעכט — פאַרקויפט ער זיך. איז ער אַ קנעכט אין דער פרעמד. ער ווייס אָבער, אַז ער איז אַ פּרינץ. אין זיין היים ווערט ער אויס קנעכט און ווידער פּרינץ.

און דו, מיין פריינד, האָסט איין זאך צו טאָן, אויב דו ווילסט קלייבען פערל:

גיי נישט צו די טיפעניש פון ים, ברויכסט זיך נישט אראָפּ־צולאָזען צום אָפּגרונד צו געפינען פערעל. פאָר נאָך ארץ ישראל און אויפ'ן וועג אַהין און אין לאַנד געפינסטו וואונדערליכע, שיינע פערעל, אבנים טובות ומרגליות וואָס זיינען די שענסטע צירונג פון דער אידישער קרוין.

מ אָ ט י ע ב ו ר ט ש ע

ה

א קליין בייביג פעסעל, וואָס גייט נישט, נאָר שפּרינגט. עס איז מסתמא אויף ספּרונזשינעס, שפּרינגט עס. קינדער לויפען נאָך דעם שפּרינגענדיגען פעסעל און לאַכען און לאַכען, לאַכען אַזוי שטאַרק.

מאָטיע בורטשע האָט אַן אַנדערן נאָמען. איך רוף איהם נאָר אַזוי, ווייל ער רעדט נישט, נאָר בורטשעט. און ער גייט נישט, נאָר שפּרינגט אונטער. שפּרינגט אַ פליישיג לייביג פעסעל.

איך קום צו צום קאָרטען־טישעל און טרעף מאָטיען, מאָטיע בורטשע.

ער האָט געקויפט אַ „געים" און בורטשעט:

—„קיינעם איז נישט אַזוי ביטער ווי מאָטיען.
קיינעם איז נישט אַזוי שלעכט ווי מאָטיען".
מאָטיע שפּילט און — געווינט.

מאָטיע זיצט אין ערשטען קלאַס עס־צימער מיט זיין ווייב און הייסט זיך געבען פּיער סענדוויטשעס. ברענגט מען איהם די סענדוויטשעס. און דאָס ווייב זאָגט:

— גיב מיר איינעם.

— א מכה! א מכה! א מכה!

און מאָטיע גיט איהר צוויי סענוויטשעס און זאָגט:

—א מכה, אפשר ווילסטו נאָך איינעם, א האַלבען, מוזט עסען, כזאָל אַזוי געזונד זיין, ווי דו וועסט עסען.

נאָך וואָס פאַרט מאַטיע נאָך ארץ ישראל? ווער איז מאַטיע בורטשע?

מאַטיע בורטשע איז זעהר רייך. ער האָט גרויסע געשעפטען. איז אין די מיטעלע יאָהרען און ער ווארפט אַלצדינג אַוועק און פאָרט זיך באַזעצען אין ארץ ישראל.

אַמאָל איז געווען אַ מעשה.

אין אַ קליין שטעדטעל פון לאַנד אוקראַינאַ איז געבוירען געוואָרען אַ אינגעל, האָט מען איהם אַ נאָמען געגעבען מאַטיע. דער־נאָך האָט מען איהם גערופען בורטשע, ווייל ער האָט געהאַט אַ טבע צו בורטשען.

מאַטיע בורטשע איז נישט געווען קיין איין־איינציגער. ער האָט געהאַט אַ סך ברידער און שוועסטער. טאַטע־מאַמע זיינען געווען אָרים, און עסען האָט געפעלט. האָט מאַטיע בורטשע געהערט, אַז עס איז דאָ אַ גרויס לאַנד, וואָס איז פריי, ווער עס וויל אריינ־קומען, קען קומען. רייך, אַז דער גרעסטער אָרימאַן ווערט דאָרט אַן עושר און גוט, אַז ווי שלעכט עס איז דעם מענשען אויף דער גאַנצער וועלט, איז איהם אין דעם לאַנד גוט.

און מאַטיע איז געפאָרען אין דעם לאַנד אריין. ער האָט גע־אַרבייט שווער. אָבער ער האָט געזעהן גרויס ברכה אין זיין אַר־בייט. ער איז געוואָרען גרעסער און גרעסער. רייכער און ריי־כער פון טאָג צו טאָג. און ער האָט געהאָלפען זיינע ברידער און שוועסטער, וואָס זיינען געבליבען אין דעם לאַנד אוקראַינאַ.

אַזוי איז דאָס געגאַנגען יאָהרען און יאָהרען. ביז גאָט האָט געצאָרנט אויף זיין פאָלק און געשיקט אַ בייזע מלחמה אויף דער וועלט.

גאָט'ס פאָלק איז געגאַנגען אין מלחמה און פאַרלוירען זיינע בעסטע קינדער. און גאָט'ס גרימצאָרן האָט זיך אַלץ נישט גע־שטילט. און ער האָט געשיקט אַן אויסמישונג פון בייזע חיות אויס־צוראַטען די, וואָס זיינען איבערגעבליבען פון דער שווערד פון מלחמה.

ווי אַ מבול האָט דאָס פאַרגאָסענע בלוט פון גאָט'ס פאָלק פאַר־גאָסען די פעלדער און די וועגען פון דעם לאַנד אוקראַינאַ.

און דאָס בלוט פֿון מאַטיעס ברודער האָט זיך אריינגעגאָסען אין דעם ים בלוט פֿון אוקראַינאַ. די רוצחים האָבען גע׳הרג׳עט מאַטיע׳ס ברודער.

און עס זיינען געבליבען זיבען קינדער יתומים, זיבען טעכטער, אָהן טאַטע און אָהן מאַמע. ווייל זייער מוטער איז נאָך געשטאָרבען איידער גאָט׳ס צאָרן האָט זיך אויסגעגאָסען איבער אוקראַינאַ.

ווען די בייזע בשורה האָט דערגרייכט צו מאַטיען, האָט ער נישט געוויינט. מאַטיע קען נישט וויינען. ער האָט נאָר אַ בורטשע געטאָן:

— שלעכט, שלעכט, שלעכט! קיינעם איז ניט אזוי שלעכט ווי מאַטיע׳ן! זיי האָבען דער׳הרג׳עט אפרים׳ען, טאַקי דער׳הרג׳עט — בימער!

און מאַטיע האָט געוואָלט אריבערנעמען די זיבען יתומים צו זיך, אין דעם פרייען לאַנד, אין גרויסען לאַנד, אין רייכען און אין גוטען.

גאָט׳ס צאָרן האָט אָבער דערגרייכט אויך דאָס גרויסע, רייכע, גוטע און פרייע לאַנד.

עס איז אַרויס אַ גזרה צו פֿאַרמאַכען די טויערן פֿון דעם גרויסען, רייכען, גוטען און פרייען לאַנד.

און מאַטיע בורטשע האָט נישט געקענט ברענגען צו זיך די זיבען יתומים, די זיבען טעכטער, וואָס זיינען געבליבען אָהן אַ טאַטע און אָהן אַ מאַמע, און וואָס זייער טאַטע איז געפֿאַלען אין אַ פּאָגראָם.

מאַטיע האָט נישט גערוהט. ער האָט זיך געמיט אַ סך, האָט אָנגעקלאַפּט אין אַלע טירען און טויערען און געבעטען רחמים פֿאַר די זיבען יתומים. ער האָט געבורטשעט:

— זייער מאַמע איז געשטאָרבען שוין לאַנג און אַ מערדער האָט אומגעבראַכט זייער פֿאָטער.

די הערצער פֿון די ממונים אין דעם גרויסען, רייכען לאַנד זיינען אָבער געווען פֿאַרהאַרטעוועט פֿון דער גזירה, און זיי האָבען זיין בורטשענדיג געבעט נישט געוואָלט הערען.

און מאַטיע בורטשע האָט געבורטשעט:

— קיינעם איז נישט אזוי ביטער ווי מאָטיע'ן! וואָס וועט זיין מיט די זיבען יתומים?

און אַ קול האָט זיך דערטראָגען צו די אויערען מאָטיע'ס — ארץ ישראל.

און מאָטיע האָט פארקויפט זיינע גרויסע, רייכע געשעפטען און אוועק נאָך ארץ ישראל.

איך האָב געטראָפען מאָטיע'ן אויפ'ן וועג נאָך ארץ ישראל, און ער האָט געבורטשעט און געזאָגט צו מיר אזוי:

— זייער מאַמע איז געשטאָרבען פריהער, זייער טאַטע האָבען רוצחים דער'הרג'עט. געבליבען זיבען יתומים. איך האָב זיי גע־וואָלט נעמען צו זיך. איך קען דאָך זיי נישט לאָזען אין רוצחים־לאַנד, לאָזט מען מיך נישט זיי ברייגגען נאָך אַמעריקאַ. ווייל איך אויך נישט זיין אין אַמעריקאַ. אַ לאַנד, וואָס לאָזט מיך נישט אריבערברייגגען יתומים, ווייל איך נישט. איך פאָר נאָך ארץ ישראל און וועל אהיננעמען די יתומים, דער אויבערשטער האָט מיר געהאָלפען, איך האָב גענוג פאַר מיר און מיין הויז־געזינד און פאַר די יתומים. פאַר איך.

מען זאָגט, אַז עס וועט זיין אַ טובה אויך פאַר ארץ ישראל. איך מיט מיין געלד און די זיבען מוידען וועלען פארגרעסערען דאָס לאַנד, נו, איז דאָס דאָך גוט.

— און וואָס זאָגט אייער ווייב? — האָב איך איהם געפרעגט.

— אַ מכה! וואָס זאָגט זי? וואָס זאָל זי זאָגען? זי פאָרט דאָך אויך מיט מיר? וואָס דען? זי וועט נישט קענען לעבען אין ארץ ישראל? וואָס וועט איהר פעלען? וואָס דען? לאָזען די זיבען יתומים אין אוקראַינאַ אָדער אין ארץ ישראל אפילו אליין?

— האָסט געמאַכט אַ גזירה, ווילסט נישט אריינלאָזען יתומים, זויל איך גאָרנישט, פאַר איך אוועק, פאַר איך, איך וויל האָבען די יתומים מיט זיך.

* * *

אזוי האָט געזאָגט מאָטיע בורטשע, אזוי האָט ער געבורטשעט. און איך האָב געקוקט אויף מאָטיען. אַ בייכיג פעסיל, אַ שפּרינ־גענדעס — און אַ ריז, אַ העלד! אַמעריקאַ לאָזט נישט אריין די

יתומים צו איהם, איז ער שטאַרקער, ער זיגט. ער פאַרקויפט זיין גאַנץ גוטס און פאָרט נאָך ארץ ישראל און ער בורטשעט:
— אַ מכה! איך וועל יאָ זיין צוזאַמען מיט די יתומים.
מאָטיע בורטשע — אַ העלד פון אַ לעגענדע?

אַ מצבה

ו

די אַלע, וואָס גלויבען נישט, די אַלע, וואָס זייערע אויערען זיינען פאַרשטאָפּט און זיי הערען נישט די רופענדיגע שטימע פון אויסלייזונג, זאָלען גיין נאָך ארץ ישראל און אויף אַלע בערג און טאָלען וועלען זיי זעהן מיט זייערע אויגען די גאולה־שטימע — נישט נאָר הערען, נאָר אויך ז ע ה ן — טראָגען זיך פון ל אַ נ ד איבער אַלע לענדער.

אַ פאַמיליע: אַ פאָטער, אַ מוטער און צוויי קינדער — יונגלעך. זיי זיינען געפאָרן שטעלען אַ מצבה נישט אַ ציידען אָדער אַ באָבען, נאָר זייער יונגען זון, וואָס איז געשטאָרבען אין ארץ ישראל.

אַ פאַמיליע פון אַ שטעדטעל אין וויסקאָנסין, אַ קליין פאַרוואָרפען שטעדטעל. מיט יאָהרען צוריק איז דאָרט פאַרוואַל־גערט געוואָרען אַ רומענישער בחור. ער האָט חתונה געהאַט מיט אַן אַמעריקאַנער־געבוירען מיידעל. עס איז זיי אַוועק גוט — זיי זיינען רייך געוואָרען, און זיי האָבען געהאַט דריי קינדער.

דער עלטערער זון, אַ בחור פון דריי און צוואַנציג יאָהר, האָט זיך אויפגעהויבען פאַר־אַ־יאָהרען און געזאָגט צו זיינע על־טערן:

— איך פאָר נאָך ארץ ישראל.

— וואָס וועסטו טאָן אין ארץ ישראל? — האָבען זיי איהם געפרעגט מיט שרעק.

— איך וועל ארבייטען. בויען דאָס אידישע לאַנד.

אַ יונגעל געבוירען פון אַ מאַמע אַן אַמעריקאַנער־געבוירענע, אויפגעצויגען ווייט פון דער עכט־אידישער סביבה, געבאָדען אין

זוויין און מילך, און דער רוף האָט איהם דערגרייכט און ער האָט געזאָגט:

— איך פאָר נאָך ארץ ישראל!

איך געדענק ווי אין אונזערע אָרימע שטעדטלאך פלעגט א בחור זיך אויפהויבען פלוצלונג און א זאָג טאָן:

— איך פאָהר נאָך אמעריקא.

האָט ער זיך געוואָלט ארויסרייסען פון אָרימקייט. און דא האָט א בחור זיך געוואָלט אַרויסרייסען פון רייכקייט און פאָרען — נאָך ארץ ישראל.

— מען בויט דאָס אידישע לאַנד, וויל ער העלפען בויען.

און ער איז געפאָרען.

פיר וואָכען איז ער געוועזען אין ארץ ישראל און איז געשטאָרבען. דער יונגער געצערטעלטער וויסקאָנסינער בחור איז געשטאָרבען אין ארץ ישראל נאָך איין חודש פון ארביים.

ער, דאָס יונגע קינד, איז נישט געפאָרען שטאַרבען אין ארץ ישראל, ער איז געפאָרען לעבען, אָבער אזוי האָט געוואָלט גאָט. און ער איז געשטאָרבען און זיין קבר איז אין היילינען לאַנד.

איצט איז זיין פאַמיליע, טאַטע, מאַמע און די צוויי ברידערלאך, געפאָרען מיט אונז אויף דער שיף צו שטעלען א מצבה זייער יונג־פארשטאָרבען קינד.

קומט מיט עטליכע־און־דרייסיג יאָהר צוריק א בחור, א וואַנדערער פון רומעניע, אין א קליין שטעדטעל פון וויסקאָנסין. ער האָט חתונה מיט אן אמעריקאנער־געבוירענע, וואוינט ווייט פון א גרויסער אידישער סביבה און האָט א זון. דריי־און־צוואַנציג יאָהר אַלט איז דער זון. וויפיל האָט דער יונגער זון אין דעם פארוואָרפענעם וויסקאָנסינער שטעדטעל געקענט וויסען פון אידישקייט? און פלוצלונג איז ער געפאָרען נאָך ארץ ישראל און פלוצלונג איז ער געשטאָרבען, און טאַטע־מאַמע פאָרען איהם שטעלען א מצבה.

האָט דער רומענישער איד מיט עטליכע דרייסיג יאָהר צוריק דאָס געקענט פיהלען און זיך פאָרשטעלען? אפילו מיט א יאָהר צוריק האָט ער דאָס נישט געפיהלט. ווי האָט איהם געקענט איינפאַלען, אז זיין זון וועט גאָר פאָרען נאָך ארץ ישראל?

און יעצט פאָהרט ער איהם שטעלען אַ מצבה.

איז דאָך זיכער דער נאָמען פון יונג־געפאַלענעם צווישען די נעמען פון די קדושים, וואָס זיינען געפאַלען על קידוש הארץ. אָבער ווי קומט דאָס, ער זאָל דאָס ווערען?

האָב איך געזען אַ ניצוץ דערפון אין זיינע עלטערען.

זייער אומגליק איז דאָך אַזוי גרויס. זייער צער שפאַלט דאָך הימלען. אָבער, ווען איך האָב געזען ווי זיי טראָגען זייער אומגליק, ווי זיי האַלטען זייער צער, האָב איך שוין פאַרשטאַנען אויך זייער זון.

זיי האָבען נישט געריעדט מיט קיינעם. נישט נאָר האָבען זיי נישט גערעדט וועגען זייער אומגליק, נאָר בכלל נישט גערעדט. שטילע, שווייגענדיגע, אָפּגעשלאָסענע. איינגעשלאָסענע אין זיך. אין די היטלען ביים עסען — פרום געוואָרען. דער טויט פון זייער קינד האָט זיי מאָדנע פרום געמאַכט. און זיי האָבען נישט געהאַנדעלט מיט זייער קרבן.

איך האָב מורא געהאַט, אַז זיי וועלען האַנדלען דערמיט. זיי וועלען דערציילען אַלעמען, מען זאָל קוקען אויף זיי מיט ליבע, מיט רחמנות און מיט דרך ארץ.

עס איז געווען נאָך אַ איד אויף דער שיף, מיט אַן ענליכען גורל. זיין זון איז געפאַלען אַ קרבן אין רוסלאַנד בשעת די פאָגראָמען.

איז ער אַרומגעגאַנגען צו אַלעמען און דערציילט:

— איך האָב מקריב געווען אַ קרבן פאַר דעם כלל ישראל.

און ער האָט נאָר געוואָלט, אַז איטליכער זאָל דאָס וויסען און מען זאָל איהם קרוינען מיט אַ גאָלדענע קרוין.

די וויסקאָנסינער האָבען גאָרנישט גערעדט וועגען זייער קרבן. איך האָב דאָס געוואָר־געוואָרען פון אַ אידען, וואָס וואוינט נישט וויט פון זיי. און זיי האָבען שוין געוואוסט, אַז מיר ווייסען. האָבען זיי נאָך אַלץ געשוויגען.

עס האָט זיך געמאַכט, אַז אַ גרופּע פּאַסאַזשירען איז צוגעגאַנגען צו דער פאַמיליע און איינער האָט געזאָגט:

— אייער זון איז אַ הייליגער.

האָבען זיי גאָרנישט געענטפערט. נאָר א קוואַל פון טרערען האָט זיך געגאָסען פון די אויגען פון דער מאַמען. און דער טאַטע — זיין פנים האָט געצוקט, געצוקט;ביידע האָבען נישט געוויינט אויפ'ן קול, נאָר שטיל, שטיל, פארשטעלט די אויגען מיט די הענד און טרערען, טרערען האָבען זיך געגאָסען.

מיר זיינען געשטאַנען ארום און געוויינט. מיר האָבען מיטגעוויינט מיט זיי. און איינער פון אונז, א יונגערמאַן, האָט געוויינט העכער ווי די טאַטע־מאַמע.

איינע פון די נייע לעגענדעס פון דער צייט פון אויסלייזונג.

און אזוי וועט זיך אָנהויבען די לעגענדע:

מעשה, עס איז געוועזען א מעשה, אין א קליין מקום אין וויסקאָנסין פון אַמעריקאַ, האָט געלעבט א פאַמיליע אידען, ווייט פון אידען. זיי זיינען געוועזען רייך און צופרידן און קיין זאַך האָט זיי נישט געפעלט.

און עס איז געקומען די צייט, ווען אידען פון אַלע עקען וועלט זיינען אויפגעגאַנגען נאָך ארץ ישראל צו לייטזעליגען די חורבות, האָט זיך אויפגעהויבען דער עלטסטער זון פון דער פאַמיליע און אויפגעגאַנגען נאָך ארץ ישראל.

און אז ער האָט איין חודש צייט געאַרבייט צווישען די חורבות — איז איהם אויסגעגאַנגען די הייליגע נשמה.

און אַלץ, וואָס זיין טאַטע־מאַמע האָבען געקענט טאָן, האָבען זיי געטאָן — זיי זיינען געפאָרען אין הייליגען לאַנד און געשטעלט א מצבה זייער קינד, וואָס איז געשטאָרבען צווישען די חורבות.

אזוי וועט מען דערציילען, ווען די חורבות וועלען שוין זיין געלייטזעליגט און אויפגעבויט.

א ו י פ ' ן ו ו ע ז ו ף

ז

פון ווייטענס, פון גאַנץ ווייט זעט מען דעם וועזוף, דעם פייער־שפייענדיגען באַרג. א הויכער, ברייטער, רונדיגער באַרג מיט א וואַלקען־זייל אויפ'ן שפיץ. דער וואַלקענזייל פארבויגט

זיך רעכטס, לייגט זיך אוים און ציט זיך אַוועק ווייט, ווייט.

און אייביג פייער ברענט אין בויך פון באַרג. שוועבעל און סמאָלע קאָכען דאָרט שטענדיג. דער רויך, וואָס הויבט זיך אַרוים פון דעם אייביג־פייער ציט זיך ווי אַ זייל און פאַרבייגט זיך רעכטס און ליגט אַזוי אויסגעלייגט אויף אַ מהלך ווייט.

און אַזוי גייט אויף די זון אויפ'ן וועזוף:

אַ רגע צוציט זיך די פאַרמאַרגענדיגע פינסטערניש און עס שפרייט זיך אַ גרויע ווייסקייט. פון קארק פון באַרג גיט אַ שפריץ אַ כוואַליע גליענדיג גאָלד און גאָלדיג ווערט דער וואָלקענזייל. ציט זיך אַ ברענענדיגער גאָלדזייל פון וועזוף. פאַרבויגט זיך און עס לויפט אַוועק דער זייל פון צושמאָלצען גאָלד רעכטס אַוועק־אַוועק.

דער הימעל — אַ ים צוגאָסען גאָלד, צעגיסט זיך איבער'ן באַרג און פאַרגיסט אים אויף אַלע זייטען.

און אַט ווערט ליכטיג־ווייס דער באַרג און נאָך ליכטיגער, נאָך ווייסער איז דער זייל וואָס הויבט זיך אַרוים פון זיין שפּיץ.

קוקסט אויף דעם ווייסען ליכט און דיר דאַכט זיך, אַז דאָס איז דאָס פאַרבאָרגען ליכט, וואָס דו האָסט געלערנט דערוועגען.

און עס טוט דערנאָך אַזוי באַנג, ווען דאָס ווייסע ליכט ווערט אָפּגעווישט פון באַרג און מען זעט ווידער דאָס שטיק שוואַרצקייט — דעם באַרג מיט דעם גרוישוואַרצען וואָלקענזייל אין דער הויך.

שטייט אַ באַרג מי יודע וויפיל צייטען און טראָגט אין זיך סמאָלע און שוועבעל, וואָס האַלט אין איין קאָכען. צובייזערט ער זיך און הויבט אָן שפייען זיין קאָכעדיגע סמאָלע און שוועבעל, פאַרברענט ער אַלץ וואָס שטייט אים אויפ'ן וועג: ברענגט ער טויט און איבערקערעניש אויף אַלץ, וואָס שטייט אים אַנטקעגען.

איז ער אָבער רואיג, שטיל, קומען נייגעריגע מענשען פון אַלע עקען וועלט און קוקען אָן זיין וואונדער. שטייען די נייגעריגע און קוקען אויף זיין וואונדער. און וואָס ווייסען זיי ?

טאָמער גיט דער באַרג איין גאַס סמאָלע אויף זיי, ווערן זיי דורכגעברענט און פאַרשטיינערט.

ביים קליינעם וועזוף בין איך געווען. איך בין אַריינגעגאַנגען אין זיינע עפענונגען און טיפענישען. און איך האָב זיך געפונען אין אַ טאָל פון שוועבעל און סמאָלע קאָכיגע.

אָט איז דער באַרג אַן אויפגעריסענער. זיין אויפגעריסען ליב זעט אויס ווי פול מיט וואונדען. דאָ און דאָרט גייט אַרויס אַ פּאַרע.

גאָר פון וויטענס מיינט מען, אַז דאָ איז געווען אַ מוראדיגע שרפה און עס ציען זיך רויכען פון די נישט־פאַרלאָשענע איבערבלייבעכצען.

און אָט מיינסטו, אַז ליכטלאַך שטעקען אין דעם באַרג און עס ציען זיך רויכעלאַך פון די פּלעמלאַך.

דער שוועבעל־טונעל. ציט זיך אַ טונעל אין באַרג און עס זעצט אַרויס אַ פייכטער שוועבעל־ריח.

איך גיי אַריין אינווייניג. פינסטער, גהינום־הייס און איך האָב קוים צייט אַרויסצוכאַפּען זיך צוריק אויף דער ליכטיגער שיין, אָט־אָט האָב איך פאַרלוירען דעם אָטעם אין דעם שוועבעל־שטיקעניש.

די שיך ווערען באַדעקט מיט גרוי קאַלך, שטויב און שוועבעל און אָט קומט מען צו צו אַ גרויסער עפענונג, ווי אַ ריזיגער קעסעל אויסגעגראָבען אין דער ערד. אין דעם קעסעל קאָכט זיך סמאָלע. איך קוק אַריין און זע ווי די סמאָלע קאָכט זיך, ווי אַ קעסעל סמאָלע אויפ׳ן פייער. יעדע רגע הויבט זיך אויף אַ כוואַליע סמאָלע, ברענענדיגע צונגען שפּרינגען, און אַלע ווילן גיט עס אַ שפּריץ אַרויס אין דרויסען.

וואָרט איך ביז עס ווערט אָפּגעקילט און איך הויב אויף שטיקלאַך ווייכע קוילען.

ווייטער צום שוועבעל־אָרט. נאָענט צוגיין טאָר מען נישט. עס עפענט זיך די ערד אַרום דעם שוועבעל־אָרט און שלינגט איין אַלץ, וואָס געפינט זיך דאָרט.

איך שטעל זיך איין באַפּען אַ קוק. איך זע שוועבעל־מאַז

טאנצט אין אַ געווירבעל. אזוי קאָכט דאָס שוועבעל. נישט צע־שמאָלצען, נאָר טרוקען געקאָכט. צעמאָלען אויף מאָן און אונ־טערגעהייצט שפּרינגט עס ווי ארבעס אויף אַ פייערפאַן. בליץ־שנעל שפּרינגען, שפּרינגען די שוועבעל קערנער. אַ געפערליכע היץ זעצט ארוים.

וואונדער איבער וואונדער: קאַלטע בערג, טרוקענע פעלזען, טויטער שטיין. אַ וואולקאַן, אַ קאָכיגער בארג, וואָס טראָגט אין זיך סמאָלע און שוועבעל, קאָכט און ברענט און וויל פאר־ברענען אַ וועלט.

ווי? וואָס? ווען? שטייסטו פארזונקען אין טראַכטען.

— וואָס און ווער זיינען מיר? וואָס ווייסען מיר? ווי שוואך זיינען מיר!

דער פייער־שפּייענדער בארג האָט שוין געבראַכט אַ סך טויט אויף מענשען, אויף שטעדט. ער ברענגט אָבער אויך אַ ביסעל לעבען.

מענשען מאַכען אַ לעבען אפילו פון דעם פייער־שפּייענדיגען בארג. איינער ווייזט דיר דעם וועג; איינער פאָרט מיט דיר אהין; און אַ גאַנצע מחנה וויל דיר פארקויפען בילדער פון דעם בארג.

ווילט איר ווּיסען אַ סימן פון דעם בארג׳ס כעס — קוקט אויף דער אויסגעגראָבענער שטאָדט פּאָמפּיי, און איר וועט זען דעם בייזען כח פון דעם וואולקאַן.

פּ אָ מ פּ י י

ח

מיט אכצען הונדערט זעקס און פערציג יאָר צוריק איז פּאָמפּיי פארגאָסען געוואָרען מיט לאַווא. די קאָכיגע לאַווא האָט פארצערט און פארברענט די שטאָדט און אז די לאַווא איז געוואָרען אָפּגעקילט און פארשטיינערט, איז אויף דעם אָרט, וואו עס איז געשטאַנען די שטאָדט פּאָמפּיי, געוועזען אַ שטיינערנער בארג.

אין דער פארגליווערטער לאַווא זיינען געבליבען די הייזער

מיט די מענשען און אַלע לעבעדיגע באַשעפענישען, וואָס זיינען דאָרט געווען, ווען דער וועזוף האָט אויסגעגאָסען זיין צאָרן אויף דער שטאָדט.

איצט איז די באַגראָבענע שטאָדט פּאָמפּיי אויסגעגראָבען. מען זעט זי ווי זי האָט אויסגעזען מיט קאָרגע ניינצען הונדערט יאָר צוריק. און אין דער אויסגעגראָבענער שטאָדט פּאָמפּיי, בין איך געווען.

עטליכע יאָר נאָכ'ן חורבן בית־המקדש האָט דער וועזוף חרוב געמאַכט פּאָמפּיי. איז דאָס געווען אַ שטראָף פאַר רוים, וואָס האָט חרוב געמאַכט ירושלים?

פּאָמפּיי איז געווען אַן אַלטע שטאָדט. הונדערטער יאָרען פריער האָט זי געלאַכט און געלעבט, און אין מיטען לעבען און לאַכען האָט דער וועזוף אויסגעגאָסען זיין פייער אויף אַלע לע־בעדיגע און לאַכענדיגע.

פּאָמפּיי איז געוואָרען אַ צווייטע סדום־עמורה. עס האָט גערעגענט אויף איר מיט פייער און שוועבעל און זי איז גע־וואָרען איבערגעקערט.

מיט אַכצען הונדערט זעקס און פערציג יאָר צוריק איז דאָס געשען. די שטאָדט זעט היינט אויס אַזוי ווי דעמאָלט אומ־פאַרענדערט. און איך בין געגאַנגען אויף אירע גאַסען און איינ־געלעבט זיך אויף אַ ווײַלע אין דער צייט פון די צעזאַרס.

עס איז אַ מאָדנער, מאָדנער געפיהל, וואָס מען פיהלט גייענדיג איבער פּאָמפּיי. די חורבה־שטאָדט מיט דערנער פול באַוואַקסען. דרייסט זיך אַרום אַ פרעמדער אין אַ פרעמדער וועלט, אין אַן אויסגעגראָבענער וועלט. אַן עלענדער געפינסטו זיך צווישען די חורבות, ווען אפילו עס גייען דאָרט מיט דיר מיט צופּוסענס פון וועזוף שטייט פּאָמפּיי. דער וואולקאַן האָט ווייט נישט געדאַרפט גיסען זיין פייער. דער ערשטער גאַס האָט די שטאָדט פאַרגאָסען.

שטייט איצט וועזוף מיט זיין וואָלקען זייל און קוקט אויף דער אויסגעגראָבענער פּאָמפּיי און טראַכט זיך שטיל:

נו, איך האָב באַגראָבען, האָט איר אויסגעגראָבען. אָבער וואָס האָט איר אויסגעגראָבען? אַ טויטע שטאָדט!

און גערעכט איז וועזוף. עס זיצען דאָרט גרעבער, זיי גראָבען נאָך אַלץ, זיי האַקען אָפּ די פאַרשטיינערטע לאַווא, אָבער מיט דעם קלאַפּעריי, מיט די טריט פון נייגעריגע, איז טויט די שטאָדט פּאָמפּיי. אַן אויפגעריסען קבר. און איר גייט אין דעם קבר, טרעט אויף דעם טויטען. איר זעט סקעלעטען־הייזער; סקעלעטען טעאַטערס; סקעלעטען קירכעס; סקעלעטען מענשען; אַ סך פריינד.

סקעלעטען קליידער — סקעלעטען און סקעלעטען.

איידער מען גייט אריין אין פּאָמפּיי, גייט מען אריין אין אַ רעסטאָראַן. אַ גרויסע שיינע געביידע. אַ שיינער אָרקעסטער שפּילט שיינע מוזיק. דער טויער פון פּאָמפּיי.

ציען זיך טויטע גאַסען פאַר די אויגען פון ווייטענס. קומט מען אָן צום טויער, ווערט מען ארומגערינגעלט, באַפאַלען פון אַ מחנה מענער און פרויען — זיי ווילען דיר פאַרקויפען מציאות. און ווי דו ווילסט נישט, קויפסטו דאָך אַ מציאה. ביזטו פאַרטיג מיט די מציאות, טראָגט מען דיר אונטער אַ שירם. עס איז שטאַרק היים אין פּאָמפּיי, זאָגט מען דיר, וועסטו זיך מוזען באַשיצען פון דער זון. נישט דו ברויכסט דעם שירם. נישט עס זאָרגט זיך דער איטאַליענער, זאָלסט זיך נישט ברע־נען אונטער דער זון — ער וויל אַ לירע, דער אָרימער איטאַ־ליענער.

מיר קויפען די בילעטען אריינצוגיין און אָט זיינען מיר — אין יאָר ניין און זיבעציג, מיט אַכצען הונדערט זעקס און פערציג יאָר צוריק. אַ שמאָלע גאַס פירט אונז צו צום אַלטען פּאָמפּיי טויער. עס איז אַ דיקע מויער אין מיטען אַ טונעל, מיט אַלטע, איבער צוויי טויזענד יאָריגע, אויפשריפטען.

אין ערשטען רייכען הויז — געוועזן אַ פּאַלאַץ פון אַ פּרינ־צעסין — איז אַ מוזעאום. ליגען דאָרט די געפונענע זאַכען אין דעם גרויסען קבר.

קרוגען, מעסער, טעפּ, צירונג, שטיקער שטריק אָפּגעזענגטע, פון פייער דורכגעברענטע, שטיקער טוך פון קליידער, רעשטלאַך

איבערגעבליבענע פון דעם פייער־רעגעו. אלצדינג וואס איז הויז איז געווען און עס איז נישט אין גאנצען געווארען פארצערט, ליגט דא. סטאטועו, געצעו אפגעריבענע, אפגעבראכענע און — מענשען. מענער, פרויען און קינדער פון פאמפיי ליגען דארט.

א צוויי טויזענד מענשען, דיינקט מען, זיינען אומגעקומען אין פאמפיי. נישט אלע זיינען געבליבען אין פארם צו ווערען געפונען. א סך זיינען פארברענט געווארען אויף אש, אנדערע זיינען אבער געבליבען גאנץ, פארגליווערט, אזוי זעט מען זיי.

קערפערס גרויסע, מאסיווע, געטאקטע, אויסגעשניצטע. באדעקט מיט לאווא, פארשטיינערט. און זיי זיינען נישט צופאלען אויף שטויב. מען זעט איטליכען שטריך פון קערפער, יעדען קנייטש פון פנים. דעם קאפ־ביין, די פינגער פון די הענט און פיס. די פארגליווערטע לאווא איז שוין אפגעקרישעלט און מען זעט ברוינע ביינער.

זעט מען אויך דעם אויסדרוק פון פנים. דער אויסדרוק פון מיט אכצען הונדערט זעקס און פערציג יאר צוריק, ווען דאס פייער האט אים ארומגערינגעלט, איז געבליבען ביז'ן היינטיגען טאג.

ליגט איינער איינגעבויגען מיט די הענט אריבער'ן קאפ, ווי ער וואלט זיך געוואלט שיצען, און דאס פנים דריקט אויס וויטאג, אז דו ציטערסט אויף.

ליגט א צווייטער, א זיצענדיגער און א שמייכעל, פלוצלונג איבערגעריסען, קוקט אויף דיר. ער איז אפשר געזעסען אויף א באנק מיט פריינד, געשמועסט און געשמייכעלט און דאס פייער האט אים ארומגעכאפט און ער האט זיך פארוואונדערט, אבער ער האט נאך נישט באוויזען אויפצוהערען שמייכלען. און ער האט שוין נישט געקענט אויפהערען.

אט איז א פרוי. דער קאקעטישער בליק ליגט נאך אויף איר רונדען פול פנים. האט זי געמוזט זיין שיין! א ווענוס־טיפ. ליגט אויסגעצויגען גלייך. זי מוז שוין נישט האבען געקענט א האנט אויפהויבען אויף באשיצען זיך.

א קינד איז אויך דא. אזא קינד נעמט געוויינליך א פרייז

אין די איצטיגע צייטען פאַר געזונטקייט און פּאָלקאַמענהייט. דאָס פּנים איז אַביסעל צעשפּרייט, ווי עס וואָלט זיך צוואוויינט פאַר שרעק. דאָס קינד פון אַ יאָר.

אַ ציג. אַ גרויסע ציג. אַ גרויסע ציג האַלט דעם קאָפּ אויסגעשטרעקט אין דער הויך. האָט די ציג געקוקט אין דער הויך צו זען פון וואַנען דאָס פייער קומט?

גייען מיר אין די גאַסען. שמאָלע גאַסען. ווי אַזוי דאָ האָט געקענט דורכגיין אפילו איין וואַגען, פאַרשטיי איך נישט. אַ סך, אַ סך גאַסען. די אָרימע געגענד מיט קליינע הייזער פון אַ צוויי־דריי צימערען און די רייכע גאַסען מיט פּאַלאַצען. גרויסע, ברייטע צימערען. מער ווי וועגט און פענסטער־לעכער זעט מען נישט. אָבער דעם חילוק פון אָרימקייט און רייכקייט איז אפילו אין די חורבות צו דערקענען.

זעט מען די אויוועגס וואו זיי האָבען געקאָכט זייערע עסענס. ווייזט אויס, קיין עלעקטרישע אויוועגס האָבען אַפילו די רייכע פּאָמפּייער אויך נישט געהאָט. ווי דער אויבערשטער טייל פון אַ ברונען, געמויערט מיט עטליכע לעכער אויבען אריינצושטע־לען דעם טאָפּ און אונטען אונטערגעהייצט.

געבאָדען האָבען זיי זיך אויך. דאָ שטאָרטישע בעדער, און אין רייכע פּאַלאַצען האָבען זיי געהאַט וואַנעס אויך. אַ רונדיגער געמויערטער קעסעל. אַ טויז פאַרשווינגען האָבען זיך געקענט באָ־דען צוזאַמען.

עטליכע קירכען זיינען דאָ. דאָס קריסטענטום איז דעמאָלט אַלט געווען ניין און זיבעציג יאָר און האָט נאָך נישט דערגרייכט פּאָמפּיי. דאָס זיינען פּאַגאַנישע קירכען, אַ יופּיטער־טעמפּעל, אַן אַפּאָלאָ־טעמפּעל. לאַנג און שמאָל זיינען די טעמפּלען. די ווענט באַמאָלען מיט מאָלערייען, שיינע קונסט אַרבייט.

די גלאַדיאַטאָרען־שולע איז געבליבען גאָר פריש. אין פראָנט אויסגעפּלאַסטערט מיט מאָזאַאיק, ווייסע און שוואַרצע פיר־עקיגע קליינע שטיינדלאַך. אַ געשלעג צווישען צוויי גלאַדיאַטאָרען. און אינוויינינג אַ גרויסער זאַל צום לערנען, אויף די ווענט ביל־דער אין אַלערליי פּאָזען פון געפעכט.

דאָס „שמוציגע הויז" איז אין פּאָמפּיי זיכער געווען היילינג. עס איז אויסגעמאָלען מיט די שמוציגסטע עקעלהאַפטסטע ביל־דער און דאָס „הויז" איז זעהר אנזעעוודיג.

דער בית־עולם פון פּאָמפּיי איז אויך דאָ. דער בית־עולם פון דער טויטער שטאָדט. אַ גרויס שטיק פעלד מיט היילען און שטיינער אויסגעהאַקטע אין דער הויך ווי מצבות. די באַגראָ־בענע זיינען שוין געווען טויט, ווען דער וועזוף האָט געבראַכט טויט אויף דער שטאָדט. זיי זיינען געבליבען אין זייערע קברים נישט געשטערט, נישט גערירט.

די תפיסה פון פּאָמפּיי איז אַ גרויסע געביידע ווי אַ פעס־טונג מיט טרעפּ אַרונטער דער ערד. דאָרט זיינען געזעסען פאַר־ברעכער אין דער טיפקייט פון דער ערד.

אויבען איז היים, ביז איך אַראָפּ עטליכע טרעפּ אין דער תפיסה, איז דאָרט געווען שטאַרק קאַלט. דעם געפאַנגענעם איז געווען שלעכט אין פּאָמפּיי אַמאָל. עס איז אים אָבער שלעכט היינט אויך אומעטום.

און דער פאָרום מיט דער טריבונע. אַ גרויס פריי פּלאַץ. דאָ האָבען געקענט צוזאַמענקומען טויזענדער, טויזענדער מענ־שען. דער טריביון האָט דאָ גערעדט צו זיי, צום פּובליקום.

אפשר זיינען דאָ געשטאַנען די צעזאַרען און גערעדט צום פאָלק פון פּאָמפּיי? אפשר איז דאָ געשטאַנען נירון קיסר? און אספּסינוס איז דאָ אויך געשטאַנען? איז אפשר דאָ אויך געווען טיטוס?

אַ שטורם האָט מיך אָנגעכאַפּט שטייענדיג אויפ'ן פאָרום. עס האָט געלאַכט אין מיר דאָס דאָזיגע געלעכטער:

דאָ זיינען געשטאַנען די צעזאַרען, די וואָס האָבען חרוב גע־מאַכט ירושלים, מיט אַכצען הונדערט פינף און פופציג יאָר צוריק האָבען זיי חרוב געמאַכט ירושלים. זיי האָבען געמיינט, אַז זיי האָבען אָפּגעווישט יהודה פון פנים פון דער ערד, און היינט שטיי איך, אַן אייניקעל פון ירושלים, אויף זייער פאָ־רום. צעזאַריש רוים איז נישטאָ, און איך שטיי דאָ אויף דעם אָרט, וואו זיי זיינען געשטאַנען.

עס האָט געלאַכט אין מיר דאָס געלעכטער פון דעם שוואַכען, וואָס איז געוואָרען שטאַרק, דאָס געלעכטער פון דעם באַזיגטען, וואָס איז געוואָרען אַ זיגער.

אויפ׳ן פאָרום האָב איך זיך געלאָזט פאָטאָגראַפירען. לאָמיך האָבען דאָס בילד ווי איך שטיי אויפ׳ן פאָרום פון פאָמפּיי, אַ סימן פון מיין געלעכטער איבער די רוימישע קיסרים.

ווענעציע

א

די באַן שטעלט זיך אָפּ, מען גייט אַראָפּ און — וואַסער. אַ העלפט פון די טרעפּ, טיף אין וואַסער.

עס איז געווען אָוונט. אַ פינסטערער אָוונט. ציט זיך אַ וואַסער, שוואַרץ זיך ס'וואַסער אין דער פינסטערער נאַכט. שטייען הייזער אין וואַסער. קליינע פייערלאַך שיינען פון די הייזער אַרויס, שטעכען זיך אַריין אין שוואַרצען וואַסער אַריין.

אַ לאָדקע שטייט ביים וואַקזאַל. אַ מאָדנע לאָדקע מיט אַ לאַנגגען קרומען האַלז אין פראָנט ווי אַ שוואַנען־האַלז — אַ גאָנדאָלע. מען וואַרפט אַריין אונזערע זאַכען אין גאָנדאָלע, מיר שפּרינגען אַריין. דער גאָנדאָלע־פירער שטייט און מיט איין וועסלע פירט ער אונז ווייט אין וואַסער אַריין.

ער דאַרף זיך פאַרקירעווען אין אַ זייטיגער גאַס, גיט ער אַ ברום:

— ה־ר־ו... הו־הו־הו־ר־ו... הו־הו־הו־ר־ו...

און עס ענטפערט אים אָפּ אַ ברומען פון דער אַנדער זייט:

— ה־ר־ו... הו־הו־הו־ר־ו... הו־הו־הו־ר־ו...

זעסט נישט קיין ערד, זעסט נישט קיין לעבעדיגען מענשען. אַ שטילער טונקעלער הימעל, אַ שטיל, שוואַרץ וואַסער, הייזער שטייען שווייגענדיג, וואַקסען פון וואַסער, כשוף־ליכטלאַך־שפּיזען אין וואַסער, שטיל, שטיל, שטיל, טראָגט זיך אַ ברומען אין דער שטילער פינסטערער נאַכט איבער'ן שוואַרצען וואַסער.

עס איז דיר פרעמד, דו געפינסט זיך אין אַ לעגענדע, מיינסט אַז עמיצער האָט מיט כשוף דיך פאַרפירט אויף אַ וואַסערדיגע וועלט.

וועלען אַרויסשפּרינגען וואַסער־מענטשען און מיט אַ וואונדערליך געזאַנג גיין אַ טאַנץ אויפ׳ן וואַסער.

ווידער טראָגט זיך דאָס ברומען, דו ווערסט עפּעס אַזוי גרינג אין זיך, פאַרגעסט אַלץ וואָס מיט דיר איז געווען ביז איצט, אַלץ איז געווען אַ חלום. איצט איז אויך אַ חלום.

אַ חלום, אַ חלום, האָט זיך מיר גע׳חלום׳ט. און אַ חלום, אַ חלום חלום׳ט זיך מיר ווייטער.

גליטשט זיך די גאָנדאָלע איבער׳ן וואַסער. איך זיץ אין גאָנדאָלע. פרעמד, אומדערוואַרטעט, וואונדערליך, אויפצאַפּליג, פחד׳יג.

עס איז שטיל, שטיל, און אַ ברומען צוברומט זיך, ווי אַ בת־קול, טראָגט אַ ברומען זיך איבער׳ן שטילען, שוואַרצען וואַסער, און דו ווערסט עפּעס אַנדערש, אַ אַנדערער, אויף אַ אַנדער וועלט.

דרייט זיך די גאָנדאָלע, קירעווערט זיך, פון ברייטען וואַסער אין שמאָלען וואַסער, שמאָל, שמעלער און ווידער אין ברייטען וואַסער. מיר שטייען פאַר׳ן גרעסטען האָטעל פון ווענעציע.

די טרעפּ איז אין וואַסער. מען דערלאַנגט אונז הענט און מיר זיינען אין האָטעל. אַ האָטעל ווי אַלע האָטעלען אין די גרויסע שטעדט, זעהר שיין, אינווייניג ווייס מען נישט, אַז מען שטייט אין וואַסער.

ווילען מיר שפּעטער גיין זען ווענעציע. האָט מען דריי וועגן: מען קען פאָרען מיטן „טראַמוויי", אַ שיף וואָס פאַרטרעט דאָס אָרט פון טראַמוויי, מען קען נעמען אַ גאָנדאָלע — און אויך אַ אַטאָ־מאָביל", אַ מאָטאָר שיפל.

נעמען מיר אַ מאָטאָר שיפעל, פליט דאָס ווי אַ אַטאָמאָביל אויף דער גאַס. דער „קאַפּיטאַן" ברומט שוין נישט, ער קלינגט. איז דאָ נישטאָ גאָר קיין יבשה ?

יאָ, עס איז דאָ. פאָרן מיר צו דער יבשה. גרויס איז דאָס שטיקעל ערד ווי אַ ניו יאָרקער בלאָק. איז עס פול מיט פּאַלאַצען, די גרעסטע געשעפטן און קאַפע הייזער. דאָס אַלץ לעבט און עקזיס־טירט פון טוריסטען.

די יבשה איז פול מיט שפאצירענדע. און די שפאצירער זיינען בלויז פרעמדע. איר הערט דא אלע שפראכען פון דער וועלט, נאר נישט קיין איטאליעניש. איר זעט דא א רייכע, זאטע באפעלקע־רונג צוזאמענגעפלויגען פון אלע עקען וועלט, און זייד געוויקעלט מיט צירונג באהאנגען. און די שטובען פון ווענעציע, דערציילט מען מיר, וואוינט ארימקייט.

ווענעציע איז געווען אמאל איינע פון די רייכסטע רעפובליקען. שטארק איז זי געווען, געפירט גרויסע מלחמות, געווען די סוחר׳טע פון דער וועלט. היינט איז ווענעציע ארים. אודאי איז דא רייכע אין שטאט. אבער דאס זיינען די איינציקע, געציילטע. די גרויסע מער־הייט איז ארים און קוקט אוים די אויגען אויף א שטיקעל ברויט.

אין ווענעציע האבן זיך געראטעוועט א סך פון די גולי שפא־ניע. די שענסטע ספרים זיינען געדרוקט געווארען אין ווענעציע. איך האב געזען א סך ספרים מיט׳ן אויפשריפט אויפן שער „ויניציאה". היינט וואוינען ווייניג אידען דארט, זיי האבען די אלטמאדישע געטא.

דעם צווייטען פון די צוויי נישט־פאשיסטען, וואס כ׳האב באגע־גענט אין איטאליע, האב איך געטראפען אין ווענעציע. איך האב אים געפרעגט פארוואס איז ווענעציע אזוי ארים, האט ער מיר געזאגט אזוי:

— די קירכען און די גלחים עסען אויף דאס לעצטע ברעקעל ברויט. די מאסע קען דא זייער ווייניק פארדינען. קיין גרויסע אינ־דוסטריען זיינען נישטא. דאס ביסעל ארבעט וואס מען האט ברייננגט א שטיקעל ברויט, נעמען עס צו די קירכע מיט די גלחים.

איך האב אין קיין אנדער שטאט נישט געזען אזוי פיל קירכען ווי אין ווענעציע. אין מאסקווע, זאגט מען, זענען דא פערציק מאל פערציק צערקוועס, ווענעציע האט אפשר נאכמער. מיר האט זיך געדאכט אז יעדעס צווייטע הויז איז א קירכע. די קירכען זיינען אלטע, אנטיקען געביידעס. וואונדערליכע ארכיטעקטור ארבעט. מייסטערהאפטע סקולפטור, אבער ארים זיינען די ווענעציאנער.

עס זיינען דא עטלאכע הינטערגעסלאך, זיינען זיי שמוציק און שמאל, אז פיר מענטשן קענען נישט דורכגיין אין דער ברייט. דאס

שיינע שטיקעל יבשה, דער סט. מאַרקאָ פּלאַץ, האָט די אַלטע סט. מאַרקאָ קירך, אַ ריזען געביידע, וואָס איז אַלט הונדערטער יאָרען, דעם קעניגליכען פּאַלאַץ, דעם דאָדזש׳ס פּאַלאַץ, בנינים, וואָס דו קאָנסט נישט אָפּרייסען ס׳אויג פון זיי, אַזוי שיין זיינען זיי, און די צירונג געשעפטען מיט גלעזערנע ווענט־פענסטער, שרייען און רופן:

קויפט! קויפט! קויפט!

די גאַס פאַר די קאַפעס איז פול מיט אייזערנע שטולען, זיצט דער עולם און טרינקט און הערט שיינע מוזיק, יעדע קאַפע האָט אַן אָרקעסטער. באַזונדער איז דאָ אינמיטן פּלאַץ אַ גרויסע עסט־ראָדע וואו עס זיצט אַ שטאָדטישער אָרקעסטער און שפּילט שיין די שענסטע זאַכען.

דאָס איז אַלץ פאַר אונז, די צוגעפאָרענע געסט, די היימישע ברעכען זיך די קעפּ, וואו נעמט מען מאָרגען אויף ברויט?

נאָר טאָמער וועט מען קומען צו אייך און דערציילען ווי עס פאָרען די גאָנדאָלעס פול מיט סערענאָדע זינגער און זינגערינס, זאָלט איר נישט גלויבען. איך בין געווען אַ פּאָר נעכט אין ווענעציע, געפאָרען מיט די גאָנדאָלעס און מאָטאָר־שיפלאַך אויפ׳ן וואַסער און נישט באַגעגענט קיין איינציגע גאָנדאָלע מיט סערענאָדע זינגער.

ווענעציע באַשטייט פון הייזער און וואַסער. עס זיינען דאָ עטליכע הונדערט קאַנאַלען, די גאַסען, אַלע זיינען שמאָלע, נאָר איינער איז אַ ברייטער, דער גראַנד קאַנאַל; די הויפּט גאַס.

וויל מען גיין פון איין גאַס צו דער צווייטער מוז מען, נאָטיר־לאַך, נעמען אַ שיפעל. עס זיינען אָבער דאָ עטליכע הונדערט בריקען. קליינע, שמאָלע בריקען איבער די קאַנאַלען, די היימישע גייען אויך איבער די בריקלאַך צו אַ הויז פון אַ פריינט. די בריקלאַך זיינען אין רעגענבויגען פאָרם.

פאָרט מען אויף די וואַסער גאַסען, באַמערקט מען אָפט מאָטאָר שיפלאַך שטיין פאַר אַ הויז. דער בעל הבית איז אַ רייכער, האָט ער אַ מאָטאָר שיפל, ווי מען האָט אַן אָטאָמאָביל.

שטייען אויך לאַסט שיפן אויף די גאַסן, דאָס זיינען די ווע־נעציאָנישע טראָקס, וואָס פירן איבער סחורה.

אַ שטאָדט פול מיט לעבען, קאָכט פון לעבען און מיט לעבען.

מענשען וואָס ס'איז זיי גוט, זיינען רייך, קומען דאָס אַהער ספּענדן זייער געלט. אָבער עס איז שטיל, מען הערט נישט קיין געשרייען פון אַנטרייבער, דאָס טרובעריי פון אָטאָמאָבילען איז נישטאָ, קיין קלאַפּעריי פון רעדער, אַלץ גליטשט זיך איבער'ן וואַסער שטיל ווי עס שווימט אַ פיש אין וואַסער.

איך האָב זיך געלייגט שלאָפן. מיין צימער איז אַרויסגעגאַנגען צום וואַסער. עס איז געווען נאָך פרי. אין דער צייט קען מען אין ניו יאָרק נים צוטאָן מיט קיין אויג, שיפן פייפן, עלעווייטערס רייסען דורך מיט געקלאַפּעריי, אָטאָמאָבילען און טראָקס קלאַפּן און טרובען, און דאָ איז שטיל, שטיל, און איך האָב געמיינט אַז איך בין אויף אַ שיף, וואָס שטייט אינמיטען וואַסער.

ט ו י ב ע ן

ב

ליג איך אין בעט אין ווענעציער האָטעל, דער לאָדען איז פאַרמאַכט. די שווערע ראָלעט איז אַראָפּגעלאָזען און איך טראַכט און פרעג זיך:

— ווען ווערט שוין טאָג?

פינסטער אין צימער, שטיל אין דרויסען ווי ביינאַכט. איז דאָ די נאַכט אַזוי לאַנג? אָדער איך האָב אַ שלאָפלאָזע נאַכט?

נאָר ווען איך האָב אַרויפגעצויגען די ראָלעט און אויפגעפּראַלט דעם לאָדען, האָב איך דערזען הויכען טאָג. ווענעציע, די וואַסער שטאָדט. אינמיטען העלען טאָג שטילער ווי שפּעט ביינאַכט אין ניו יאָרק.

איך בין אַרונטער אין גאַס און געבאָפּט... יאָ, עס רעדט זיך אַזוי, געבאָפּט. איך האָב טאַקע געוואָלט באָפּען, נאָר אין ווענעציע באָפּט מען נישט, מען נעמט אַלץ פּאַמעלעך, — האָב איך גענומען אַ גאָנדאָלע און צוגעפאָרען צום מאַרק, וואו מען קויפט איין עסענוואַרג.

גאָנדאָלעס און מאָטאָר-שיפלאַך שטייען אין פראָנט פון אַ לאַנגע אַלטע געביידע, ווי אַ שפּייכלער, ווייבער און מענער גייען אַרום פּאַמעליך פון די שיפלאַך און קויפען איין עסענ-

וואָרג פאַר'ן טאָג און מיט פולע קערבעלאַך גייען זיי צוריק אריין אין שיפלאַך און פאָרען איטליכער אין זיין הויז.

קומען אויך אַן עטליכע פרויען מיט קערבעלאַך מיט דער יבשה. גייען איבער אַ בריקעל אריבער. וואוינען נישט ווייט, איז געגוג פאַר זיי דאָס קורצע שמאָלע בריקעל.

קומען גאָנדאָלעס מיט ווייבער מיט ליידיגע קערבעלאַך און פאָרען אוועק גאָנדאָלעס מיט פולע קערבעלאַך. שטאַרען ארוים פון די קערבעלאַך שטיקער גרינוואַרג, פלייש, אַ לאַנג ברויט.

איינער וואָס די גאנדאָלע איז אין זיין פאַנטאַזיע דאָס ראָמאַנטישע שיפעל פון פרינצעסינס מיט סערענאַדע־זינגערס, ווערט שטאַרק אנטוישט, זעענדיג גאָנדאָלעס פול מיט נישט־אויס־געשלאָפענע, מידע ווייבער, מיט קערבעלאַך גרינס און פלייש.

איך גיי אַראָפּ אויף דער יבשה. איך בין פאַרוואָרפען אויף אַ קליין אינזעל אינמיטען אַ נישט־אָנטפּלעקטען ים. ארום און ארום — וואַסער. אַ קליין שטיקעל טרוקעניש איז געבליבען.

אָבער ווי וואונדערליך ! די גאַנצע יבשה איז באַדעקט מיט טויבען. טויזענדער טויבען טאַנצען, טאַנצען, ציטערען. ציטערען נישט ווייל זיי האָבען מורא. ניין, זיי האָבען נישט קיין מורא. זייער גאַנג זעט אוים ווי אַ ציטערען.

שטייען מענער און פרויען צווישען דער מחנה טויבען און וואַרפען פאַר זיי קערנער. די טויבען טאַנצען, שפרינגען, ציטערען און פּיקען די קערנער.

מיט אַמאָל הויבט זיך אויף איין טויב. אין אַ רגע הויבען זיך אויף אַלע טויבען. ווערט אַ געפלי, אַ טויבען־געפלי, ווייסע, ברוינע, שוואַרצע, טויבען, טויבען פליען, שפרייטען זיך איבער דער לופט און באַדעקען דעם טורעם.

און ווידער הויבען זיי אָן פליען, צופליען זיך און לאָזען זיך אַראָפּ.

אַזוי האָט אויסגעזען אין דער מדבר, ווען דער שלו איז גע־קומען צעפליען. די ערד באַדעקט מיט טויבען.

טאַנצט, ציטערט דער ליבער פויגעל, די טויב, פאַר דיינע

פּיס, מחנות, מחנות טויבען רינגלען דיך אַרום, וואַרקען, וואַרקען. פּיקען קערנער, וואָס דו וואַרפסט פאַר זיי.

אַזוי גוט. אַ גוטע, זיסע פרייד נעמט אַרום — טויבען. טויבען, טויבען.

פילסט זיך ווי אַ קינד זאַרגלאָז, ריין, שטיפעריש, גוט צו דער גאַנצער וועלט, ווילסט מיטטאַנצען מיט די טויבען, פליען מיט זיי אינאיינעם.

הויבען זיך אויף די טויבען, צאַפּלען, קלאַפּען מיט זייערע פליגלען, ווערט אַ געפּאַטשעריי ווי טויזענד קינדערשע הענט־לאַך וואָלטען זיך צופּאַטשט פאַר פרייד. זיי לאָזען זיך אַראָפּ צו דיינע פיס אַזוי נאָענט, אַזוי ליב, ציטערען פון געטריישאַפט און ליבע צו דיר.

איך בין אַ פרעמדער, ערשט געקומען אַהער, די גוטע טויבען האָבען נישט קיין מורא פאַר מיר, זיי פּיקען די קערנער, מיט אַ ציטער הויבען זיי אויף די אויגען און קוקען אויף מיר צוטרויליך. רואיג — ווי אַ טויב.

דער טאַנץ פון טויבען, טויבען טאַנצען פאַר מיר, אַרום מיר.

ווי מיר גייען אַזוי, כאַפּט אונז אָן אַ מאַן און שלעפּט אונז. וואָס איז ? ער וויל מיר ווייזען די גלאָז פאַבריק. איך האָב אפילו נישט געוואָלט גיין, נאָר כ'האָב דען געהאַט אַ ברירה? דער איטאַליענער האָט מיך געהאַלטען פעסט פאַר'ן אַרבעל.

זיצען פרויען און יונגע מיידלאַך אַרום לאַנגע טישען און ביי קליינע טישעלאַך. פון ברעקלאַך פאַרביג גראָז מאַכען זיי פאַר אונזערע אויגען די שענסטע גלאָזשטיק. שפּילקעס, קנעפּ, בילדער, אַלץ צוזאַמענגעשטעלט פון גלאָז. עס איז אמת מייס־טערהאַפטע אַרבייט.

פאַר דיינע אויגען זיצט אַ מיידעל איבער אַ בילד, אַ גרויס בילד. דאָס בילד פון ווענעציע, זי זעצט פלינק די ברעקלאַך גלאָז און ווענעציע וואַקסט אויס פאַר די אויגען.

דו שטייסט לעבען אַ מאָלער, וואָס אַרבייט מיט'ן פּענזעל אויף לייוונט און עס וואַקסט אויס אַ בילד פאַר דיינע אויגען. דו וואונדערסט דיך און ווערסט פאַרכאַפּט, ווען דו זעסט דאָס

מיידעל „מאַלען“. אַ קליין צוועגעלע איז דער פענזעל און גלאָז־ברעקעלאך — די פאַרבען.

אָבער דאָס אַלץ איז נאָר דיך אריינצוציען און אָנצוציען. עס איז מסחר. דו זאָלסט קויפען גלאָזוואַרג. אַט איז אַ סעט. קאָסט ער הונדערט דאָלאַר, דער קאָסט צוויי הונדערט, און דער אַזוי פיל. אָבער עס איז וואונדער־שיין. און וואונדער־שיינע איטאַליענישע מיידלאך רעדען אַזוי צאַרט צו דיר, רעדען ענגליש. און פאַרזיכערען דיך, אַז דו דאַרפסט נאָר געבען אַ דערויף, וועט מען דיר עס שיקען גלייך אין הויז אריין.

פאַרטאָג, ווען ווענעציע האָט געשלאָפען און לאַסט־שיפלאך האָבען שטיל געשוואומען איבער די גאַסען, האָב איך פאַרלאָזט די שטאָדט פון וואַסער. יונגע אינגלאך האָבען געריודערט און גע־פירט די סחורה פאַר'ן טאָג, שוואַכע, דינע אינגלאך, אויסגע־מאַטערטע צען און צוועלף־יעריגע אינגלאך פירען סחורה אויפ'ן וואַסער.

און איך בין געפאָרען ווייטער אויף מיין לופט־רייזע. און מער ווי רחמנות אויף די יונגע אָרימע אינגלאך האָב איך נישט געקענט האָבען.

טריעסט

אַן איטאַליענישע שטאָדט, וואָס איז געווען אונטערטעניג צו עסטרייך און האָט זיך באַפרייט, איז צוריק מיט איטאַליע. אַ זעלטען שיינע שטאָדט און אַז מען פאָרט אַרויף באַרג, מיינט מען, אַז מען פאָרט אַרויף צו אַ פאַר׳כשוף׳טען שלאָס. און אַז מען שטייט אויפ׳ן באַרג און מען קוקט אַראָפּ אויף דער שטאָדט אין טאָל, מיינט מען, אַז עס איז אַ פאַר׳כשוף׳טער טאָל. אַזוי צויבערהאַפט, אַזוי פאַרבען־רייך, אַז דאָס האַרץ עפענט זיך אויף און טרינקט זיך אָן מיט אַ פאַרבען־געזאַנג.

אַלץ דייטשע פון פריער איז אָפּגעווישט פון טריעסט. פון דייטש איז געוואָרען איטאַליעניש. אָבער רייכער איז טריעסט נישט געוואָרען. זי איז געוואָרען אָרימער.

די שענסטע שול האָב איך דאָך געפונען אין טריעסט. אַ מויער אַ וואונדער־שיינער, גרויס און קינסטלעריש. די שול האָט מען אָבער נישט איצט געבויט, זי איז געבויט געוואָרען אין די אונטערטעניגע צייטען. ייען טריעסט איז געווען אונטער עסט־רייך.

ברינדיזי

ברינדיזי איז דאָך אַ פּאָרט־שטאָדט, נאָר דו וואונדערסט זיך און ווילסט וויסען, וועז איז מען דאָ אויף, ווען שלאָפט מען דאָ נישט? דיר דאכט זיך, אַז ברינדיזי איז אַ שלאָפענדיגע שטאָדט. אַ שלאָף־שטילקייט ליגט איבער ברינדיזי.

איך בין אריינגעגאנגען אין גרעסטען קאווע־הויז פון ברינ־דיזי, האָב איך געמוזט אויפטרייסלען דעם קעלנער, ער זאָל זיך אויפכאַפּען פון שלאָף און מיר דערלאַנגען אַ טעפּעל קאווע.

אַז ער האָט זי געבראַכט, בין איך שוין געווען אַ האַלבען בלאַק אוועק פון קאַפע.

אין ברינדיזי האָב איך געפונען אַ מוסאָליני־קאָפּ אויף יעַ־דען הויז. מיט אַ דראָזשקע בין איך אויסגעפאָרען די שטאָדט און איך האָב נישט געפונען קיין איין הויז, וואָס זאָל נישט האָ־בען אויף דער וואַנט מיט שווארצע פארבען אויסגעמאָלען מוּ־סאָליני׳ס פּנים.

איך פאַרשפּאָרט שוין דאָ זוכען שווארצע העמדלאַך. דאָס מוסאָליני שוואַרץ־פאַרביג פּנים קוקט אויף דיר פון יעדער זייט, פון אַלע ווענט, עס וואַרפט אַ שווארצע שרעק אויף דיר.

מוסאָליני קוקט אויף דיר פון אַלע זייטען. ער היט דיינע טריט אזוי ווי מיר איז געווען אַ שאָד אוועקצופאָרען פון וועַ־נעציע, אזוי בין איך געווען צופרידען, ווען איך בין שוין אוועק פון ברינדיזי.

צווישען בערג

שטונדען־לאנג פארט מען פון ווענעציע נאך וויען. פון זי־
בען אין דער פרי ביז ארום ניין־צען אווענט. אבער, גלויבט
מיר, איך בין דעם גאנצען טאג געשטאנען אויף די פיס, מיט
דעם קאפ פון פענסטער ארויס, ווי צוגעשמידט צום צוריקשפרינ־
גענדען וועג.

אזא וואונדער שיינקייט ווי דער וועג איטאליע—עסטרייך,
האב איך נישט געזען ערגעץ־אנדערש אויף מיין צוועלף טויזענד
מייליגער רייזע.

שיין דאס לאנד, מאלעריש רייך די טבע. שיין איז אויך
די ארבייט, וואס די מענשען האבען געטאן אויף דעם לאנד. קיין
איין טריט נישט נאקעט, נישט וויסט, אלץ באלעבט, אלץ באַ־
ארבייט, אלץ וואקסט, גרינט און בליט. גאט'ס גארטען איז די
ערד איטאליע—עסטרייך.

פון ווענעציע ארויס פארט מען מיילען ביים ים. גליטשט
זיך, רוקט זיך, שטעכט זיך דורך די באן, שלענגלט זיך אויפ'ן
ראנד פון הויכען, לאנגען־לאנגען בארג, און אזוי שארף אויפ'ן
ראנד, אז נאר איין בויג — און דער צוג וואלט זיך אראפגע־
ריסען פון בארג־פלייצע און אריינגעשאטען אין ים אריין.

שפעטער — צווישען צוויי קייטען בערג. בערג, בערג, גרינע
בערג, טעראסען גרינע, בליענדע. מיר פארען אין די אלפען. א
הייזעל צופוסענס פון דעם הויכען בארג, ווייטער הייזלאך ווי
קליינע שטיינדלאך אויסגעשאטען צווישען בערג, א ליימיג וואַ־
סער ציט זיך, לויפט אין טאל מיילען ווייט. און אט שטייט א
בארג אויפ'ן הויכען בארג. און אויף דעם הר ההר, אויף דעם
בארג־אויפ'ן־בארג שטייט א שלאס אין גרינס און אין בוימער
איינגעטונקט.

דער באַרג אויפ'ן באַרג איז שפּיציג, ווייסט נישט ווי מען קען דאָרט אַרויפגיין. שטייט אויפ'ן שפּיץ אַ שלאָס מיט אַשפּי־ציגען טורעם. און דאָרט וואוינט אַ מענש.

איינער, אָפּגעשלאָסען פון דער וועלט זיצט דער מענש אין דעם שלאָס. און אַז דו האָסט געלייענט אַ קינדער־מעשה'לע, ווי אַ בן מלך האָט אַרויסגע'גנב'עט אַ בת מלכה פון איר פאָטער'ס הויז און האָט זי באַהאַלטען ביי זיך אין שלאָס, און קיינער האָט ניט געוואוסט וואו די בת מלכה איז אַהינגעקומען און דו זעסט דעם שלאָס, זאָגסטו, אַט אין דעם שלאָס האָט דער בן מלך פאַר־באָרגען די בת מלכה, דאָרט האָט ער זי אָפּגעשלאָסען פון דער וועלט.

צי די בת מלכה איז דאָרט דאָ אָדער נישט — וואָלסט גע־וואָלט פאַרברענגען אַ מעת־לעת אין יענעם שלאָס. אַזוי כשופ'דיג.

אַ פאַר'כשופ'טע וועלט איז דער באַרג צווישען איטאַליע און עסטרייך. באַרגיג און פרוכטבאַר. צוגעשמידט צו וואונדערליכע פאַנאָראַמעס, וואָס האָבען זיך געצווינגען פאַר מיינע אויגען, האָט מיך שטיל געפרעגט אַ קול:

— וועלען די ארץ־ישראל בערג אַמאָל ווערען אַזוי באַגרינט און באַלעבט?

אינהאַלט:

	זייט
פאָרט אַ איד נאָך ארץ ישראל	**7 - 19**
פאָרט אַ איד נאָך ארץ ישראל	7
די אידישע מלוכה אויפן ים	10
רוים און ירושלים	15
דער אַריינפאָר	**20 - 35**
אויפן הר הכרמל	**36 - 40**
ירושלים	**41 - 85**
ביים כותל מערבי	46
די זעאונג פון אחרית הימים	54
די אוניווערזיטעט אויפן הר הצופים	56
אין היי קאָמישאָנערס פּאַלאַץ	61
די ישיבה אויף וויא דאָלאָראָזא	65
ווי מ׳האָט מיך געוואָלט לינטשען	68
איך באַקען זיך מיט דעם ישוב	74
ביי די בוכאַרער און תימנ׳ער	78
איך שפּאַציר	82
אויפן וועג קיין בית לחם	**86 - 91**
חברון	88
אין סלאָבאָדקער ישיבה	90
אַ שווים אין ים המלח	**92 - 99**
ווי מען לערענט מיט מיר קבלה אין צפת	**100-104**
שכם	**105-111**
דותן	**112-115**
נצרת	**116-119**
אין אויפגעלעבטען עמק	**120-159**
עין חרוד	120
צריפין	129
טראַנסילוואַניע	132
בלפוריה	134
נהלל	138
ביים יאַבלאָנער רבי	144

זייט

וואונדערליכע פרייד 147
קדושה 151
שטיינער 155
בערג .... "
העברעאיש 157
שוואכהארציגע 158
זכרון יעקב 160-163
פתח תקוה 164-166
מיין לאנדסמאן בונם אין בני ברק 167-174
תל אביב 175-184
מצרים 185-206
מצרים 185
אין לאנד פון פיראמידען 190
אויפן נילוס 196
צווישען די פרעה'ס 200
דער וואונדערליכער ברונען 201
אין עגיפטישען מוזעאום 202
אפפאל 203
אין שענקען 204
איטאליע 209-253
נעאפאל 209
פערשטעלטע חלוצים 214
א געיעג 217
ניסים ונפלאות 222
מאטיע בורטשע 225
א מצבה 229
אויפן וועזוף 232
פאמפיי 235
ווענעציע 242
טויבען 246
טריעסט 250
ברינדיזי 251
צווישן בערג 252